STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07775

DOS BLOYE SHIFELE

Berl Grynberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס בלויע שיפעלע

בערל גרינבערג

דאָס בלויע שיפעלע

דערציילונגען

●

הילע געצייכנט פון
רפאל מאנדלצווייג

אַרויסגעגעבן פון
מענדל אַבזאַץ

בוענאָס איירעס 1948

Impreso en la Argentina
Printed in Argentine

Hecho el depósito
que marca la ley

Copyrigth by Berl Grynberg

BERL GRYNBERG

EL BARQUITO AZUL

("DOS BLOE SCHIFELE")

CUENTOS

Editado por Manuel Absatz

Buenos Aires, Argentina

1948

:אינהאַלט

	זייט
דאָניאַ רעבעקאַס אייביקע וואָך	7
סעניאָריטאַ אסתרס שבתדיקע ליכטלעך	48
סוסאַנאַס פּרילינג	58
לעבנסשפּיל	75
דאָס בלויע שיפעלע	82
אויפן קראַנקנבעט	90
דער יונגער זיידע	94
שיינע מענטשן	109
טילע	115
טרערן אינעם שניי	127
מאָרגן	142
די האַנט	147

מיין פּאָלאַן.

דאָניאַ רעבעקאַס אייביקע וואָך

פארנאכט האָט זיך איבער דער שטאָט אַראָפּגעלאָזט אַ געלבלעכער נעפּל. אַראָפּגענידערט אויף די דעכער פון די הייזער, אָפּגעמעקט די שפּיצן פון די קירכעס, פון די דעכער און ווי אָפּגעהאַקט די קעפּ פון די ביימער, האָט דער נעפּל אין זיך אַריינגעזאַפּט דאָס ליכט פון יעדן לאָמפּ און לאַמטערן. די גאַנצע לופט האָט זיך געפאַרבט מיט געל־ראָזיקן בראַנד און עס האָט אויסגעזען, אַז ערגעץ־ווו פלאַקערן שרפות, וועלכע ברענען, שטעט שטייען אין פלאַמען, און אַז די בערג וואָס רינגלען אַרום די שטאָט, אַנטלויפן פונעם פייער, טוליען זיך צו די ווענט פון דער שטאָט, רינגלען איר אַרום און אַט, באַלד וועלן זיך די בערג אָן עפּעס שטרויכלען און אַרויפפאַלן אויף הייזער, אויף מענטשן, — איינוואַלגערן די שטאָט.

און די שטאָט האָט זיך געשטיקט מיט אומרואיקע קולות: מענטשן האָבן גערעדט מיט הויכע קולות, פערד האָבן געהירזשעט; פונעם כמעט אייביק טרוקענעם טייך, וואָס שלענגלט זיך צופוסנס פון דער שטאָט, האָבן מחנות זשאַבעס אַרויסגעקוואַקעט, גרילן האָבן געגרילצט, און פונעם זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט אַרויסגעברומט דער איינזאַמער לייב, אַ ווילד־געוואָרענער אין דער נעפּלדיקער נאַכט; אין די ריזיקע אָדלער־שטייגן האָבן די קאָנדאָרס ווילד געפּאַכעט מיט די פליגלען און געשאָטן מיט ווינט און שטויב; דער לייב איז געוואָרן ווילדער און רציחהדיקער, געביסן די אייזערנע שטאַבעס פון זיין שטייג; ערגעץ נאָענט האָבן זיך אַ מחנה הינט געביסן, געבילט, געריסן איינס ביים אַנדערן לעבעדיקע שטיקער פלייש פון די פעלן.

און דער נעפל האָט זיך אַלץ העלער צעצונדן און נאָך נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטאָט, אין די גאַסן; איינגעזאַפּט אין זיך און אויסגעזויגן פון אומעטום, ווו נאָר עס האָט געלויכטן אַביסל ליכט, און צוריקגעוואָרפן די קולות און דעם טומל.

אין אַזאַ נאַכט, — אַ נאַכט פון פריייטיק אויף שבת — האָט זיך דאַניאַ רעבעקאַ געגרייט צו דער מאָרגנדיקער חתונה פון איר ייִנגסט קינד, איר איינציקע טאָכטער פלאָראַ.

אָט אין דער נאַכט פאַר דער חתונה האָט דאַניאַ רעבעקאַ נישט געקענט אַנטדרימלט ווערן. זי איז געלעגן אַ וואַכנדיקע אין דער פינצ־טערניש, אַרויסגעקוקט דורך די שפּאַלטן פון שטרויענעם ראָלעט, וואָס איז געהאָנגען אַן אַראָפּגעלאָזטער איבער דער טיר פונעם צימער, האָט זי געקוקט צו אַ ליכטיקן שטערן אין הימל, און איר קאָפּ האָט זיך געבראָכן פונעם שווערן עול, פון מאָרגנדיקן טאָג. זי האָט שוין צום וויפלסטן מאָל באַרעכנט, וואָס זי דאַרף אויף מאָרגן אָפּטאָן און איר האַרץ האָט געציטערט פון שרעק, אַז זי וועט זיך מיט אַלץ נישט קענען קיין עצה געבן.

זי האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אויף איר געלעגער. זי איז געוואָרן נערוועזיש און האָט זיך מיטאמאָל אפילו אויפגעזעצט. עס האָט זיך איר געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון בעט און זיך אָנהייבן אָנטאָן, אָבער באַלד האָט זי צוריק אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן. זי האָט זיך באַרעכנט, אַז זי וועט גאָרנישט אויפטאָן מיט איר אויפשטיין אינמיטן נאַכט, זי קען איצט אַלצאיינעם גאָרנישט טאָן. זי האָט אַ נערוועזישן פּאַטש געטאָן מיט אַ האַנט אין דער קאָלדרע און צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן מיט אַ קול, ווי עמיצער וואָס רעדט פון שלאָף:

— טאַקע, איך זאָל אַזוי נישט וויסן פון שלעכטס, ווי איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וועל מיר אַליין אַן עצה געבן — פון שלעכטס זאָל איך אַזוי נישט וויסן!

עס האָט איר קיינער נישט אָפּגעענטפערט. דער ליכטיקער שטערן האָט ווייטער דורכגעלויכטן דורכן שטרויענעם ראָלעט, און פון צווייטן צימער האָט דורך דער האַלב־צעפּראַלטער טיר, זיך דערטראָגן דאָס שטילע אָטעמען פון איר טאָכטער פלאָראַ. די כלה איז געשלאָפן אַזאַ רואיקע, ווי אַלע נעכט פון איר ביז־איצטיקן לעבן; דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך אפילו אָנגעהויבן אויסדוכטן, אַז פלאָראַ שלאָפט היינט רואיקער און

גלייכגילטיקער ווי אַן אַנדערש מאָל און זי האָט שטיל באַוווּנדערט איר איינציקע טאָכטער, די אייביק רואיקע און אין זיך זיכערע מויד... דאַ־ניאַ רעבעקאַ האָט טאַקע אַלע מאָל און היינט, אין דער לעצטער נאַכט פאַר דער חתונה, געשטוינט פון וואַנען האָט זיך צו איר דערנומען אַזאַ טאָכטער, וואָס געראָט נישט אין איר, אין דער מוטער און אוודאי נישט אינעם פאָטער, איז אַפילו מיטן אויסזען צו זיי נישט ענלעך, ווי זי וואָלט צו זיי אין שטוב אַריין, אינעם גאַנצן לעבן אַריין — אַריינגעפאַלן ווי אַ פרעמדער שטיין, — פון הימל אַראָפּגעפאַלן...

דאַניאַ רעבעקאַ האָט נאָך אַמאָל אַ פאַטש געטאָן מיט דער האַנט אויף דער קאָלדרע און האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו דערמאָנען, ווי אַזוי זי האָט מיט קנאַפּע עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק חתונה געהאַט: ווי אַזוי זי האָט אין דער נאַכט פאַר איר חתונה, ווי אין דער היינטיקער נאַכט, קיין אויג נישט געקענט צומאַכן; ווי אַזוי זי האָט געשווינדערט ביים געדאַנק פונעם אָנקומענדיקן טאָג, און ווי אַזוי זי האָט אַריינגע־בליקט אין יענער פינצטערער נאַכט און זיך איינגעהערט צו דער דע־מאָלסט, שוין לאַנג־פאַרגאַנגענער, שלאָפנדיקער וועלט, און האָט זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס איז די וועלט אַזוי שטיל, רואיק, פּונקט דעמאָלט ווען מיט איר, מיטן גאַנצן לעבן, וועט באַלד פאָרקומען אַזאַ וווּנדערלעכע ענדערונג, פאַרוואָס?

אַזוי האָט זי, דאַניאַ רעבעקאַ, מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק געטראַכט אין דער לעצטער נאַכט פאַר איר חתונה, און איצט, אַזוי פיל יאָרן נאָך יענער נאַכט, האָט זי זיך אין דער פינצטערניש פאַרשעמט צעשמייכלט און צו זיך נאָך אַמאָל אַ זאָג געטאָן מיט אַ פרעמד אָבער שפּאָטיש קול:

— וואָס וואָלסטו געוואָלט, די וועלט זאָל שרייען געוואַלד, ווייל דו ביסט געגאַנגען חתונה האָבן?...

עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז דאַניאַ רעבעקאַ זאָל אָנהויבן לאַכן. זי האָט זיך אָבער באַלד צוריק דערמאָנט אין איר טאָכטער פלאָראַ און עס האָט איר צוריק אַרומגעכאַפּט אַ טרויעריקער געפיל. אוודאי טוט איר טאָכטער גוט, וואָס זי שלאָפט רואיק. אוודאי זיינען היינט אַנדערע צייטן... פלאָראַ איז דאָך דער נייער דור און די מענטשן זיינען שוין היינט

נישט אַזוי ראָמאַנטיש און נאַריש. ווער זאָגט דאָס, אַז דער נייער דור איז נאַריש?...

דאַניא רעבעקאַ האָט זיך איבערגעלייגט אויף דער צווייטער זייט, אונטערגעלייגט אַ פּויסט אונטערן קאָפּ און שוין געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, אָבער עס האָט איר נאָך אַלץ קיין שלאָף נישט גענומען. זי האָט זיך ווידער דערמאָנט אינעם מאָרגנדיקן טאָג און אין איר טאָכטער; ס'איז טאַקע גוט וואָס איר טאָכטער שלאָפט, ווייל ווען זי וואָלט איצט אַפּילו געוועןוואַך, וואָלט זי מיט דער טאָכטער אַלצאיינס נישט גערעדט... שוין אַ לענגערע צייט ווי די מאַמע און טאָכטער זיינען ברוגז און ריידן נישט צווישן זיך, ווען זיי בלייבן צווישן זיך אַליין. זיי ריידן בלויז צווישן זיך אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן; מאַמע און טאָכטער שעמען זיך אַפּילו, אַז פרעמדע מענטשן זאָלן ווייסן, אַז זיי זיינען צעקריגט... אָבער אויך אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע מענטשן, פאַרשטייען זיי זיך איין בלויז אויפן ווונק און אויף שטום־לשון; שוין באַלד צוויי יאָר אַזוי און מסתמא וועלן זיי זיך נישט איבערבעטן דאָס גאַנצע לעבן — אייביק!

דער גרויסער שטיי־זייגער אינעם עסצימער האָט זיך צעקלונגען. עס איז שוין געווען צוויי אַזייגער פאַרטאָג. וויפל נעכט אין איר לעבן, האָט דאַניא רעבעקאַ געהאַט אַזעלכע שלאָפלאָזע, ווי אין דער נאַכט פאַר איר טאָכטערס חתונה? איר דוכט זיך אויס, אַז כמעט אַלע נעכט פון איר לעבן! און די טעג זיינען אויך נישט בעסער. אַלע טעג פון איר לעבן ציען זיך ווי אַ גרויסע אייביקע וואָך, אַ גרויע וואָך אָן אַ שבת און אָן אַ יום־טוב. און אין אָט דער נמאס־לאַנגער וואָך, פּאַסירן מיט איר אַזוי־פיל מאָדנע און פאַרדריסלעכע זאַכן: אָט איז זי — ווי ערשט נעכטן וואָלט דאָס געווען — אַ יונגע מאַמע; אָט וואָלט זי שוין געוואָלט אירע קינדער זאָלן אויסוואַקסן, גרויס ווערן; אָט זיינען זיי שוין גרויסע מענטשן; איר עלצטער זון ענריקע וווינט אין בוענאָס־איירעס, און ער אַרבעט ערגעץ אין אַ ראַדיאָ־סטאַנציע אַלס אַ ספּיקער און קאָמענטאַטאָר פון פאַרשיידענע ספּאָרטן: באָקס, פוטבאָל, טעניס, קאַטש־אַס־קאַטש־קאַן, און אַנדערע משוגעתן; זיין גאַנץ לעבן איז אָבער דער פוטבאָל. ער האָט צעביטן זיין לעבן פאַר אַ פּילקע און איז אויסגעוואַקסן אַ פוסטער יונג. ער לייגט זיך שלאָפן מיט דער פּילקע און שטייט אויף מיט דער

פילקע... שוין יאָרן, און אפשר פון זיין פריעסטער קינדהייט, קאָן זי, זיין מאַמע, זיך נישט דערמאָנען, ער זאָל אַמאָל האָבן געוועדט וועגן אַנדערע זאַכן. ער האָט נישט געוואָלט לערנען, שטודירן; און ער וואָלגערט זיך אַרום אין בוענאָס־איירעס. ווען ענריקע איז נאָך געווען אַ קליין קינד האָט זי געהאָפט צו דערלעבן פון אים נחת און פרייד. אַז ער איז אונ־טערגעוואַקסן האָט זי זיך איבערצייגט, אַז אירע האָפענונגען זיינען אומ־זיסטע; ער וועט שוין אויפוואַקסן ווי דער טאַטקעלע... שפּעטער אַביסל האָט זי נאָך אַמאָל אָנגעהויבן האָפן: די טאָכטער, פלאָראַ, האָט אַלס קינד אַרויסגעוויזן אַ סך פליים און חשק צום לערנען. דאָניאַ רעבעקאַ האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז איר טאָכטער וועט כאָטש ווערן אַ לערערקע. אַ סך מאָל האָט זיך איר געחלומט, ווי איר טאָכטער, אין אָנגעטוענע אין אַ ווייסן כאַלאַט, שטייט זי אין אַ ראָד פון צענדליקער קליינע קינדערלעך און פּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט פון די קינדערלעכס געזאַנג... און די קינדערלעך לאַכן און זינגען, פּליעסקען מיט די הענטעלעך... זי, דאָניאַ רעבעקאַ, איז — אין חלום — געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דער שול און זיך געבאָדן אינעם געזאַנג און געקוקט מיט פרייד, מיט פאַרטרערטע אויגן אויף איר טאָכטער. אָבער נאָר אין חלום האָט אַזעלכעס פּאַסירט... פלאָראַ איז אויפגעוואַקסן אַ שלעכטע מויד מיט אַ האַרץ פון שטיין, וואָס האָט איר מוטער נעשראָקן און געפּייניקט מיט משונהדיקע און ווילדע רייד. זי, איר טאָכטער, האָט שוין, אַלט זייענדיק איינגאַנצן פופצן יאָר, נאָכדעם ווי זי האָט איבערגעלייענט אַביסל שמאַטעוואַטע ביכלעך און אַן אַ שיעור גאַסן־זשורנאַלן, דערקלערט פאַר איר מוטער, אַז „קיין ליבע איז אויף דער וועלט נישט פאַראַן; ליבע איז אַ „מאַקאַנע"*), אַן אויס־געטראַכטע זאַך! חתונה האָבן וועט זי אפילו מיט אַן אַלטן, מיאוסן מאַן, נאָר געלט זאָל ער פאַרמאָגן אַ סך, אַ סך געלט!"

דאָניאַ רעבעקאַ האָט זיך דערמאָלט אַזש צעוויינט פון איר טאָכטערס רייד. זי האָט געפיבערט פון היץ און שאַנדע. איצט, ביים דערמאָנען זיך, איז איר נאָך אַמאָל היים געוואָרן און זי האָט מיט די פיס פון זיך אַראָפּ־געשאַרט די לייכטע קאָלדרע. זי האָט זיך איבערגעלייגט אויף דער צווייטער זייט פונעם ברייטן בעט. עס האָט זיך געוואָלט אַנטלויפן אויף אַן

*) מאַקאַנאַ — נאַרישקייט.

אנדער אָרט, ווו די שלעכטע דערינערונגען פון פאַרגאַנגענע טעג און יאָרן זאָלן איר נישט נאָכלויפן. די שלעכטע זכרונות זיינען נאָכגעלאָפן; אויסגעלעבטע יאָרן, חדשים און טעג זיינען אויפגעשטאַנען תחית־המתים; פלאָרא איז געוואקסן, שענער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. צוזאַמען מיט דער טאָכטערס שיינקייט איז מיטגעוואַקסן דאָס שלעכטע הארץ.

פלאָרא האָט געענדיקט דאָס שטודירן. זי האָט זיך דיפּלאָמירט אלס א לערערן, אָבער זי האָט אפילו דעם דיפּלאָם נישט געוואָלט איינרעמען און האָט דעם דיפּלאָם ערגעץ פאַרוואָרפן ווי א שמאַטע. זי האָט לייכטער ווי עמיצער אנדערש, געקענט באַקומען א גוטן פּאָסטן, נאָר זי האָט נישט געוואָלט ארבעטן. פלאָרא האָט מיט אַן אומפאַרשעמט פּנים גאָר אָפן זיך מודה געווען, אז „זי איז צו שיין, זי זאָל דאַרפן שוויצן...” איבעריקנס האָט זי מיטאַמאָל אָנגענומען א באַשלוס שנעל חתונה צו האָבן. אפילו די מוטער האָט נישט געוווסט וועמען פלאָרא וועט אויסקלייבן... דאָניא רעבעקא האָט זיך נאָר געשראָקן, אז פלאָראס באַשערטער זאָל נישט זיין קיין קריסט. דאָניא רעבעקא האָט זיך געשראָקן פאַר אזא זאַך און זי האָט זיך באַצייטנס אָנגעהויבן גרייטן. דאָניא רעבעקא האָט געהאַט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז כאָטש זי איז נישט קיין פרומע, וועט זי איר טאָכטער מיט קיין קריסט נישט לאָזן חתונה האָבן. וואָס וואָלט זי געטאָן? מעגלעך, אז זי וואָלט זיך געסמט און מעגלעך, אז זי וואָלט זיך גאָר צוריק אהיימגעפאָרן, צוריק אהיים, צוריק אין דעם שטעטל ווו איר וויגל איז געשטאַנען; זי וואָלט אלע טאָג געגאַנגען אויף דער מאַמעס קבר... אויפן טאַטנס קבר... עס לוינט זיך נישט צו שטאַרבן צוליב אזא מויד!

אָבער עס האָט אזוי נישט פּאַסירט; פלאָרא האָט זיך גאָר אויסגעקליבן א יידישן בחור, נאָך כמעט א גרינער, וואָס איז „מיאוס ווי די נאַכט”, און האָט א רויט מיט בלוט פאַרלאָפן פּנים; פלאָראס חתן איז הויך, אַז ער גייט קוים דורך די טיר; הערשל זאַק, דאָניא רעבעקאַס צו־קונפטיקער איידעם, געפינט זיך קוים צוויי יאָר אין לאַנד, אָבער ער פאַרמאָגט שוין א גרויסע קלייט אויף ריוואַדאַוויא־גאַס און צאָלט בלויז דירה־געלט פינף הונדערט פּעזעס א חודש. מען דערציילט וועגן אים מאָדנע זאַכן: מענטשן ווייסן, אז ער איז שוין געווען עטלעכע מאָל ארעסטירט פאַרן „אויפעסן וועקסלען”... אז דערפאַר איז ער טאַקע שנעל רייך געוואָרן... אָט דער הערשל וועט מאָרגן ווערן דער איידעם פון דאָניא

רעבעקא און דער מאן פון איר טאַכטער פלאָרא. גאָט זאָל איר נישט שטראָפן פאר די רייד... נאָר זי וואָס איז שוין אן אלטע יידענע, און ווען עס זאָל געווענדט זיין אין איר, איז ווען ער זאָל אפילו זיין דער איינציקער מאן אויף דער וועלט... אָבער פלאָרא האָט אים אויסגעקליבן ווייל ער האָט שוין געלט, און דאָס הארץ זאָגט איר, אז ער וועט נאָך פארמאָגן א סך מער געלט!

א סך מאָל האָט פלאָרא דאָס דערציילט דער מוטער און יעדעס מאָל האָט דאָניא רעבעקא איר אָפגעשוויגן. זי האָט אפילו געהאט כוח אָפצורשווייגן איר צוקונפטיקן איידעם, ווען ער האָט אמאָל געזאָגט: „יעדער מענטש האָט די ווערט וויפל ער פארמאָגט: אז איינער פארמאָגט גאָרנישט — איז ער גאָרנישט ווערט! איך, הערשל זאק בין דערווייל ווערט הונדערט טויזנט פעזעס... מיר אלע זאָלן אזוי געזונט זיין!...”

דאָניא רעבעקא האָט געשוויגן. זי האָט בלויז געטראכט אין זיך: „גאָט מיינער, פארוואָס שטראָפסטו מיך מיט אזא נמאסן איידעם און אזא שלעכטער טאָכטער... פארוואָס קומט דאָס מיר?”

אָבער דער צוקונפטיקער איידעם איז געווען ווייניקער נמאס ווי פלאָרא איז געווען שלעכט. אין הערשלען האָט כאָטש „געשלאָגן א יידישער אָדער”. דער יונג האָט טאָקע ליב געהאט געלט, אָבער ער האָט אויך ליב געהאט זיין פאָלק, ליב געהאט יידישע עסנס... יידישע מנהגים און יידיש טעאַטער... פלאָרא האָט בלויז ליב געהאט געלט און פיינט געהאט איר פאָלק, איר בלוט און פלייש...

פלאָרא האָט איר מוטער א סך מאָל פארשאפט עגמת־נפש, קרענקונג און הארץ־ווייטיק. פלאָרא האָט פיינט געהאט אלץ וואָס האָט געהאט א שייכות מיט יידן און יידישקייט, און כאָטש, אז מען איז אריינגעקומען צו דאָניא רעבעקאַן אין הויז, האָט מען זיך אזוי לייכט נישט געקאָנט אָנשטויסן, אז דאָס איז א יידישע שטוב, האָט זיך פלאָרא דאָך געשעמט מיטן קלענסטן סימן פון יידישקייט, וואָס האָט זיך געפונען אונטער זייער דאך; די איינציקע זאך אין דעם הויז, וואָס וואָלט געקענט אויסדערציילן, אז פלאָרא איז א יידישע טאָכטער, איז א יידישע צייטונג, וואָס פלעגט פינקטלעך, איינס נאָכמיטיק, אָנקומען פון בוענאָס־איירעס; אָט די יידישע צייטונג פלעגט אָפּאָרן קנאַפּע דרייסיק שעה מיטן שנעלצוג, ביז די עטלעכע בויגנס מיט געדרוקטע יידישע אותיות האָבן גע־

גרייכט צו דאָניא רעבעקאן אין האַנט. יעדן נאָכמיטיק האָט דאָניא רע־בעקאַ געקוקט מיט אומגעדולד אויפן זייגער און מיט א מאָדנעם אומרו געוואַרט אויפן פּאָסט־טרעגער, וואָס פלעגט אַ טעמפּן קלאַפּ טאָן אין טויער און אריינוואַרפן אויף דער ערד די ציימונג. אויב פלאָראַן פלעגט אַמאָל אויסקומען אויפצוהייבן די צייטונג פון דער ערד, האָט זיך איר פנים שטענדיק פאַרזויערט. און איינמאָל ווען פלאָרא האָט איר געבראַכט די צייטונג האָט זי אפילו צו איר געזאָגט מיט פאַרוווּרף און שפּאָט:

— „אָט האָסטו דיין דיאַריאָ*) מאַמאַ! אָ... ווען וועט דאָס שוין אַמאָל אויפהערן אָנקומען צו אונדז, גאָט מיינער!...”

דאָניאַ רעבעקאַ האָט איר אָפּגעענטפערט מיט ציין־קריצעניש:

— „ווען איך וועל שטאַרבן, נחת מיינער!”

פלאָרא האָט זיך קאָקעטיש־צאַרט געגלעט די היפטן, גלייך געמאַכט דאָס קליידל און ווייטער געזאָגט:

— „אַ, מאַמאַ, ווי פאַנאַטיש דו ביסט! שעמסט זיך נישט?”

דאָניאַ רעבעקאַ האָט איר דעמאָלט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער צייטונג איבערן פּנים און אויסגעשריגן:

— „שווייג, זאָג איך דיר!”

אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. אַ סך יאָרן נאָכאַנאַנד, האָט פלאָרא מיט רשעות און טיפּשות, פונקט איינס בייטאָג, געפּייניקט איר מאַמע, צוליב די יידישע אותיות וואָס קומען אָן פון בוענאָס־איירעס. זי פלעגט אויפהויבן די צייטונג פון דער ערד מיט צוויי פינגער ווי אַ מענטש הייבט אַמאָל אויף אַ געפּגרט מייזל; אָפּטמאָל פלעגט זי די צייטונג בכיוון אוועקלייגן אויף אַ פייכט אָרט.

דאָניאַ רעבעקאַ האָט פון דעם שרעקלעך געליטן און זיך אפילו נישט געקענט דערקלערן, פאַרוואָס און פון וואַנען האָט זיך צו איר טאָכטער גענומען אַזאַ האַס צו די אָפּגעדרוקטע בויגנס מיט יידישער שריפט. זי האָט זיך צו גאָרנישט געקענט דערטראַכטן. האָט זי אפשר איר טאָכטער שלעכט דערצויגן? — ניין! זי האָט צו איר טאָכטער געהאַלטן אַ יידישן לערער; צו אכט־צען יאָר האָט פלאָרא געקענט לייענען און שרייבן יידיש. זי האָט איר אַ סך מאָל געפירט אין דער אידישער ביבליאָטעק און האָט

*) דיאַריאָ — צייטונג.

מיט איר נישט געפעלט צו גיין אויף קיין יידישער טעאטער פאָרשטעלונג אָדער קאָנצערט. וואָס איז פאָרגעקומען פאַר א סך יאָרן, וואָס זיי ווינען אין דער דאָזיקער ווייט־פאַרוואָרפענער שטאָט. אָבער יידיש טעאטער האָט נאָך פלאָרא אביסל ליב — יידישע ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן האָט זי פיינט. פאַרוואָס?

דאָניא רעבעקא ווייסט נישט פאַרוואָס. זי ווייסט נאָר, אז זי האָט פיינט אלץ וואָס איר טאָכטער האָט ליב און האָט ליב אלץ וואָס איר טאָכטער האָט פיינט. דאָניא רעבעקאס איינציקע טרייסט אין איר וואָכעדיק לעבן איז טאַקע דאָס יידישע בלאַט, וואָס קומט אריין צו איר אין שטוב. זי איז טאַקע די איינציקע וואָס לייענט די צייטונג. אפילו איר מאַן האָט אויפגעהערט נעמען א יידיש וואָרט אין מויל אריין, כאָטש ער קען דווקא יאָ. איר מאַן לייענט אינגאַנצן נישט קיין ביכער און דער זון לייענט נאָר שפאַניש, אָבער פונדעסטוועגן קומט די צייטונג אָן אויפן מאַנס נאָמען. זי שעמט זיך, אז עס זאָל אָנקומען אויף איר נאָמען. זאָל די וועלט מיינען, אז אויך איר מאַן איז א לייענער. אפילו ענריקע, דער זון, האָט א שטילן דרך־ארץ פאַר די געדרוקטע יידישע אותיות און ער איז נאָך קיינמאָל נישט געוואָרן בייז און ער האָט אויך, נאָך קיינמאָל נישט באַקומען קיין היסטערישע אָנפאַלן, ווען מען פאַקט אים איין א פעקל אין א יידיש שטיקל פאַפיר... גרויסער גאָט, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?...

דאָניא רעבעקא האָט אויפגעהערט טראַכטן. אירע רעיונות זיינען פלוצלינג איבערגעריסן געוואָרן פון א שטיל געררויש. עמיצער האָט פאַרזיכטיק, נישט אָנצומאַכן קיין גערודער, שטיל אויפגעשלאָסן דעם טויער און צוריק פאַרשלאָסן, מיט נאָך שטילערע טריט זיך געשלייכט איבערן הויף, זיך געהייבן איבער געדרייטע טרעפלעך נעבן דער קיך. א טיר האָט זיך אויפגעפראלט און דער מענטש האָט אָנגעהויבן ארומשפאַנען הין און צוריק. רעבעקא האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז אהיימגעקומען איר איינציקער שכן, עפעס אָן עלנטער, גרינער יינגל, וואָס האָט ביי איר געדונגען דאָס צימערל מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס דאָס בחורל האָט ביי איר געוווינט האָט זי מיט אים גערעדט געציילטע ווערטער. ער האלט זיך פונדערווייטנס און ווייזט אויס צו זיין א שטאַרק שעמעוודיקער. זי הערט אים זייער זעלטן קומען און נאָך זעלטענער זעט

זי אים אוועקגיין. אָפּטמאָל ווייזט זיך איר אויס, אַז ער קומט גאָרנישט אהיים נעכטיקן. נישט ווילנדיק טראַכט זי לעצטנס אויך וועגן דעם שכן. זי פאַרשטייט, אַז ער דאַרף קוים אַלט זיין זיבעצן יאָר. איז ער נעבעך עלנט איר שכן: אַך, פאַרוואָס האָבן טאַטע־מאַמע געלאָזט אַזאַ קינד זיך לאָזן אַליין אין דער גרויסער וועלט אַריין. פאַרוואָס?

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך ווידער דערמאָנט אין איר טאָכטערס חתונה. אַוודאי וועט זי טאַקע פאַרבעטן דעם שכן אויף איר שמחה. אַן עלנטער נעבעך, זאָל ער כאָטש פאַרברענגען אַ נאַכט צווישן נייע יידן אין אַ נייַ לאַנד...

דאַניאַ רעבעקאַן האָבן די רעיונות אויסגעמאַטערט. זי האָט פעסט פאַרשלאָסן די אויגן דעקלעך, נאָר דער שלאָף האָט זי נישט גענומען. דער בחור האָט נאָך אַלץ אַרומגעשפּאַנט אין זיין צימערל: דריי טריט אהין און דריי טריט צוריק. דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, אָבער די לייכטע טריט וואָס האָבן אַרויסגעהילכט פונעם צימערל זיינען אומגעגאַנגען אין איר קאָפּ און אין איר האַרץ; זי האָט צוריק אָנגעהויבן טראַכטן פון איר גאַנצער משפחה, פון איר מאַן, וואָס אייביק איז ער אונטערוועגנס; ער איז אַן אָנגעשטעלטער ביי דער פירמע „בונכע אי באָרן", און זעלטן געפינט ער זיך אין זיין היים און אַז ער קומט שוין אַמאָל אַהיים אויף אַ פּאָר טעג, ליגט ער אַלצאַיינס, סיי ביי טאָג און סיי ביינאַכט אין די קאָפּעטן. ער איז פּשוט אַ קאָרטן־שפּילער און אַ דאָמינע־שפּילער. זיין גאַנץ לעבן, צייט זי קען אים, — איז ער פאַרפעסטעט מיטן ריח פון קנייפּעס און הייזלעך... עס פילט זיך פון אים אַנדערע ריחות אויך — ריחות פון שפּיטעלער און אַפּטייקן... אַן אויסזען האָט ער דווקא אַ זויבערן, נאָר גאָט און די דאָקטוירים ווייסן דעם אמת, אַז ער איז אָנגעשטעקט מיט שמוציקע קראַנקייטן ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך; שוין באַלד אַ צענדליק יאָר ווי זי און איר מאַן שלאָפן נישט אפילו אינעם זעלבן צימער. זיי זיינען שוין אָפּגעשיידט איינער פונעם אַנדערן, נאָך פון יענעם פרימאָרגן, ווען זיין רעקל וואָס איז געהאַנגען אויף אַ בענקל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און פון דער בוזעם־קעשענע איז אַרויסגע־פאַלן אַזאַ גלעזערן אינסטרומענטל, וואָס ווערט באַנוצט אויף צו קורירן וועגערישע קראַנקייטן; דאַניאַ רעבעקאַ האָט עס, דעמאָלט, אויפגעהויבן פון דער ערד מיט ברייט געעפנטע אויגן און מיט אַ בלאַס פּנים; זי האָט

אויפגעהויבן דאָס אינסטרומענטל מיט אזא עקלדיקער מינע און מיט מורא, אַט ווי זי וואָלט אויפגעהויבן א מעסער, מיט וועלכן מען האָט נאָר וואָס א מענטש געקוילעט; א ווײַלע איז זי, דעמאָלט, געשטאַנען ווי פאַר־גליווערט, נאָר באַלד האָט זי זיך געגעבן א ריס אַפּ פונעם אָרט און איז אַרײַן אין שלאָפצימער און האָט זיך געגעבן א האסטיקן זעץ־אַוועק אויפן בעט, נעבן מאַן, וואָס איז, נאָך אַ גאַנצער נאכט וואך־זײַן אין א קנײַפּע, גע־שלאָפן ווי אין הינערפּלעט; זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי זײַנע שיטערע האָר און זי האָט אים אָנגעהויבן וועקן פונעם שלאָף. ער האָט זיך א צאַפּל געטאָן און צעעפנט א פּאָר פאַרשלאָפן־דערשראָקענע אויגן.

— „וואָס איז געשען?" — האָט ער געפרעגט.

— „פאַרפוילטער הונט, האָסט מיך שוין אוודאי אומגליקלעך געמאכט!?"

זי האָט אים געשפּיזלט מיטן גלעזערנעם אינסטרומענטל פאַר די אויגן און דאָס האָט אים טאַקע שנעל אויסגעטשוכעט. ער האָט זיך אויפ־געזעצט און מיט אַלע כּוחות א שטופּ געטאָן פון זיך דאָס ווייב.

— „מיך? מיך רופסטו „פאַרפוילטער הונט"?

— „און ביסט טאַקע אַ פאַרפוילטער הונט, נאַ!" — איז זי אים פאַר־פאָרן מיט דער האַנט איבערן פּנים.

דער מאַן האָט אַ שפרונג געטאָן פון בעט און אָנגעכאַפּט זײַן ווייב ביים האַלדז; ער האָט איר אָנגעהויבן ווארגן און שטיקן און געשריגן ווי א משוגענער:

— „אַט, איך מאַך באַלד א סוף צו דײַן לעבן, דו... דו... איך בין א פאַרפוילטער הונט?!"

דאַניא רעבעקאַ האָט אָבער אין יענער מינוט באַקומען אזא גבורה וואָס זי האָט פריער נישט פאַרמאָגט. זי האָט מיט אזא אויסטערלישער פלינקייט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, אז ער איז פון איר אָפּגעפאַלן ווי א לײַמענע ליאַלקע; ער איז צוריק אוועקגעפאַלן אויפן בעט מיט א צעבלו־טיקטער נאָז און דאַניא רעבעקאַ האָט אים שוין געשטיקט און געשריגן:

— „געדענק, עס וועט זײַן אַ סוף צו דײַן לעבן אויב דו האָסט מיך קראַנק געמאַכט, אָנגעשטעקט... היינט איז דײַן לעצטער טאָג!"

דער מאַן האָט זיך אויפגעהערט ווערן. ער האָט צוריק פאַרמאַכט די

אויגן, פארמאכט דאָס מויל, נאָר דורך דער פארבלוטיקטער נאָז האָט ער ארויסגעפּאָנפּעט:

— „דערהרגע... דערהרגע... יעדן מענטשן קען פּאסירן אזא אומגליק"!

דאָניאַ רעבעקאַ האָט אָפּגעלאָזן די רציחה. זי האָט אים שוין גאָר נישט געענטפערט. נאָך יענעם זעלבן טאָג, מיטיקצייט, ווען דער זון איז אהיימגעקומען פון דער שול, האָט זי אים אָפּגעשטעלט, ארויפגעפאלן אויף איר אייגן קינד, ווי מען פאלט ארויף אויף א טאטן און האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט:

— „ענריקע, ענריקע, קום מיט מיר מיט, איך גיי מיר קויפן א בעטל..."

דער דאמאָלט קליינער, דרייצניאָריקער ענריקע, האָט אויסגעשטעלט א פּאָר צעחושטע אויגן אויף דער מוטער און ער איז רויט געוואָרן פאר חרפּה.

— „צו וואָס דארפסטו קויפן א בעט"?

דאָניאַ רעבעקאַ האָט זיך מיט בעס אויסגעשנייצט די נאָז און האָט געזאָגט:

— „דיין טאטע איז אַן אָנגעשטעקטער הונט... מיט א הונט וויל איך נישט שלאָפן אין זעלבן בעט... קום שוין, איך וויל מיר קויפן א בעטל".

ענריקע איז נאָך רויטער געוואָרן, ער האָט זיך געשעמט צו קוקן דער מוטער אין די אויגן און ער האָט זיך שיר נישט צעוויינט...

— „אָבער מאמאַ... צו וואָס דארפסטן מיר דערציילן אזעלכע זאכן?..."

דאָניאַ רעבעקאַ האָט צוזאמענגעבראָכן פון איר זונס גערעכטע טענהס און אויך זי האָט זיך אים שוין געשעמט צו קוקן אין די אויגן אריין. אָבער ענריקע האָט געהאט א גוט הארץ און ער האָט איר צוליב געטאָן... אין יענעם טאָג האָט ער באגלייט זיין מוטער אין מעבל-געשעפט און זיי האָבן איינגעהאנדלט א קליין אייזערן בעטל, וואָס דאָניאַ רעבעקאַ האָט עס כמעט קיינמאָל נישט באנוצט, ווייל נאָך אין יענעם טאָג איז דער מאַן אוועקגעפאָרן אָפּנעמען וואגאָנען מיט ווייץ און מאַיס און דאָס ניי-געקויפטע בעטל האָט מען אריינגעשטעלט אין באָד-צימער און דאָרט האָט עס געזשאווערט און ס'איז קיינער אף דעם נישט געשלאָפן...

דאַניאַ רעבעקאַ האָט שוין, ענדלעך, געהאַט איבערגעמישט אַלע פאַר־געלטע בלעטער פון איר לעבן. זי איז שוין געלעגן אַ פאַרמאַטערטע, און אויסגעשעפּטע און די אויגן האָבן זיך איר גענומען פאַרקלעפּן, צומאַכן. זי האָט אַ ווײַלע געדרעמלט, נאָר באַלד האָבן איר גענומען וועקן פאַר־שיידענע קולות: הענער האָבן זיך צעקרייט און פאַר די שבנהדיקע היי־זער האָבן זיך אויפגעכאַפּט עטלעכע קאַנאַריקעס מיט אַ טרילערײַ. אַ זייגער האָט זיך ערגעץ צעקלונגען און אַ לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפּייפט אַזוי נאָענט, ווי ער וואָלט געפאָרן אויפן דאַך פון איר הויז; גאָלדענע שטראַלן האָבן אָנגעהויבן ארײַנרײַסן זיך אין צימער. ס'איז טאָג געוואָרן.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך אויפגעריסן. זי איז שנעל אַראָפּ פון בעט און האָט זיך אָנגעהויבן אָנטאָן. באַלד איז זי אַרויס אויפן הויף און האָט געכאַפּט אַ בליק צום הימל. עס איז שוין געווען גוט ליכטיק, אָבער עס איז נאָך געווען זייער פרי. זי האָט באַמערקט ווי ביים שכן אין צימערל לייכט זיך נאָך דאָס עלעקטרישע לעמפּל. אַ ווײַלע האָט זיך איר אויס־געוויזן, אַז דער שכן איז מסתמא אנטשלאָפן געוואָרן און פאַרגעסן אויס־צולעשן דאָס ליכט. זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט ארײַנצוגיין אין קיך, אָבער ביים ערשטן טראָט, וואָס זי האָט געשטעלט, איז אינעם צימערל פינצטער געוואָרן. דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך דערנענטערט צו די געדרייטע טרעפּלעך און באַלד איז זי שוין געשטאַנען נעבן דער טיר פונעם צימערל און זי האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

אינעם צימערל האָט זיך אַ רודער געטאָן. דער שכן, אַ צעשויבער־טער, אַ באָרוועסער, איז שטיין געבליבן אין דער אויפגעפּראַלטער טיר מיט אַ צעשראָקן, פאַרדרימלט פּנים.

— גוט מאָרגן, יונגערמאַן — האָט דאַניאַ רעבעקאַ געזאָגט — איר ווייסט דאָך שוין, אפשר, אַז מיין טאָכטער האָט היינט חתונה, בין איך אייך געקומען פאַרבעטן. די חתונה קומט פאָר אין „יידישן סאַלאָן".

דער בחור האָט זיך צעשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוודאי וויים איך. אַ שיינעם דאַנק. איך וועל קומען.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט געוואָרנט:

— איר זאָלט נישט פאַרגעסן. איר וועט זיך באַקענען מיט אַלע יידן פון אונדזער שטאָט.

דעם בחורס פּנים האָט זיך פאַרשאָטנט:

— די יידן פון דער שטאָט — איך קען זיי שוין זייער גוט...

דאָניאַ רעבעקאַ האָט דעם בחורס ענטפער נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אים אָבער נישט איבערגעפרעגט. זי האָט אים בלויז געזאָגט, אַט ווי אַ מאַמע זאָגט אַ זון:

— איך האָב געהערט ווען איר זיינט אַהיימגעקומען... איר זיינט נאָך די נאַכט נישט געשלאָפן. איז אייך עפּעס?

דער יונגערמאַן האָט אויסגעמיטן צו ענטפערן. דאָניאַ רעבעקאַ האָט רחמנותדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַז איר וועט זיך שפּעט לייגן, וועט איר שפּעט אויפשטיין. מיט אַזאַ פירונג וועט איר אַמעריקע נישט מאַכן... זייט נישט בייז, וואָס איך זאָג דאָס אייך.

דער בחור האָט זיך פאַרקוקט איבער דאָניאַ רעבעקאַס צעשויבערטן קאָפּ און געענטפערט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— אַמעריקע איז שוין געמאַכט געוואָרן. איך בין נישט געקומען מאַכן אַמעריקע...

דאָניאַ רעבעקאַ האָט אָפּגעהאַקט:

— מילא, האָט נישט קיין פאַריבל. פאַרגעסט נישט צו קומען אויף דער חתונה, איך בעט אייך.

דאָניאַ רעבעקאַ איז צוריק אַראָפּ אין הויף. זי האָט זיך אויפגע־קאָכט טיי און אביסל שפּעטער איז זי אַרויס אויף דער גאַס און האָט זיך געלאָזט גיין צום יידישן סאַלאָן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. די לעצטע שפּורן פונעם ביינאַכטיקן נעפּל און מאָרגן־טוי האָבן שנעל אויסגעטריקנט. די קלייטן זיינען נאָך געווען פאַרמאַכט און האַלב־פאַרשלאָפענע ווייבער און דינסט־מיידלעך, אין שטעק־שיך, אָן זאָקן, האָבן זיך מיט ליידיקע קוישלעך אין די הענט געאיילט צום מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען אויף „פּלאַסאַ עספּאַניאַ”; די זון־שטראַלן האָבן דערווייל באַלויכטן די שטאָט פון דער הויך: די צלמים פון דער קאַטעדראַל, די דעכער פון די הייזער, און די העכסטע שפּיצן פון דיביימער; די גאַסן האָבן זיך שנעל גענומען וועקן. די טראַמווייען, געשלעפּט פון פערד, האָבן זיך צעקלונגען; הויכע וועגענער, געשלעפּט פון מויל־אייזלען, האָבן ציטערן געמאַכט דעם ברוק פון דער גאַס. אַן אַלטער איינגעבוירענער איטאַליענער האָט געטריבן עטלעכע קי

און די קעלבלעך זיינען אלע וויילע אַרויף אויף די טראָטואַרן און עפּעס געגישטערט מיט די לעדערנע טעפּלעך אַנגעטוענע אויף די מאָרדעס, זיי זאָלן נישט אַ זייג טאָן אביסל איבעריקע מילך. אויף אַ ראָג גאַס האָט אַ ציַיטונגס־פאַרקויפער אויסגעפייפט אַ טאַנגאָ און דער פּאָליציי־מאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין מיטן גאַס, האָט זיך מיט אים גע־ווערטלט:

— פארמאַך דעם פּיסק, מענטשן שלאָפן נאָך!

דער יונג האָט נאָך העכער געפייפט:

— מיט מוזיק שלאָפט זיך בעסער...

דאַניאַ רעבעקאַ איז שנעל געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס. עפּעס האָט איר די שטאָט היינט אַנדערש ווי אַלע מאָל אויסגעזען. די נידעריקע הייזקעס מיט די קראַטעס אויף די פענצטער האָבן איר דערמאָנט אין אַן אַלטער שפּאַנישער שטאָט, וואָס זי האָט אַמאָל געזען פאַרבייפאָרנדיק מיט דער שיף און זי האָט זיך דערמאָנט אין אינקוויזיציע מעשיות: קאַר־דענאַלן מיט פּורפּורנע קליידער פּרעפלען תּפילות און יידן שפּרינגען מיט געזאַנג אויף די ברענענדיקע שייטער־הויפנס...

דאַניאַ רעבעקאַ האָט פאַרגיכערט אירע טריט. זי האָט זיך פאַרנור־מען מיט אַ זייטיקער גאַס און האָט נאָך באַדאַרפט דורכגיין צוויי הייזער־בלאָקן אויף צו קענען צוקומען צום יידישן סאַלאָן. זי האָט געמוזט אַזוי טאָן, ווייל דער יידישער סאַלאָן האָט זיך געפינען כמעט ביים עק שטאָט, האַרט אַנטקעגן ברעג ביים טרוקענעם טייך, אויף דער זעלבער גאַס, וו עס האָבן זיך אויך געפונען אַלע בורדעלן און פרייליעבע הייזלעך פון שטאָט. אויף דער גאַס איז קיין אַנשטענדיקע פרוי נישט דורכגעגאַנגען, אָבער דער יידישער סאַלאָן האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער גאַס, נאָר ביים סאַמע עק; דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך פאַרנומען מיט יענער גאַס דורך וועלכער מ'איז אָנגעקומען צו דער געביידע הינטן אַרום. פאַרוואָס האָבן די יידן פון דער שטאָט אויפגעשטעלט זייער הויז אויף אַזאַ גאַס, האָט דאַניאַ רעבעקאַ נישט געוווסט. פאַר די אַן אַ שיעור יאָרן, וואָס זי האָט געוווינט אין דער שטאָט, איז אַלץ אַרום, די גאַנצע שטאָט אַן אויפ־הער געוואַקסן, נאָר ערד האָט נאָך אַלץ געקאָסט ביליק און מען האָט געקאָנט קריגן פאַרן זעלביקן געלט עפּעס אַ שטיקל פּלאַץ אויף אַן

אנדערער גאס, אויף אן ערלעכער גאס... טאקע פארוואס האט מען עפעס אויסגעקליבן אט די גאס?

ענדלעך האט זי זיך אפגעשטעלט פארן פארמאכטן טויער פונעם סאלאן און זי האט אנגעקלונגען.

זי האט געווארט א ווײלע און האט זיך ארומגעקוקט. אנטקעגן סאלאן האט זיך געשלענגלט דער אייביק־טרוקענער טייך. פון די זאמדיקע ברעגעס, וואס זיינען געווען שיטער באוואקסן מיט ווילדע גראזן און קושאקעס, האט זיך געשלענגלט א זילבערן פלאך ריטשקעלע. עטלעכע אפגעריסענע, האלב־נאקעטע קינדער, האבן זיך שוין געפלעסקעט אין פלאכן וואסער צוזאמען מיט עטלעכע שווארצע הינט. עטלעכע אויסגעדארטע פערד זיינען ארומגעקראכן צווישן די קושאקעס, און די הייזלגאס איז נאך געלעגן אינעם ערשטן שלאף און אויף אלע ווענט פון דער גאס, האבן זיך נאך אנגעזען נאסע סימנים פון מענטשן־שמוץ. שלעכטע ריחות האבן זיך אייביק געטראגן פון דער גאס און פייכט־קראנקע ריחות פונעם טייך.

דאניא רעבעקא האט געוואלט נאכאמאל אנקלינגען, נאר באלד האבן זיך דערהערט לאנגזאם פארשלאפענע טריט. ר' אייזיק שמש, א ייד מיט א פליך, נאר מיט א געדיכטער ברייטער בארד, האט זיך דערנענטערט צום טויער, צו דעם פארקן מיט די אייזערנע שטאכעטן. ער האט לאנגזאם אריינגעשטעקט דעם שליסל אין שלאס און אנגעהויבן אויפצושליסן. אז דער שלאס האט נישט נאכגעגעבן, האט ער אנגעהויבן קרעכצן, צוריק ארויסגענומען דעם שליסל, זיך איינגעבויגן, צוגעלייגט דעם קאפ צום שלאס, אריינגעקוקט אינעם שליסל־לאך, נאך שטארקער געקרעכצט און אנגעהויבן שאקלען דעם טויער. דער טויער האט זיך נישט אויפגעמאכט און דער שמש האט זיך אנגעהויבן בייזערן:

— שוין יארן, סעניארא, ווי איך בעט די קאמיסיאן, בעט דעם פרעזידענט, אז מען זאל לאזן פארריכטן דעם שלאס. און זיי הערן מיך ווי דעם פאראיאריקן שניי!

דאניא רעבעקא איז געווארן אומגעדולדיק. זי האט זיך אנגעבויגן, אריינגעקוקט אינעם שליסל־לאך, האט זי געבעטן דעם שמש:

— גיט מיר, ר' אייזיק, דעם שליסל. איך וועל פון דער זייט אויפשליסן.

ר׳ אייזיק האָט זיך נישט געאיילט.

— איר וועט נישט קענען, איר וועט נישט קענען.

דאַניאַ רעבעקאַ איז בייז געוואָרן. זי האָט באַפוילן:

— דערלאַנגט מיר דעם שליסל, זאָג איך אייך!

ר׳ אייזיק האָט נישט גערן אַרויסדערלאַנגט דעם שליסל דורך די שטאַכעטן. אַ חוזק־ביטול־שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף זיין ברייטער באָרד, ווי ער וואָלט זיך געשווירן: „בין איך נישט קיין ייד, אויב זי וועט אויפשליסן״.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט דערווייל אַ ידריי געטאָן דעם שליסל, אַ שטופּ געטאָן דעם טויער, וואָס האָט זיך געעפנט מיט אַ טראַסק, אַזש פון די אייזערנע שטאַכעטן האָבן אָנגעהויבן אַרויסברומען גראָבע טענער־קלאַנגען, ווי פון צעריסענע באַס־סטרונעס.

ר׳ אייזיק האָט זיך אָנגעהויבן קראַצן אינעם פּליך און געזאָגט מיט חניפה:

— איך האָב גאָרנישט געוווּסט אַז איר זייט אַזאַ בריה, סעניאָראַ.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך פאַרניינגט מיט איראָניע און בייזקייט:

— אַ שיינעם דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

דער שמש איז געבליבן שטיין באַליידיקט און שטום און דאַניאַ רעבעקאַ האָט דערווייל אויפגעמאַכט די צווייטע הילצערנע טיר און איז געבליבן שטיין אין אַ פּוסטן, טונקעלען סאַלאָן — אין יידישן סאַלאָן.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט און עפּעס טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער סאַלאָן איז איר איצט ווייניקער געפעלן ווי אַלע מאָל. דער סאַלאָן האָט זיך איר איצט אויסגעוויזן ווי אַ גרויסע בודע מיט בלויע ווענט. אַז זי האָט געקוקט צו דער וואַנט אין מערב־זייט, צום צונויפגעשטעלטן אָפענעם בינעלע, האָט זי זיך דערמאָנט אין אַ שמוציקן פּאָרט שאַנטאַנדל, וואָס זי האָט געזען אין אַ פילם, און אַז זי האָט זיך אויסגעדרייט אין מזרח זייט, צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, האָט איר אָנגעכאַפּט אַ רחמנות אויפן אָרעם רויט־געפאַרבטן אָרון־קודש מיטן שמאָלן שטענדערל ביי דער רעכטער זייט. די גאַנצע בודע האָט אויסגעזען ווי אַ צונויפגעשטיקעוועטע אומגעלומפּערטע זאַך: האַלב־טאַנץ־סאַלאָן און האַלב־שילעכל; ווייזט אויס, אַז די מענטשן וואָס האָבן אויפגעבויט דעם זאַל, זיינען אויסן געווען איינצושפּאָרן עפּעס און האָבן זיך גאָר אויסגע־

ברענגט... ביי דער מזרח זייט האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַן אַלטע ירושה פון דור־דורות און אנטקעגן ביי דער מערב־וואנט האָבן זיי אוועקגע־שטעלט עפּעס ניי־געקויפטס, פרעמדס. און די אַלטע ירושה מיטן ניי־געקויפטן האָבן זיך נישט געפּאַרט, זיך נישט פאַרטראָגן, איבעריק גע־ווען איינס פאַרן אַנדערן.

דאָניאַ רעבעקאַ איז דורכגעגאַנגען דעם זאַל אין דער גאַנצער לענג. זי האָט באַקוקט די נאַסע פלעקן אויף די ווענט און די צוויי גרויסע ביל־דער, וואָס זיינען געהאָנגען ביי די זייטן פון נאַקעטן אָרון־קודש. דאָס בילד פון רעכטס איז געווען פון דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל און פון לינקס — פון מאקס נאָרדוי. די בילדער זיינען געווען איינגערעמט אין שווארצע הילצערנע ראַמען אַן שויבן, באדעקטע מיט שטויב און מיט פליגן־פינ־טעלעך; ביי די זייטיקע ווענט זיינען געשטאַנען פאררוקט בענק אויף בענק, טישן און בענקלעך. דער פּאָל איז דווקא געווען ריין. נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער שמש מיט זיין פרוי אָפּגעוואַשן דעם פּאָל.

אַ לאנגע ווײַלע איז נאָך דאָניאַ רעבעקאַ געשטאַנען אַ פארטראַכטע און פאַרגאַפּעטע. זי האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס פריער אָנצוהייבן טאָן. זי איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און דורך אַן אנדער טיר צוריק אַריינגעגאַנגען אין סאַלאָן. זי האָט זיך אַזאַ פארלוירענע אַרומגעדרייט און איבערגעציילט די אַכט טירן, וואָס דער סאַלאָן האָט פאַרמאָגט. מיט אַמאָל איז אָנגעלאָפן ר׳ אייזיק און איר דערמאָנט:

— סעניאָרא, דער קצב האָט שוין געבראַכט די הינער.

— דאָניאַ רעבעקאַ איז אַרויס מיט אַ טענה:

— דער קצב האָט שוין דאָ באַדאַרפט זיין נאָך מיט אַ שעה צוריק.

דער טאָג האָט אָנגעהויבן לויפן שנעל. דאָניאַ רעבעקאַ איז נישט אַרויסגעטראָטן פון קיך. זי האָט צעשניטן גרויסע קימל ברויטן. זי האָט צעשניטן צענדליקער הערינג און האָט זיך געווערטלט מיטן שמש און מיט זיין ווייב. מיטיקצייט איז זי אויף אַ ווײַלע אַהיימגעלאָפן זען וואָס עס הערט זיך אין שטוב. די טאָכטער איז געזעסן אין הייפל און זיך געפאַרבט די נעגל. אין אַלע צימערן איז געווען אָנגעוואָרפן און אין אַלע ווינקעלעך האָבן זיך געוואַלגערט קליידער און וועש. אַלע ווײַלע האָט מען געבראַכט חתונה מתנות פאַר דער טאָכטער: אויסגענייטע און אויסגע־האָפטענע זיידענע קישעלעך, גרויסע פּופּעס אָנגעטאָן אין פאַרביקע שמאַ־

טעס, ביליקע ליקאָר־סערוויזן און טיש־געשירן; פלאָרא האָט זיך אויף די זאכן כמעט נישט אומגעקוקט. זי האָט אפילו נישט געדאנקט.

דאָניא רעבעקא האָט געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף דער טאָכטער און איז צוריקגעלאָפן צום סאלאָן. דער שמש האָט שוין געהאט אויסגע־שטעלט די טישן און דאָניא רעבעקא האָט זיי איבערגעשטעלט. די שמשטע איז אָנגעקומען מיט א פולן לעפל האלטנדיק אין האנט. דאָניא רעבעקא האָט פארזוכט און איז געווען צופרידן. די שמשטע האָט טאָקע געקאָנט אָפּקאָכן א גוט שטיקל פיש. דער שמשטע זיינען געקומען טרערן אין די אויגן פאר פרייד און זי האָט אויפגעשיינט און איר פאר דער צייט פארעלטערט און געקנייטשט פנים האָט אויפגעלעבט. זי האָט בשעת־מעשה געמוזט דערציילן א מעשה, וואָס זי האָט שטענדיק דער־ציילט, ווען עס איז פאָרגעקומען אין סאלאָן א חתונה און ווען זי האָט נאָר געקאָכט פיש, אז ווען זי איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע האָט זי געוווינט אין איין הויז מיטן היינטיקן שטאָט־גביר חיים שווארץ, האָט זי געפרעגט זיין, חיים שווארצס סעניאָרא, ווי אזוי מען זאָגט פיש אויף שפאניש, האָט זיך די סעניאָרא צעבייזערט, אז עס האָט איר אָנגעהויבן וואָרפן די נכפה און יענע האָט זיך צעשריגן:

— „גרינע חיה וואָס איר זיינט... ערשט א פאָר טעג געפינט איר זיך אין לאנד, און שוין ווילט איר וויסן ווי אזוי מען זאָגט פיש אויף שפאניש! — וואַרטס אויס, מאטערט זיך ווי איך האָב זיך געמאטערט, ווער איר וויסן... אזא גרינע חיה!"

דער שמשטעס פנים ווערט צוריק טרויעריק און צעקנייטשט. ווען זי דערמאָנט זיך אין דער מעשה מיט די פיש וויינט זי.

דאָניא רעבעקא טרייסט איר. עס פעלן נישט קיין שלעכטע מענטשן אויף דער וועלט. אָבער די שמשטע וויינט נאָך אלץ. די מעשה האָט פאסירט מיט א סך יאָרן צוריק און זי וועט שוין נישט פארגעסן ביז מען וועט זי לייגן אין קבר אריין. אז די שיף האָט באַדאַרפט אונטערגיין פריער, איידער זי איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין אזא שלעכט לאנד!...

ווען עס האָט אָנגעהויבן פינצטער ווערן, האָט זיך אינעם סאלאָן אריינגעשפּאנט א הויכער אטלעטיש־געבויטער יונג. ער האָט, ווייזט אויס, געקענט אלע ווינקעלעך פונעם סאלאָן, ווייל ער האָט גלייך אריינגעטראָפן אין דער קיך אריין, און מיט גנבהשע טריט האָט ער זיך שטיל צוגע־

שארט צו דאַניאַ רעבעקאַן, ער האָט איר אַ כאַפּ געטאָן הינטן־ארום און ארומנעמענדיק זי ווי מיט אייזערנע צוואַנגען, האָט ער איר אָנגעהויבן קושן. דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך אָנגעהויבן רייסן פון זיינע הענט און דערוויילע האָט איר דער יונג אינגאַנצן אויפגעהויבן אין דער לופטן, ווי מען הייבט אויף אַ קינד און זיך מיט איר אַ דריי געטאָן אין אַ ראָד, געקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן און גערעדט מיט אַ טיף האַרציק קול:

— וואָס מאכסטו, וויעכיטאַ, טשע?*)

דאַניאַ רעבעקאַ האָט צום ערשטן צוריקגעקושט איר זון, דערנאָך האָט זי אים אָנגעהויבן פּלאַסקען איבערן פּנים און זיך געבייזערט:

— ערשט איצט, אין דער לעצטער רגע, האָסטו זיך דערמאָנט צו קומען... האָסט נישט געקאָנט קומען מיט עטלעכע טעג פריער, וואָלסטו מיר אביסל צוגעהאָלפן, האַ?

דער זון האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דער געקרויזלטער טשופרינע און האָט זיך פאַרענטפערט:

— ביסט גערעכט, מאַמאַ... איך האָב אָבער געמוזט בייזיין אַ וויכטיקן באָקס־מאַטש אין ראָזאַריאָ. אַ קלאַסישער מאַטש!

דאַניאַ רעבעקאַ האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פוס:

— באַסטאַ! ביסט נאָר וואָס געקומען און דערציילסט מיר שוין דיינע מעשׂיות... גיי בעסער אַהיים. פלאָראַ איז אַ גאַנצן טאָג אַליין אין שטוב.

דער זון איז אַרויס פון קיך און באַלד האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קיך אַ מאַן מיט אַ פּאָר שוואַרצע וואָנסעס. דאָס איז געווען דאָן איסאַק, דאַניאַ רעבעקאַס מאַן; ער האָט איר לייכט אָנגערירט די פּלייצע און זי האָט זיך צו אים אויסגעדרייט מיט אַ גלייכגילטיק פּנים. דער מאַן האָט געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

— איך בין שוין געווען מיט פלאָראַן אין ציוויל־רעגיסטער. איך האָב געמיינט וועסט אויך מיטקומען.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער קיך:

— איך האָב נישט געקאָנט אַוועקגיין... ביסט שוין לאַנג אין שטאָט?

— איך בין געקומען נאָך מיטיק.

---

*) וויעכיטאַ — אַלטיטשקע. טשע — דו.

— גיי זשע טאקע אַהיים. איך וועל באַלד אהיימקומען. האָסט זיך שוין געזען מיט דיין זון? ער איז נאָר־וואָס דאָ געווען.

— ניין. ווי אַזוי זעט ער אויס?

— גוט. ס'טאַטקעלע מיט די ביינער!. .

דאָן איסאַק האָט אַ שמייכל געטאָן און ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט און פאַרן אוועקגיין האָט ער אַפילו זיין פרוי נאָכאַמאָל אַ גלעט געטאָן איבער דער פּלייצע, נאָר זי האָט זיך שוין אַפילו נישט אומגעקוקט.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן נאַכט. די פינצטערניש האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן איבערן סאַלאָן. איבער די שוין געדעקטע טישן, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן אָרון־קודש און דורך די אַכט צעפּראַלטע טירן האָבן זיך אַריינגעריסן פאַרשיידענע קולות: פונעם טרוקענעם טייך האָבן געקוואַקעט זשאַבעס, גרילן האָבן געגרילצערט און מיליאַרדן גרינע היי־שעריק־פליגעלעך האָבן געזשומעט און געשוועבט אין דער לופט. פון צווייטן זייט ברעג, אויף די בערגלעך, האָבן דורך די צעוואַקסן ווילדע קאַקטוסן, זיך געצונדן פייערלעך. די בורדעלן־גאַס איז וואַכעדיק געוואָרן. פון די הייזלעך האָבן זיך געריסן מוזיק־טענער, געזאַנגען און פאַרשייטע פרויען געלעכטערס; אויטאָמאַטישע פּיאַנעס האָבן אויסגעשפּילט טרוי־עריקע טאַנגאָס, וועלכע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די קולות וואָס זיינען געקומען פון טייך און אַרומגעפּלאָנטערט צווישן די פליענדיקע פליגעלעך.

אינעם הימל האָבן שוין געלויכטן גרויסע שטערן, ווען דאָניאַ רע־בעקאַ איז זיך שוין אַהיימגעגאַנגען איבערטאָן, אויספּוצן זיך צו דער טאָכטערס חתונה.

ר' אייזיק האָט דערווייל אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לאָמפּן און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט וואַרטן ביים טויער אויף די געסט. פון דער קיך האָבן אַרויסגעשמעקט די מאכלים, אָבער ר' אייזיק איז שוין געווען זאַט. זיין ווייב איז שוין אויך געווען זאַט און ביידע עלטערע לייט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז קיינמאָל וועלן זיי שוין נישט זיין הונגעריק. ער האָט פון זאַטקייט געברומט אַ ניגון און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס צו די קאַלירטע לעמפּלעך, וואָס האָבן אַרויסגעלויכטן פון די בורדעלן.

די גאַס האָט אויפגעלעבט: הונדערטער מענטשן, בלויז מענער, זיינען אָנגעקומען פון אַלע זייטן שטאָט. זיי האָבן שפּאַצירט אין מיטן וועג און זיינען אַריין און אַרויס פון די הייזלעך, זיי האָבן געשפּרייזט

מיט צעצונדענע אויגן און האָבן געטומלט מיט הויכע קולות און געשפּיגן מיט נבול־פּה. אייניקע דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן יידישן סאַלאָן און אַריינגעקוקט דורך די אייזערנע שטאַכעטן אינעם הויף. זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט ר׳ אייזיקן, וואָס האָט געהיט דעם אַריינגאַנג, און אים געפרעגט:

— וואָס קומט דאָ פאָר?

— אַ חתונה — האָט ר׳ אייזיק נישט גערן געענטפערט.

דורך די נייגעריקע מענטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט דעם טויער, האָבן זיך דורכגעשטופּט די מוזיקאַנטן. דאָס זיינען געווען עטלעכע פאַרשוינען, וואָס זיינען געווען פאַרפּוצט אין שוואַרצע אָפּגעריבענע סמאָקינגס און מיט פאַרלאַטעטע אָבער שטאַרק גלאַנציקע שיך. זיי האָבן מיט זיך געפירט די מוזיק אינסטרומענטן: צוויי פידלען, אַ באַס, אַ פלייט און אַ פּיסטאָן. זיי האָבן פאַרזיכטיק אוועקגעלייגט זייערע שפּיל־כלים אויפן בינעלע און דערנאָך האָבן זיי זיך צוריק געלאָזט אַרויסגיין אויף דער גאַס, באַקוקן די הייזלעך.

ענדלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע געסט, וואָס זיינען געקומען צו פלאַראַס חתונה: דער ערשטער איז געקומען יענקל קאַרערעניק, אַ הויכער, בלאָנדער ייד, מיט אַ ברייטער פּלייצע ווי אַ ריז. ער איז געווען דער איינציקער יידישער באַלעבאָס פון שטאָט און טאַקע דער ערשטער ייד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דעם מקום. כאָטש ער איז געווען דער אָרימסטער צווישן אַלע יידן פון דער שטאָט, האָט ער זיך געפילט גאָר שטאָלץ און האָט אויף אַלעמען געקוקט פון אויבן אַראָפּ. יענקל קאַרערעניק האָט אַפילו שטאָלצירט מיט זיין קבצנות. ער האָט געוווּסט, אַז „ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט שווינדלען, וואָלט ער געווען אַזאַ קנאַקער ווי אַלע זיינען...” ער האָט יעדן געדוצט, ווייל אַ סך יידן און דווקא די רייכסטע, די וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט נאָך אים „זיינען געשלאָפן אין זיין בעט — געגעסן זיין ברויט...”

אינעם טויער פונעם סאַלאָן איז שטיין געבליבן אַ טונקעלער פאַרשוין, וואָס איז געווען פאַרפּוצט אין אַ העלן אַנצוג, אָן אַ הוט, נאָר דער קאָפּ איז ביי אים געווען פאַרקעמט מיט אַ שרינט, וואָס האָט זיך געבאָדן אין גאָמינע. ר׳ אייזיק האָט אים מיט שפּאָט געפרעגט:

— אייך האָט מען איינגעלאַדן?

דער פארשוין האט מיט שטאָלץ, אָבער מיט א באַליידיקטער מינע, אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע אַן איינלאַדונגס־קאַרטע און זי דער־לאַנגט ר׳ אייזיקן. דער שמש האָט אַפילו נישט געוואָלט נעמען דעם חתונה־בילעט אין דער האַנט און האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

— איר קענט נישט אַריינגיין!

— פאַרוואָס — האָט זיך דער פארשוין אַרויפגעשטופּט אויף ר׳ אייזיקן און זיינע האַלב־נעגערשע ווייס־אַפּלען זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט רויטע אָדערלעך — איך האָב דאָך אַ בילעט!

ר׳ אייזיק האָט זיך שוין געמאַכט נישט הערנדיק. ער האָט גוט פאַר־שטאַנען פאַרוואָס אַ קריסטלעכער יונגערמאַן וויל טאַנצן מיט אַ יידישער טאָכטער... אָבער יידישע טאַטעס און יידישע מאַמעס האָבן פיינט אַזעל־כע געננג. אים, ר׳ אייזיקן, האָט מען טאַקע צוליב דעם אַוועקגעשטעלט היטן דעם טויער, כאָטש אויך דאָס האָט וויינציק געהאָלפן... ווייל פון צייט צו צייט האָט אַפילו פּאַסירט, אַז אַ יידישע טאָכטער איז אַנטלאָפן מיט אַ שוואַרצן פּונדיק. אָבער קיין קריסטלעכע יונגעלייט האָבן אינעם יידישן סאַלאָן נישט געטאָרט אַריינקומען. אינעם סאַלאָן האָבן נאָר געמעגט אַריינקומען די, „וואָס געהערן צו דער קאָלעקטיוויטעט״.

דער פארשוין האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן:

— ווי לאַנג וועל איך וואַרטן?

— ווי לאַנג דו ווילסט! — האָט אים ר׳ אייזיק געשטופּט די באָרד אין פּנים אַריין.

אַרום דעם פאַרשוין האָבן זיך אַרומגעקליבן מענטשן, פאַרשוינען, וואָס זיינען געקומען אויף דער גאַס קויפן אַביסל פּרויען־לייב אין די הייזלעך. זיי האָבן געקוקט מיט מיטגעפיל אויף דעם פאַרשוין, וואָס מען האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן אויף דער חתונה און מיט האַס און שפּאָט אויף ר׳ אייזיקן. זיי האָבן אונטערגעהעצט דעם באַעוולהטן:

— דערלאַנג אים, דעם רוסאַ!

— רייסן אים אַראָפּ די ציגן־באָרד!

אַן אָפּגעריסענער פאַרשוין האָט גענומען אויפקלערן:

— די רוסאָס האַלטן פאַר אַן אומכבוד צו טאַנצן אָדער גאָר חתונה צו האָבן מיט אמתע אַרגענטינער, כאָטש מיר לאָזן זיי לעבן אויף אונדזער ערד, אין אונדזער לאַנד..

א יונגער פופצן־יעריק בחורל האָט געבײלט אַ פויסט:

— זאָלן זיי צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד!

עמיצער האָט דערציילט אַ נײעס:

— די רוסאָס גלויבן נישט אין גאָט. זיי גלויבן אינעם קאָפּ פון אַ חזיר... דעריבער עסן זיי נישט קיין חזיר־פלייש!

דער אָפּגעריסענער פּאַרשוין האָט די זאַך בעסער דערקלערט:

— אוודאי, דערפאַר טאַקע עסן זיי נישט קיין חזיר־פלייש... דערצו זיינען זיי פּחדנים: זיי פאַרגיסן נישט קיין בלוט, ווייל זיי האָבן נישט קיין בלוט אין די אָדערן!

דער פּאַרשוין וועלכן ר׳ אייזיק האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין סאַלאָן, האָט אָנגעהויבן רייסן ר׳ אייזיקן ביי די פּאָלעס פונעם רעקל און געשריגן מיט פאַרקריצטע ציין:

— קום, קום אַרויס אויף דער גאַס וועלן מיר דער־לײדיקן חשבונות!

ר׳ אייזיק האָט אים געפּאַטשט איבער די הענט און געשריגן:

— גיי, גיי, זאָל זיך דער טייוול מיט דיר שלאָגן, דו אויסוואורף! איך האָב שוין אַזעלכע אייניקלעך ווי דו....

עס איז אָנגעלאָפן יענקל קאַרערעניק. ער האָט ר׳ אייזיקן אוועקגע־שלעפּט פונעם טויער אין הויף אַריין און ער אַליין האָט זיך אוועקגע־שטעלט אויף ר׳ אייזיקס אָרט. ער איז שטיין געבליבן ווי אַ מויער און זיין פּנים איז אָנגעלאָפן געוואָרן מיט בלוט. ער האָט מיט רציחה געקוקט אויף די אַרומשטייענדיקע, געשווינגן אַ ווײלע און מיט אַמאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן ווינגן אויף אַלע זייטן און געקריצט מיט די ציין:

— ווער עס וויל וויסן צי די רוסאָס האָבן בלוט, קען זיך מיט מיר צערעכענען!... וואַמאָס!*) געגאַנגען זאָל ווערן, וואַמאָס!

דער פּאַרשוין מיטן חתונה־בילעט האָט זיך דער ערשטער גענומען אָפּטראָגן, די איבעריקע פּאַרשוינען זיינען מיטאַמאָל נעלם געוואָרן. דער אַריינגאַנג צום יידישן סאַלאָן איז פריי געוואָרן.

אביסל שפּעטער איז שוין דער סאַלאָן געווען פול מיט געסט: עס זיינען געקומען די מעבל־פאַבריקאַנטן און מעבל־סוחרים; קווענטעניקעס און סתם קלייטניקעס; אַלע זיינען געקומען מיט די ווייבער און מיט די

---

*) וואַמאָס — גייט אוועק.

קינדער. די פרויען האָבן נישט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט און זיי האָבן זיך ארומגעפּאָרעט און געשאָרכט מיט די זיידענע קליידער און געפינקלט מיט זייער צירונג. אַלע ווייבער האָבן זיך אין אזעלכע חתונה־נעכט געהאלטן ווי איין משפּחה, נאָר די מענער האָבן נישט פארגעסן אַלטע חשבונות און האָבן זיך צונויפגענומען אין צווייען אָדער אין דרייען. די מעבל סוחרים זיינען צווישן זיך געווען צעקריגט. די קלייט־ניקעס זיינען צווישן זיך געווען ברוגז און נאָר בלויז די קווענטעניקעס האָבן זיך פארהאלטן גוט. די הייזער פון שטאָט זיינען געשטאנען פריי פאַר יעדן און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט אַנקלאַפּן אין וועלכער טיר עס האָט זיך פארגלוסט...

און דער טומל איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט. עטלעכע אָרימע שניידער זיינען געשטאנען אויפן הויף און אויף אַ ווייל אָפּגעהאלטן צווישן זיך אַ זיצונג שטייענדיקערהייט. „די ביבליאָטעק איז שוין שולדיק פאר דריי חדשים דירה־געלט און עס איז אַ רחמנות אויף די ביכער". אַ פּאָר רייכע מעבל־פאבריקאנטן מיט זייער פירער חיים שווארץ, האָבן געטראכט צו פארגרעסערן די באנק. עטלעכע קווענטעניקעס האָבן זיך געהיצט, אז מען דאַרף גרינדן אַ קאָאָפּעראטיווע, פונקט ווי אין בוענאָס איירעס... בלויז יענקל קארערעניק האָט כמעט מיט קיינעם נישט גערעדט. ער האָט זיך מיט זיין שטענדיקן שטאָלץ ארומגעדרייט צווישן עולם און געוואַרט מען זאָל אים גריסן. כמעט אַלע זיינע געוועזענע „קעסט־קינדער" האָבן אים טאקע באַגריסט. מען האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן ברייטע שלום עליכמס און אים געפּאטשט איבער דער ברייטער פּלייצע. יענקל קארערעניק האָט זיך אָבער אין ערגעץ נישט אָפּגעשטעלט און נישט אויפ־געהערט אַרומשלייכן זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן.

דער איינציקער מענטש וואָס האָט זיך נישט געמאכט זען יענקל קאַרערעניק און האָט אויסגעמיטן זיך צו באגעגענען מיט זיין בליק, איז געווען דער רייכער חיים שווארץ. אַלע ווילע ווי נאָר יענקל איז פאר אים פאַרבייגעגאנגען האָט ער אוועקגעדרייט דעם קאָפּ. אָבער יענקל קאַ־רערעניק האָט עקשנותדיק געזוכט חיים שווארצס בליק און אים בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. איז יענקל פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ בייזער און בייזער. דער קארק איז אים, וואָס אמאָל געוואָרן רויטער, ברענענדיקער, און מיטאמאָל איז ער גאָר צוגעגאנגען צו דאָן חיים שווארץ

און אזא הילכיקן פאטש געטאָן אים אין פּלייצע, אז ס'האָט אזש אָפּ־געהילכט אין גאנצן סאלאָן, און ער האָט אָנגעהויבן אריינוואַרפן דאָן חיימען בראנדיקע ווערטער אין פּנים אריין:

— זאָג מיר נאַר, חיים פארך, פּארוואָס דרייסטו אוועק דעם קאָפּ, ווען איך גיי פארביי? עס פּאסט דיר נישט מיך צו גריסן?... ווער ווער ווען איז שולדיק — איך דיר, אָדער דו מיר?.. ווער ווען האָט געגעבן א בעט צו שלאָפן, א פּעזע אין קעשענע אריין אויף סיגאַריזשעס?... איצט אז דו ביסט א גביר, פארמאָגסט א האלבן מיליאָן פּעזעס, דערקענסטו מיך נישט... פארך!

דאָן חיים שווארץ האָט פונדעסטוועגן אַרויסגעשטופּט א גראָבן בויך און צוריקגעצויגן אביסל דאָס בלאָס געוואָרענע פּנים, האָט ער גאָר אָנגעהויבן ריידן אויף שפּאניש:

— פּערדאָ סעניאָר מיאָ*), ווער האָט מיט אייך געשעפטן און ווער דארף אייך גריסן... דאָ איז אמעריקע און אין אמעריקע געדענקט מען נישט קיין מאקאנעס. — וואזשאַסע, פּאָר פאוואָר!...**)

יענקל קאַרערניק האָט נאָך העכער אָנגעהויבן ברומען:

— שוין יאָרן ווי דו האָסט ביי מיר געבאָרגט — אויף א שעה בלויז — פינף פּעזעס און האָסט מיר נישט אָפּגעגעבן ביז איצט, ביז היינט... נו, גיב־זשע טאקע אָפּ די פּאָר טאָלער...

יענקל קאַרערניק האָט אויסגעשטרעקט די האנט און געוואַרט, אז דאָן חיים זאָל איינסלוקן, אָבער דאָן חיים האָט זיך גאָר גענומען רוקן הינטערווייַלעכץ און בשעת־מעשה האָט ער זיך אפילו פארקנעפּלט דאָס רעקל אויף אַלע קנעפּלעך און געשריגן:

— סעניאָר מיאָ, איר זיינט א פארך! איך גאסטיר שווערע טויזנטער פּעזעס פּאָרא לאָ סאָסיעדאד, פּאָרא לאָס פּאָברעס...***) איך בין

*) פּערדאָ סעניאָר מיאָ — אָבער ליבער הער.

**) וואזשאַסע, פּאָר פאוואָר — גייט אוועק, טוט א טובה

***) פּאָרא לאָ סאָסיעדאד, פּאָרא לאָס פּאָברעס — פּאַר דער געזעל־שאַפט און פאר אָרימע לייט.

אייך גאָרנישט שולדיק. און פּאָקאָ מאָס דע רעספּעטאָ, סעניאָר מיאָ! *)

עס איז געוואָרן א בהלה. די ווייבער האָבן אָנגעהויבן צו שאָרכען מיט די זיידענע קליידער. עטלעכע מענער האָבן יענקלען ארומגעכאַפּט, מען האָט זיך אין אים איינגעקלאַמערט און מען האָט זיך געבעטן:

— יענקל וועסט פארשטערן א יידישע חתונה!...

— נישט דאָ איז אָן אָרט צו מאָנען געלט.

— נאָ וואָלע לאָ פּענאָ, פּאָר פאַוואָר!**)

אינעם גאַנצן טומל אריין האָט אריינגעשפּילט דער אָרקעסטער. די כלי־זמרים האָבן אויפגעשפּילט אַ פריילעכן פּאַסאָ־דאָבלע. דאָס יונגוואַרג האָט זיך מאָמענטאַל אָנגעהויבן דרייען און טאַנצן. אינעם טומל פון פריי־לעכע געלעכטערס, טאַנץ־טריט און טומלדיקע מוזיק האָבן זיך אַלע ווײַלע דערנענטערט איינצלנע מענטשן צו יענקלען. מען האָט אים געדריקט די האַנט, געקלאַפּט אין פּלייצע גוט־ברודעריש און איינגערוימט סודות:

— גוט אַזוי. האָסט אים אָנגעלערנט, דעם מנוול...

— האָסט בלוט, יענקל!

— ביסט ווערט אַ מעדאַל, קענסט אריינזאָגן!

יענקל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט בארואיקן:

— אַזאַ דעסגראַסיאַדע!

די מוזיק האָט אָן אויפהער געקנאַקט. אָט האָט זיך דער עולם געדרייט און נאָכגעיאָגט די קלאַנגען פון אַן אַלטן ווינער וואַלצער, אָט האָבן זיך גאָר מענטשן ווי פארשלאָפן געוויגט און אויסגעצאַנגען אויף די שפּיצן פינגער דעם אייגענעם שאָטן, נאָכגעשפּרייזט א פארחלומטן טאַנגאָ, און באַלד גאָר נאָכגעשפּרייזט די ווילדע מוזיק פון אַ פאָקס־טראָט. די מאַמעס זיינען געזעסן אויסגעזוצט ביי די פיר ווענט פונעם זאַל און נאָכגעקוקט זייערע שלאַנקע טעכטער, די סעניאָריטאַס און זייערע הויך־אויסגע־איידלטע זין, די צוקונפטיקע דאָקטוירימלעך און אדוואָקאַטלעך. די יונגע

---

*) פּאָקאָ מאָס דע רעספּעטאָ, סעניאָר מיאָ — אביסל מער דרך־ארץ, ליבער הער.

**) נאָ וואָלע לאָ פּענאָ, פּאָר פאַוואָר — ס'לוינט זיך נישט די מי, טוט אַ טובה.

מענטשן וואָס האָבן געטאַנצט, און וואָס זיינען עפּעס מיט גאָרנישט ענלעך געווען צו זייערע טאַטעס און מאַמעס. אינעם זאָל האָבן זיך נישט נאָר געפונען צוויי באַזונדערע דורות, נאָר אויך צוויי באַזונדערע פעלקער. די דיקע צעיוירענע מאַמעס און גראָב־בייכיקע טאַטעס, האָבן זיך ווי נישט אָנגעהערט מיט די צאַרטע, הויך־צעוואַקסענע סעניאָריטאַס און דאָן־זשור־אַנישע קאַבאַזשעראָס, מיט די פּיצינקע, ממזרישע וואָנסעלעך און מיט די גאָמינע גלאָנציקע, פּאַרקעמטע קעפּ: צוויי פרעמדע וועלטן האָבן זיך גע־פונען אינעם זאַל, אויף דער חתונה.

און די יונגע פּאָרלעך האָבן געטאַנצט און זייערע לעבנס האָבן מיט־געטאַנצט. איצט האָבן זיי זיך געוויגט שטיל אָבער ליידנשאַפטלעך. זיי־ערע אויגן האָבן געברענט מיט הייסע פייערלעך און אין זייערע אָדערן האָט ווילד געראַשט דאָס בלוט, געיאָגט זיך און געהאַמערט אין די קעפּ. די טאַנצנדיקע מענטשן האָבן זיך געטוליעט, איינגענורעט איינער אינעם אַנדערן, פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן, האָבן זיי פלינק געלקחנט און געגנבעט שטילע אָבער ברענענדיקע לאַסקעס: אַ צאַרטן גלעט, אַ נאָענטן הויך אין פּנים, אַ שטאַרקערן דריק און אַ ציטערדיקן גלעט; — די בליקן פון די מאַמעס און טאַטעס האָבן נישט געלאָזט פאַרגעסן זיך, געצווימט...

און אַז די מוזיק איז אויף אַ ווײַלע אַנטשטומט געוואָרן, האָט זיך פון דער גאַס אַריינגעריסן אַנדערע מוזיק־קלאַנגען, הייזעריקע, צעיושעטע, וואָס האָבן דערציילט וועגן רשעותדיקן הפקר פון לייבער און ווילדן פריי־צעיוכעט בלוט...

פלוצלונג האָט די מוזיק אויפגעשפּילט אַ חתונה־מאַרש. אַלע געסט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו די צוויי טירן, וואָס פירן צו דער גאַס, און אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט. דער חתן מיט דער כלה זיינען אָנגעקו־מען. הערשל זאַק אין אַ שוואַרצן פראַק און מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ, אַ געפירטער פון זיין כלה פלאָרא, אַן אָנגעטוענע אין אַ שניי־ווייסן חופּה קלייד, האָבן מיטאַמאָל ענג געמאַכט דעם גאַנצן זאַל. פון אַלע זייטן האָט מען נאָר געזען הערשל זאַק מיט זיין באַשערטער. דער חתן, אַביסל אַן איינגעבויגענער פון זיין אייגענער הויכקייט, האָט געשמייכלט און זיך געבייגט צום עולם, נאָר זיין כלה איז געשטאַנען ווי אַ פאַרבלענדטע, אַ קאַלטע, ווי זי וואָלט זיך געפונען איינע אַליין אין אַ וואַלד... דער עולם

האָט זיי אַרומגערינגלט, זיי געדריקט די הענט און געוואונטשן מזל־טוב. די ווייבער און מיידלעך האָבן זיך געקוקשט מיט דער כּלה. ענדלעך האָט מען חתן־כּלה באַזעצט אויבן־אָן, נעבן אָרון־קודש, און אַז דער טומל האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָבן די מוזיקאַנטן אויפּסניי אויפגעשפּילט אַ פרישן, טרויעריקן טאַנגאָ. דער עולם האָט זיך שוין אָבער נישט געכאַפּט צום טאַנצן, אַלע האָבן געוואָלט, אַז דער חתן מיט דער כּלה זאָלן טאַנצן, נאָר הערשל זאַק האָט אַפילו נישט געקענט שטעלן אַ פוס. דער חתן האָט געשמייכלט מיט אַ ברייטן שמייכל, אַז די נאָז איז אים נאָך מער פאַרקרימט געוואָרן. ער האָט זיך פאַרענטפערט:

— אַלץ האָב איך זיך אויסגעלערנט, נאָר טאַנצן נישט... טאַנצט... איך האָב ליב צו זען ווי מען טאַנצט...

דער עולם האָט זיך שוין ווייטער אוועקגעלאָזט אין אַ טאַנץ, נאָר מיטאַמאָל האָט זיך די מוזיק איבערגעריסן, און אויף אַ בענקל שטייענדיק איז אויסגעוואַקסן ר' שמואל שוחט, אַ שוואַרץ אידעלע ווי אַ טאָטער, מיט אַ שיטער בערדעלע, ער האָט אָפּגעשטעלט די מוזיק און האָט געפּאַטשט מיט די הענט:

— סעניאָרעס, רבותי, גייטס אַרויס אויפן הויף, ווייל מען גייט מיט מזל שטעלן די חופּה.

דער עולם, אַ צעשוויצטער, אַ צעפּאַרעטער, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טירן. די געסט האָבן געטומלט און צווישן אַלע האָט זיך געשטופּט די שמשטע און געטיילט דעם עולם קאָלירטע ליכטלעך. ר' שמואל שוחט האָט זיך צעגאָרגלט און די ווייבער האָבן זיך אָנגעהויבן ווישן די נעז, די אויגן. עמיצער האָט די מוזיקאַנטן געהייסן אויפשפּילן אַ טרויעריקע זאַך און זיי האָבן גאָר ווידער אויפגעשפּילט אַ טאַנגאָ. די עלטערע אידן האָבן אָנגעהויבן שרייען: „שאַ, סילענסיאָ*) און די מוזיקאַנטן האָבן נעבעך פאַרשעמטע איבערגעריסן אין בעסטן מיטן. דערנאָך האָט דאָניאַ רעבעקאַ מיטן מאַן געפירט זייער טאָכטער צו דער חופּה, צו דער חופּה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון עטלעכע דרענגלעך צוגעפעסטיקטע צו די עקן פון אַ רויט סאַמעטן טישטעך; אַביסעלע שפּעטער האָט זיך סעניאָריטאַ פלאָראַ אָנגעהויבן דרייען אַרום איר חתן:

---

*) סילענסיאָ — שטיל; שטיל זאָל ווערן.

אויף איר פנים האָט זיך בשעת־מעשה צעלייגט אזא ווילמיידלעריש חוזק־שמייכעלע. באַלד איז דאָס שמייכעלע פאַרשוווּנדן פון פנים און אויף אירע ליפּן האָט זיך צעלייגט אַ בייזקייט מיט פאַריבל אויף דער גאַנצער וועלט. זי האָט פון זיך אָנגעהויבן בלאָזן:

— אוּ, פאַ, טאַנטאַס עספּאַמענטאָס. אוּ־פאַ! *)

דער עולם האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם צוגעלויכטן מיט די ליכטלעך, זיך געשטופּט צו דער חופּה. ר׳ שמואלס גאַרגלעניש, שפּרוכן און געזאַנגען האָבן פול געמאַכט די לופט איבער אַלעמענס קעפּ. דערנאָך האָט ווער צעבראָכן אַ גלעזל און דער עולם האָט אָנגעהויבן שרייען „מזל־טוב, מזל־טוב!” דאָניאַ רעבעקאַ האָט זיך קאַלט געקושט מיט איר טאָכטער, און באַלד האָט זיך דער טאַטע גאָר וואַרעם צעקושט מיט דער טאָכטער. ער האָט איר געגלעט איבערן קאָפּ און איר געווונטשן אויף שפּאַניש:

— קע סעאַס מוי פעליס, מוי פעליס... **)

דער עולם האָט זיך צוריק צונויפגענומען אינעם אַנדערן עק זאַל און האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די געגרייטע טישן. אַ סך פון די געסט, ווייבער און מענער האָבן פאַרפּלייצט די קיך און אַרויסגעשלעפּט טעלערס מיט מאכלים און משקאות. עס איז געוואָרן אַ געקלינגעריי פון גאָפּלען און מעסערס, פון גלעזלעך און פלעשער. דער עולם האָט געקייט מיט אַלע ציין און אייניקע האָבן גאָר הנאה געהאַט צו עסן און טרינקען שטייענדיקערהייט.

דאָניאַ רעבעקאַ האָט אַרומגעשמייעט פון טיש צו טיש. זי האָט גע־שמייכלט צו יעדן און אויפן האַרצן איז איר געלעגן דער אייביקער טרויער. זי האָט אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויפן גאָלדן האַנט־זייגערל און ס׳איז ערשט געווען נאָך אַ האַלבער נאַכט. זי האָט געוואָלט די נאַכט זאָל שוין וואָס גיכער אַוועק און די חתונה זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיקן. ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי שוין פון לאַנג אַהיימגעגאַנ־גען. זי האָט עפּעס אין דער מינוט זיך פאַרבענקט נאָך איר שטוב, וואָס

---

*) טאַנטאַס עספּאַמענטאָס — אַזוי פיל קאָפּדרייעניש.

**) קע סעאַס מוי פעליס, מוי פעליס — זאָלסט זיין זייער גליק־לעך, זייער גליקלעך...

וועט פון היינט אָן זיין בלויז פאַר איר אַליין. זי האָט געזוכט איבערן גאַנצן זאַל איר שכן, נאָר זי האָט אים נישט געפונען. עס האָט איר פאַר־דראָסן, וואָס דאָס בחור׳ל איז נישט געקומען אויף דער חתונה. אנשטאָט צו טרעפן דעם בחור, האָט זי זיך גאָר אַלע ווייל אָנגעשטויסן אין איר אייגענעם זון, וואָס איז שוין געווען אביסל בגילופינדיק. אלע ווייל האָט ער אַרומגעכאַפּט זיין מוטער, איר געקושט אין פנים און געפרעגט מיט א פאַרשיכורט קול:

— מאַמאַ, אַ־יאָ, איך בין נישט שיכור?

— ניין, ביזט נישט שיכור — האָט זי אים אָפּגעשטופּט פון זיך.

— ניין, — האָט ער זיך געעקשנט — איך זע, דו מיינסט, אז איך בין שיכור.

— ניין, איך מיין גאָרנישט — האָט זי געשמייכלט מיט טרערן אין די אויגן, וואָס דער זון האָט גאָרנישט באַמערקט.

דער ליאַרעם איז געוואָרן שטאַרקער. פון אלע געסט האָט געיאָגט מיט היץ און געפּילדער. פון אלע זייטן האָט מען פאַרלאַנגט נאָך ביר און נאָך וויין. האלב פאַרשיכורטע מענער זיינען אריין צום שמש אין שטוב און געזוכט פרישע פלעשער מיט בראָנפן. דער שמשטע זיינען אַרויסגעפאַלן עטלעכע טעלער פון די הענט. עמיצער האָט גאָר צעבראָכן א פלאַש און יונגוואַרג האָט אַפּלאָדירט פאַר דער קונץ. עטלעכע קלייט־ניקעס, מיט פולע גלעזער ביר אין די הענט, האָבן אַרומגערינגלט דעם חתן און האָבן געוואָלט מיט אים טרינקען נאָך א כוסה. הערש׳ל זאק האָט זיי אָפּגעשטופּט פון זיך מיט זיינע לאַנגע הענט און זיך געבעטן מיטן גאַנצן ברייטן מויל, מיטן גאַנצן האַרץ:

— טרינקט אַליין געזונטערהייט... כ׳בין שוין פול ווי א פאַס, — ס׳גייט שוין מער נישט אריין...

די כלה האָט זיך אריינגעמישט:

— נאָ, סעניאָרעס, ער וועט מער נישט טרינקען!

די טישן זיינען געבליבן אָפּגעליידיקטע מיט באַפלעקטע טישטעכער. דער זאַט געוואָרענער עולם האָט זיך צעהיצט. ערשט איצט, נאָכן עסן, האָבן די עלטערע, די טאַטעס און מאַמעס, זיך צעקאָכט. עמיצער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף א באַנק און אָנגעהויבן שרייען:

— סעניאָרעס, סעניאָרעס, איצט וועט מען טאַנצן א שער...

דער עולם איז ווילד געוואָרן פאר פרייד:

— אַ שער... אַ שער...

עמיצער האָט באַפוילן די מוזיקאַנטן סיי ערנסט און סיי מיט שפּאַס:

— קע טאָקען לאַ טיכערא, לאַ טיכערא!*)

די מוזיקאַנטן האָבן זיך שוין געהאַט צונויפגענומען אויף דער בינע. זיי האָבן אויפגעמישט די נאָטן, די פרעמדע נאָטן, אין וועמענס זכות זיי האָבן טאַקע געשפּילט אויף אַלע יידישע חתונות אין שטאָט. צו דעם נו־מער האָבן זיך די מוזיקאַנטן צוגעגרייט מיט אַ באַזונדערן ציטער און פייערלעכן אויסדרוק אויף די פּנימער. ענדלעך האָבן זיי אויפגעשפּילט.

דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט די מוזיק, זיך גענומען באַ די הענט און האָט זיך אָנגעהויבן ציען אין אַ ראָד, באַלד האָט זיך דער ראָד אי־בערגעבראָכן, פונעם ראָד זיינען געוואָרן פּאָרלעך. אַ ווײַלע האָבן זיך פּאָרלעך אונטערגעטאַנצט, זיך אויסגעצויגן ווי אַ קייט און באַלד ווי צוויי קייטן. איין מענטשן־קייט האָט אַנטקעגנגעטאַנצט דער צווייטער, זיך צוריק צונויפגעפלאָכטן ווי איין קייט, נאָר די קייטן האָבן איבערגע־טאַנצט, זיך געביטן מיט די ערטער און באַלד איז גאָר געוואָרן אויס קייט. מענטשן האָבן געהאָפּקעט, געפּאַטשט מיט די הענט, געקנאַקט מיט די צינגער און ארויסגעשטופּט די בייכער, אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט הינ־טערווײַלעכץ און באַלד זיך אַנטקעגנגעלאָפן. ווי אַ מתנה העגער האָבן די טאַנצנדיקע געוויגט מיט די קעפּ און מיטגעזונגען צום טאַקט און גע־קלאַפּט מיט די אָפּצאַסן:

„האַצאַ, האַצאַ, האַצאַ!

צאַ, צאַ, צאַ...״

געטאַנצט און געהאָפּקעט האָבן נאָר די טאַטעס און די מאַמעס, און באַ די ווענט זיינען געשטאַנען די קינדער, די קאַבאַזשעראָס און סעניאָ־ריטאָס און האָבן געקוקט מיט שפּאַס אויף זייערע אַלטע, האַפּסלדיקע לייט; מיט אַזעלכע בליקן קוקט מען אויף טאַנצנדיקע חיות, אויף טאַנצנ־דיקע בערן. די קינדער האָבן זיך געוויצלט, נאָכגעשפּעט און צוגעטופּעט מיט די פיס, אַז דער פּאָל, די ווענט און דער דאַך האָבן געציטערט. די טאַטעס און די מאַמעס האָבן זיך אָבער נישט געמאַכט זען זייערע קינדערס

---

*) קע טאָקען לאַ טיכערא — זאָל מען שפּילן אַ שער.

שפּאַט און חוזק. זיי האָבן געבויגן זייטיק די קעפּ, געוויגט מיט די באַקעס און געטאַנצט. אַט האָבן זיי זיך אַנטקעגנגעטאַנצט אין צוויי רייען, פון די רייען איז באַלד געוואָרן איינציקע פּאָרלעך און די פּאָרלעך האָבן אויפ־געהויבן צוזאַמענגעפּלאָכטענע הענט און דורכגעלאָזט צווישן זיך אַן אַנ־דער פּאָרל און זיך געביטן מיט די ערטער. איין פּאָרל האָט ווי איבער־געשוירן דאָס אַנדערע פּאָרל און באַלד האָבן זיי זיך צוריק צונויפגענומען אין אַ ראָד. דער ראָד האָט זיך אָנגעהויבן ציען און דרייען, געדרייט זיך וואָס אַמאָל געשווינדער, האָבן די טאַנצנדיקע מענטשן געוואָלט, ווייזט אויס, אַוועקדרייען זיך, אַוועקדרייען זיך צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט, צוריקטאַנצן צו די אַנטלאָפענע יאָרן און צו ערגעץ־וואו פאַרפאַלענע טעג... נאָר אָט האָט זיך דער טאַנצנדיקער ראָד צעריסן און פאַרפּלאָנ־טערט. די מוזיק איז פאַרשטומט געוואָרן — דער טאַנץ האָט זיך גע־ענדיקט.

דער עולם איז שטיין געבליבן אָן אָטעם. די טאַטעס און די מאַמעס האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, האָבן זיך געפרייט מיט צעשיינטע פּנימער און צעצונדענע אויגן און האָבן געשריגן:

— נאָך אַמאָל...

— אָטראַ וועס...*)

די קינדער — זין און טעכטער האָבן נישט פאַרגינען זייערע אַלטע לייט נאָך אַ טענצל. זיי האָבן זיך געבייזערט און געשריגן:

— באַסטאַ, באַסטאַ זשאַ!**)

— טאַנגאָ, טאַנגאָ!

די טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך נאָך אַלץ געבעטן:

— אָטראַ וועס אַ שער...

— טיכעראַ...

די מוזיקאַנטן האָבן געוואָלט צוליב טאָן די אַלטע לייט. זיי האָבן נאָך אַמאָל אָנגעהויבן איבערשפּילן די שער, נאָר דאָס ייִנגוואַרג האָט אָנגעהויבן פייפן, טופען מיט די פיס און געשריגן אין כאָר:

— טאַנ־גאָ, טאַנ־גאָ, טאַנ־גאָ...

---

*) אָטראַ וועס — נאָך אַמאָל.

**) באַסטאַ זשאַ — גענוג שוין.

די קלעזמער האָבן אויפגעהערט שפּילן. זיי האָבן רעזיגנירטע איבער־געמישט די נאָטן און אין אַ ווײַלע אַרום אויפגעשפּילט אַ טאַנגאָ.

דאָס יונגוואַרג האָט אַרויסגעלאָזט אַ נצחון־געשריי. זיי האָבן ווי זיגער געפּאַטשט מיט די הענט און באַלד האָבן זיך די יונגע טאַנצנדיקע פּאָרלעך אַריינגעריסן צווישן אַלטן עולם, חוצפּהדיק אַרויפגעטאַנצט אויף די אַלטע לייט און האָבן זיך צעזונגען:

— טאַנגאָ, טאַנגאָ, טאַנגאָ מיאָ!*)

מיטן בליאַסק פון אָנקומענדיקן טאָג האָט זיך די חתונה געענדיקט.

דער עולם איז אויסגערונען און די גאַס וווּ עס האָט זיך געפונען דער יידישער סאַלאָן, איז שוין געשלאָפן, געדרימלט מיט זינדיק פאַרמאַ־טערטן שלאָף.

דאַניאַ רעבעקאַ איז אַהיימגעגאַנגען איינע אַליין. סיי דער זון, סיי דער מאַן זיינען נעלם געוואָרן פונעם סאַלאָן און זי האָט אפילו נישט געהאַט וועמען עס זאָל איר באַגלייטן ביז צו דער שטוב. אַליין האָט זי אַ מידע זיך געשאַרט איבער דער גרויער פאַרטאָגיקער שטאָט און עס האָט איר געקלעמט באַם האַרץ און געדריקט אין האַלדז. טרערן זיינען איר גע־רונען פון די אויגן און זי האָט געכליפּעט. מיט אַמאָל האָט זי זיך אָבער געשטאַרקט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— שוין, פּטור געוואָרן!

אַז זי איז אַהיימגעקומען איז שוין געווען גוט ליכטיק. זי האָט זיך אַ מידע און אויסגעמאַטערטע געגומען אויסטאָן, און אַז זי איז שוין גע־לעגן אויפן בעט, האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב און געפירט אירע מאַטע בליקן איבער די ווענט פון איר צימער. אַלץ אין איר שטוב האָט איר איצט אויסגעזעען ניי און עפּעס היימישער, אַט ווי אַ שלעכטער שכן וואָלט זיך ענדלעך אַרויסגעצויגן.

זי איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן מיט אַ מידן שמייכל אויפן פּנים. שפּעטער אָביסל האָט זיך איר געחלומט, אַז ערגעץ־ווו שפּילט מוזיק. זי האָט מיטגעזונגען אין שלאָף און באַלד איז פּלוצלונג געוואָרן אַרום איר שרעקלעך שטיל. די שטילקייט האָט איר אָנגעהויבן שרעקן און ווי טאָן

*) טאַנגאָ, טאַנגאָ מיאָ — טאַנגאָ, טאַנגאָ ליבער.

און זי האָט אָנגעהויבן יאָמערלעך צו קרעכצן. זי האָט זיך דערשראָקן איי־בערגעוועקט און זיך אויפגעזעצט אין בעט:

— ווער קרעכצט? ווער?

ס׳האָט איר קיינער נישט געענטפערט און אפילו דאָס קרעכצן האָט אויפגעהערט. דאָניאַ רעבעקאַ האָט אַ צעעפן געטאָן די טיר און איז אַרויס־געלאָפן אויפן הויף. זי האָט פלינק אָנגעהויבן אַרויפקלעטערן אויף די גערדייטע טרעפּלעך צום בחורשן צימערל. די טיר איז געשטאַנען אויפ־געפּראַלט און דער יונגער שכן איז געלעגן אויף זיין בעטל אין די קליי־דער און זיך געקאַרטשעט פון ווייטיק. ער איז געלעגן אַ פאַרמאַטערטער מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, ער איז געווען געל, בלאַס און זיינע ליפּן זיינען געווען פאַרטריקנט און פאַרשמאַכט.

— וואָס איז אייך? — האָט דאָניאַ רעבעקאַ געקוקט אויפן בחור מיט מאַמעשער רחמנות.

דער בחור האָט שטיל געענטפערט מיט פאַרמאַכטע אויגן:

— ס׳האָבן מיר געכאַפּט שרעקלעכע ווייטיקן, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, ווי ס׳טוט מיר אַזוי וויי... איך וועל נישט אויסהאַלטן, אוי!

דאָניאַ רעבעקאַ האָט שוין מער נישט געפרעגט. זי איז שנעל אַרויס־געלאָפן פון צימערל און איז געגאַנגען זוכן אַ דאָקטער. זי איז אַריינגע־לאָפן אין דער שפּייז־קראָם, וואָס געפינט זיך אויפן ראָג גאַס און האָט אָנגעקלונגען צום זונס אַ שול־חבר. צום יונגן דאָקטער מאַלאַמוד:

— קומט באַלד, עמיצער איז קראַנק אין מיין שטוב... איר וועט טאַקע באַלד קומען? גוט!

דאָניאַ רעבעקאַ איז צוריקגעלאָפן אַהיים. זי האָט שנעל אויפ־געזאָטן טיי, אַריינגעשניטן אַ גרויס שטיק לימענע און האָט דאָס אַרויפ־געטראָגן דעם קראַנקן בחור.

— טרינקט. פון דער הייסער טיי וועט אייך בעסער ווערן. באַלד וועט קומען דער דאָקטער. — האָט זי אים צוגעטראָגן די טיי צום מויל.

דער בחור האָט אָנגעהויבן טרינקען די זודיקע טיי. ער האָט געבלאָזן אינעם גלאָז מיט די פאַרטריקנטע ליפּן און געזאָגט אַ דערשראָקענער:

— עס וועט מיר בעסער ווערן אָן אַ דאָקטער... איר האָט אים נישט באַדאַרפט רופן.

דאַניא רעבעקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט באַם יונגנמאַן אויפֿן בעטל און האָט געענטפֿערט:

—דער דאָקטער וועט אייך נישט אָפּבייסן א שטיקל... יאָ, פֿאַרוואָס זיינט איר נישט געקומען אויף מיין טאָכטערס חתונה. איך האָב דאָך אייך געבעטן?

דער בחור האָט זיך געקאַרטשעט פֿון ווייטיק, אַראָפּגעלאָזן דעם צע־שויבערטן קאָפּ און געענטפֿערט:

— שוין, נעכטן, האָב איך זיך געפֿילט שלעכט...

אביסל שפּעטער איז אָנגעקומען דער דאָקטער. ער איז אַרויף צום קראַנקן אין צימערל. ער האָט מיט מיטלייד געקוקט אויפֿן פּאַציענט און דערנאָך האָט ער געזאָגט צו דאַניא רעבעקאַן, ווען זי האָט אים שוין באַ־גלייט צו דער גאַס:

— דער מענטש האָט, ווייזט אויס, עטלעכע טעג געהונגערט און מיטאמאָל האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו עפּעס אַ עסן... מען דאַרף אים פּשוט מאַכן א קאָנע. מאָרגן וועט ער זיך שוין פֿילן גוט... עסן זאָל מען אים נישט געבן. בלויז טיי, אביסל יויך און מאַראַנצן־זאַפֿט. יאָ, די קאָנע זאָל מען אים מאַכן מיט לעבלעכע וואַסער. מער גאָרנישט.

דאַניא רעבעקאַ האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען. אַ גרויס רחמנות האָט זיך אין איר דערוועקט צו דעם עלנטן בחור. שוין זשע איז ער אַזאַ שעמעוו־דיקער, אַז ער דערציילט נישט, אַז ער הונגערט. דאָס וואָס מען וואַרפֿט אַרויס אין מיסט אַריין, וואָלט דאָך בעסער געקאָנט עסן אַ הונגעריקער מענטש. אַזאַ נאַרישער, שעמעוודיקער יינגל...

דער דאָקטער איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען און ער האָט אַפֿילו נישט געוואָלט נעמען פֿאַרן וויזיט. דאַניאַ רעבעקאַ האָט אָנגעהויבן צו־גרייטן דעם אַפּאַראַט, די קאָנע, און איז ווידער אַמאָל שטיין געבליבן ביים בחורס בעט.

— טוט זיך אויס, יונגערמאַן, דאָס וואַסער וועט קאַלט ווערן.

דער בחור האָט זיך אָנגעהויבן צאַפּלען. אַ קרענקלעך־שעמעוודיקע רויטקייט האָט אָנגעהויבן ברענען אויף זיין פּנים און ער האָט זיך אָנגע־הויבן בעטן:

— ניין, ניין! ס׳איז מיר גאָרנישט... איך דאַנק אייך זייער, סע־ניאָראַ... איר זיינט צו מיר גוט ווי אַ מאַמע... נאָר ניין, דאָס נישט...

דאַניאַ רעבעקאַ, מיט דער קאַנע אין האַנט, האָט זיך צעבייזערט:

— איר זיינט ערגער ווי אַ קליין קינד... דער דאָקטער האָט דאָך געהייסן!

דער בחור האָט זיך שיר צעוויינט:

— גוט, לאָזט, איך וועל זיך אַליין אַן עצה געבן.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך שטאַרקער צעשריגן:

— פאַר מיר דאַרפט איר זיך נישט שעמען. מיינע קינדער זיינען עלטער פאַר אייך... לאָזט!

זי האָט זיך ווי אַ מאמע אויף איר קינד, ארויפגעוואָרפן אויף דעם בחור און האָט פון אים אָנגעהויבן רייסן די הויזן, און האָט שוין אויף אים געשריגן, ווי מען שרייט אויף אַן אייגענעם זון:

— דו נארישער ייִנגל, דו נאַרישער ראָצער... מיינסט, אז איך האָב פאַר דיר מורא, אַז איך וועל מיט דיר מאַכן קונצן?... אַז אָך און ווי, ווען מען לאָזט דאָס אַוועק פון דער היים. אומגליקלעכע מאַמעס... טו אויס די הויזן! טו אויס די הויזן, זאָגט מען צו דיר!

דער בחור האָט מורא געקריגן, געוויינט, אַ קוש געגעבן דאַניאַ רע־בעקאַן אין דער האַנט און מיט געפאַלנקייט און בושה געמורמלט:

— סעניאָראַ... סעניאָראַ...

דאַניאַ רעבעקאַ איז שוין פאַרטיק געוואָרן. זי האָט זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן און געמורמלט אַ בייזע:

— אַזאַ נאַרישער ייִנגל... פאַר מיר שעמט ער זיך... פאַר מיר?

דאַניאַ רעבעקאַס פּנים האָט אויפגעלויכטן פון איר אייגענער גוטס־קייט. פאַר אַ סך יאָרן האָט זי געטאָן ערשט נאָר וואָס אַזאַ זאַך, וואָס איז איר אַליין גאָר שטאַרק געפעלן, שטאַרק געפעלן...

דער בחור האָט שוין מער נישט געקרעכצט. ער האָט געדרימלט אַן אָפּגעשוואַכטער. דאַניאַ רעבעקאַ האָט אים געוועקט:

— ווי פילט איר זיך איצט?

— גוט, גוט. איך ווייס גאָרנישט מיט וואָס איך וועל אייך אַמאָל אָפּדאַנקען...

דאַניאַ רעבעקאַ איז געווען גליקלעך. זי האָט אפילו פאַרגעסן, אַז זי האָט נאָך היינט נישט געגעסן. זי איז עפּעס געווען זאַט און זי האָט אָנגעהויבן אויפרוימען די שטוב, וווּ אַלץ איז נאָך געווען אָנגעוואָרפן אין

אַן אומאָרדענונג פון דער נעכטיקער ערב חתונה. אַלע זאַכן פון דער טאָכ־טער האָט דער חתן, נאָך נעכטן באַטאָג אוועקגעפירט צו זיך אין זיין וווינונג, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט זיין געשעפט. דאָניאַ רעבעקאַ האָט אויפגערוימט אַלע אָנגעוואָרפענע זאַכן, געמאַכט אַן אָרדענונג אין דער שטוב, וואָס האָט איר איצט אויסגעוויזן צו־גרויס און פוסט. די אייביקע וואָך האָט זיך ווייטער געצויגן... היינט איז זונטיק און עס איז הוילע וואָך. נעכטן איז געווען שבת, געווען איז א חתונה און דער אומעט טרעט נישט אָפּ... ווי לאַנג נאָך וועט דויערן דער אומעט? ווי לאַנג נאָך וועט זיין פוסט און טרויעריק אויף איר קליינער וועלט? צוליב וועמען און פאַר וועמען היט זי אָפּ די דאָזיקע פוסטע צימערן?

דאָניאַ רעבעקאַ האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף די הענט. זי האָט איצט מיט שטאַרע בליקן געזען עטלעכע און צוואַנציק יאָר לעבן; א גאַנץ לעבן האָט זיך געשפּיגלט אין דער צייט פון מינוטן, פון געציילטע סעקונדן; זי האָט געמיינט, אַז זי דאַרף נאָר אויסשטרעקן די האַנט און אויפּפּאַקן צוריק דאָס פוסט־פאַרשוווּנדענע לעבן... זי דאַרף בלויז געבן איין טריט, געבן אַ האַסטיקן שפּרייז און זי וועט צוריקקומען צו דער פאַרגאַנגענהייט, זיך צוריק אומקערן צו די פאַר־גאַנגענע יאָרן און טעג...

זי האָט זיך פּלוצלונג האַסטיק אויפגעשטעלט און איז אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער. זי האָט אויפגעפראַלט די שאַפע און האָט אָנגעהויבן אַרויסוואַרפן אויף דער ערד אירע זאַכן, וועש און קליידער. שפּעטער האָט זי זיך אַרונטערגעבויגן אונטערן בעט און אַפּירגעשלעפּט אַן אַלטע לע־דערנע, אָפּגענוצטע וואַליזע מיט פאַרזשאַווערטע שלעסער; די אַלטע וואַ־ליזע איז נאָך געווען די איינציקע זאַך, דער איינציקער זכר, וואָס איז איר פאַרבליבן פון א לאַנג־פאַרגאַנגענעם, ווייט אָפּגעפאָרן לעבן; די וואַליזע האָט זי אַמאָל באַגלייט אויף איר גרויסן וועג צו א ניי לעבן און איצט וועט איר די זעלבע וואַליזע צוריקבאַגלייטן אויפן וועג צוריק, צוריק צו די פאַרשוווּנדענע יאָרן, צו דער אַלטער היים... זי וועט צוריק אהיימקומען מיט דער אַלטער וואַליזע...

דאָניאַ רעבעקאַ האָט פאַרזיכטיק אָפּגעווישט דעם שטויב און שימל פון דער ברוינער אָפּגעבליאַקעוועטער וואַליזע, וואָס איז פאַר צענדליקער יאָרן עטוואָס איינגעשרומפּן געוואָרן, קלענער געוואָרן... זי האָט אָנגע־

פאקט די וואַליזע מיט אביסל וועש און קליידער. זי האָט אויפגעזוכט דעם פאַמיליע־אַלבום און האָט אויסגעקליבן עטלעכע אַלטע פאָטאָגראַפיעס: איין בילד פון אירע עלטערן וואָס זי האָט פון זיי באַקומען מיט אפשר צוואַנציק יאָר צוריק; א צווייט בילד פון אירע קינדער, ענריקע און פלאָרא ווען זיי זיינען נאָך געגאַנגען אין שול, און נאָך א בילד פון איר אליין, וואָס זי האָט אַמאָל, מיט קנאַפּע דריי צענדליק יאָר צוריק געשיקט „איר חתן אין אַמעריקע"; און נאָך א בילד פון איר זון, וואָס ער האָט איר מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק געשיקט פון בוענאָס־איירעס. מער האָט זי שוין נישט געהאַט וואָס מיטצונעמען. דאָס „קניפּל" — די עטלעכע הונ־דערט פּעזעס, וואָס זי האָט במשך פון צענדליקער יאָרן אויפגעזאַמלט פון איינצלנע, קליינע מטבעות — האָט זי שטענדיק געטראָגן מיט זיך... איצט וועט זי פאָרן קיין בוענאָס־איירעס, וועט קויפן א שיפסקאַרטע און שוין! זי וועט זיך אפילו מיט קיינעם נישט געזעגענען, ניין! זי מוז צוריק אַהיימפאָרן, צוריק אַהיימקומען, אַהיים!...

דער זייגער האָט אויסגעקלונגען זעקס. עס איז שוין ווידער געווען פאַרנאַכט און אויפן הימל האָבן אַרומגעשוועבט פייערדיקע, צעצונדענע וואָלקנדלעך. דאָניא רעבעקא האָט אויפגעהויבן די וואַליזע און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער גאַס. זי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט, זי האָט בלויז אַרויפגעוואָרפן א טרויעריק רחמנותדיקן בליק צום בחורשן צימערל, א משונהדיקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פאַרקלאַפּט דעם טויער פון דער גאַס מיט א טראַסק. זי האָט אָנגעהויבן שלעפּן די וואַליזע צוזאַמען מיט איר ווינטערדיקן מאַנטל, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרוואָרפן אויף דער לינקער האַנט. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט ביז צום ראָג גאַס און אַראָפּגעלאָזט די וואַליזע אויף דער ערד. זי האָט נערוועז געקוקט אין אַלע זייטן און אומגעדולדיק געטופּעט מיט די פיס, ווי עס וואָלט איר געווען קאַלט. ענדלעך איז פאַרביי־געפאָרן א קאָטש, האָט זי א רוף געטאָן דעם קוטשער. די קאָטש האָט זיך פאַרקערעוועט און צוגעפאָרן האַרט צום טראָטואַר.

דאָניא רעבעקא האָט אויפגעהויבן די וואַליזע, איינגעשטיגן אין דער קאָטש, האָט זי א געשריי געטאָן צום קוטשער:

— צום וואָקזאַל!

דער קוטשער האָט אַ שמייכל געטאָן דאָס פערדל און די קאַטש האָט זיך אַ טראָג געטאָן ווי אַ וויכער.

דאַניאַ רעבעקאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן. טויזנטער האַמערס האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין איר האַרץ און עס האָט איר געמישט אין קאָפּ. דאָס פערדל האָט געטופּעט מיט די קאָפּיטעס איבערן ברוק. דאַניא רע־בעקאַן האָט דאָס האַרץ נישט אָפּגעלאָזן, געקלאַפּט, געהעמערט און ווי געפּרעגט צו ווענען זי פאַרט, צו וועמען וווילסטו אָנקומען? איז דען נישט אומעטום די זעלבע טרויעריקע וועלט? איז דען נישט אומעטום אייביקע וואָך?... איז דען דאָס גאַנצע לעבן נישט אַ טרויעריקע וואָך?...

דאָס פערדל האָט צוגעקלאַפּט צום טאַקט:

— אייביקע וואָך... אייביקע וואָך... אייביק!...

דאַניאַ רעבעקאַ האָט אויפגעמאַכט די אויגן. די קאַטש האָט זיך שוין געטראָגן מיט דער גאַס לענג־אויס צום וואָקזאַל. ביי דער רעכטער זייט פון דער גאַס האָט זיך געצויגן און מיטגעלאָפן דער בלינדער פּאַרקן פונעם וואָקזאַל. איבערן פּאַרקן האָבן אַריבערגעקוקט די דעכער פון ליי־דיקע פראַכט־וואַגאָנען. צוויי לאָקאָמאָטיוון האָבן פּאַמעלעך מאַנעווורירט אויף די וועקסל־שינעס; די גאַס איז תמיד פול געווען מיטן רעש פונעם וואָקזאַל, מיטן פייפעריי פון לאָקאָמאָטיוון, מיט דאַמף און רויך. דאָס פערדל האָט זיך אַלץ אָן אויפהער געיאָגט. די קאַטש האָט זיך געוויגט אויף אַלע זייטן, געאיילט צום וואָקזאַל, געלאָפן צום וועג, וואָס פירט אויף צוריק — צוריק!

די קאַטש האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער קוטשער האָט זיך אויסגע־דרייט מיטן פּנים צו זיין פּאַסאַזשיר:

— דער וואָקזאַל...

דאַניאַ רעבעקאַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און געקוקט אויפן קוטשער מיט אויפגעריסן דערשראָקענע אויגן. זי האָט זיך איינגענורעט אין אַ ווינקל פונעם קאַטש, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עס זאָל איר ווער נישט אַראָפּטרייבן פונעם אָרט. אַ ווײַלע האָט זי עפּעס אומפאַרשטענדלעך אָנגעהויבן מורמלען, פּלאָנטערן מיט דער צונג און באַלד האָט זי גאָר אַ משונהדיקן פּאַכע געטאָן מיט דער האַנט. דער קוטשער האָט גוט פאַר־שטאַנען וואָס די פרוי וויל און מיינט: ער האָט נאָך אַמאָל אַ שמייכל געטאָן דאָס פאַרשוויצטע פערדל און אַ געשריי געטאָן:

— וואמאָס*), וואמאָס!

דער קוטשער האָט פארקערעוועט אויף צוריק. ער האָט זיך בשעת־מעשה מאָדנע אויסגעדרייט אויף דער קעלניע; ער איז שוין געזעסן זייטיק, מיט א האלב פנים צום פערדל און מיטן אַנדערן האלבן פנים האָט ער געקוקט אויף זיין פאסאזשירקע, אויף דאָניא רעבעקאָן, וואָס האָט געוויינט מיט א פארוואָרפענעם קאָפּ; די טרערן זיינען איר גערונען איבער די באַקן, אריינגעפאלן אין האלדז אריין און דער קוטשער האָט איר צוגע־וואָרפן טרייסט־רייד:

— וויינט נישט, סעניאָרא... ס׳לוינט נישט... קאראמבא!

דאָניא רעבעקא האָט דעם קוטשער ווידעראַמאָל א מאַך געטאָן מיט דער האנט. דער קוטשער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט אינגאנצן צו זיין פערדל. ער האָט אָנגעהויבן פאָרן גיכער, שנעלער, האסטיקער —

און דאָניא רעבעקא האָט ווייטער געוויינט, געיאָמערט. א פארגאָ־סענע מיט טרערן האָט זי זיך אומגעקערט — צוריק אריינגעפאָרן אין דער אייביקער וואָך אריין...

(1939).

*) וואמאָס — גיי, (וויאָ).

סעניאָריטאַ אסתּרס שבתדיקע ליכטלעך

די ברייטע גאַס מיט די הויכע, ריזיקע קאַשטאַן־ביימער פוןביידע זייטן טראָטואַרן, איז אַ גאַנצן זומער, ביז אַ שטיק אין טיפן ווינטער אַריין, איינגעהילט און פאַרדעקט מיט גרינע בלעטער און טונקעלע שאָטנס. די ביימער בוקן זיך איינס צום אַנדערן, פאַרפלעכטן זיך מיט די צווייגן און האָבן אויסגעפלאָכטן אַ לאַנגן בלעטער־דאַך, וואָס ציט זיך אַוועק פון איין עק גאַס צום אַנדערן עק. צווישן די צווייגן און בלעטער ווימלען זיך מחנות ברוינע פייגעלעך, וואָס פליען אום און נורען זיך צווישן די בלעטער און מאַכן אַראָפּ, אויף דער גאַס און טראָטואַרן, ווייסע פלעקן פון זייער פייגל־קויט. פאַרשפּרייטן פייגלשע קולות און ריחות, וואָס מישן זיך אויס מיט די ריחות פון די בלעטער, מיט די ריחות פון די בלומען און געוויקסן, וואָס זיינען פול אין אַלע גערטנדלעך פון די הייזער; און די ריחות האַלטן שטענדיק די גאַס פאַרשטילט און פאַרשלעפערט, האַלטן איינגעוויגט די גאַס ווי אין אַן אייביקן דרימל.

דאָניאַ ראַקעל ראָזען, אַן איבערגעמידטע פונעם אייביקן דרימל, עפנט אויף דאָס נידעריקע שטאַכעטן־טויערל פון איר הויז און טראָגט אַרויס אויף דער גאַס אַ נידעריק בענקעלע און שטעלט עס אַוועק בא דער שטאַכעטן־וואַנט פון איר גערטנדל און זעצט זיך אַוועק. זי האָט מיט זיך מיטגענומען אַ קנויל ראָזעווע וואָל מיט די ביינערנע שפּיזלעך, הייבט זי אָן צו גענעצן און שטריקן. זי שטריקט אויס אַ קאַפּטנדל פאַר איר אייניקל מאַריאַ־קריסטינאַ ראַמאָס; דאָס אייניקל וועט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַלט ווערן צוויי יאָר, וויל זי דאָס פאַרטיק מאַכן צום קינדס געבורטסטאָג.

און אַז זי וועט דאָס פּאַרטיק מאַכן, וועט זי שוין דאַרפן אָנהויבן שטריקן אַ קליידעלע פאַר האָראַסיאָ, פאַר איר אייניקל האָראַסיאָ מאַלינאַ, וואָס נאָך איידער מען וועט זיך באַווייזן אומצוקוקן, וועט ער שוין ווערן אַ יאָר. און דערנאָך, דערנאָך?...

דאָניאַ ראַקעל הערט אויף שטריקן. זי פאַרייסט דעם קאָפּ צו דעם בלעטער־דאַך אינדערהויך און פאַרטראַכט זיך. זייט אירע פיר טעכטער האָבן חתונה געהאַט, טוט זי נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר זי שטריקט אויס מתנות פאַר אירע אייניקלעך. שוין באַלד עלף יאָר ווי איר מאַן, דאָן כאַקאָבאָ ראָזען, איז געשטאָרבן, האָט זיך מיטאַמאָל אין שטוב אַלץ גע־אַנדערשט. די קינדער האָבן אַלע חתונה געהאַט מיט קריסטלעכע מענער. באַם ערשטן איידעם איז איר געוואָרן אַביסל פריקרע, נאָך דערנאָך האָט זי זיך צוגעוווינט... די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָק־טאָר, די צווייטע האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַדוואָקאַט. די דריטע — מיט אַן אָפיציר און די פערטע האָט חתונה געהאַט מיט אַ גרויסן שרייבער...

— גוט־אָוונט, דאָניאַ ראַקעל, — שרייט פּלוצלינג אַריבער פון אַנטקעגנדיקן הויז די שכנה דאָניאַ מערסעדעס — קומט אַריבער צו מיר, וועלן מיר צוזאַמען טרינקען אַ מאַטע.

— אַ דאַנק, איך קען נישט. מען דאַרף מיך רופן דורכן טעלעפאָן. איך קען זיך נישט רירן פונעם אָרט.

— איך באַדויער זייער — לאַכט דאָניאַ מערסעדעס — אַוודאי, מיך וועט מען רופן דורכן טעלעפאָן... — ווינקט זי ממזריש מיט די אויגן.

— מיינע אייניקלעך — באַטש איך ווויין נישט מיט זיי צוזאַמען — האַלטן מיך צוגעבונדן צום אָרט ווי אַ הונט... אַז איך גיי אַ ווײַלע אַוועק פון שטוב ווערט אַ סקאַנדאַל... נעכטן האָט מיר מיין קאַרמענסיטאַ — די, פונעם דאָקטאָר, — אפשר אַ גאַנצע שעה אַריינגעזונגען דורכן טע־לעפאָן אין אויער אַריין... כ'האָב געמיינט, אַז איך וועל טויב ווערן... דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן ווי טאָן...

— ווי חנעוודיק זי איז. וואָס פאַר אַ זיס מלאכל... גאָט זאָל זי אייך באַשירעמען אויף אַ סאַך יאָרן! — שרייט אַריבער דאָניאַ מערסעדעס.

— אַ סך דאַנקען, אַ סאַך דאַנקען — קוועלט אָן דאָניאַ ראַקעל פון די ברכות און איר גוידערל ווערט גרעבער פון נחת, — נו און מאַרטאַ,

די פון אָפּיציר, איז דען בעסער? זי פאַרמאַטערט מיך דען נישט? זי קען נעמען און —

עס פאַרט אָן א מילך־וועגעלע. די בלעכענע קאַנען וואַרפן זיך אינעם וואָגן מיט א פויקעריי. דאָס פערדל קלאַפּט מיט די פּאָדקאָוועס איבערן ברוק, ווי אַ מחנה רייטער וואָלטן פאַרבייגעיאָגט. עס פאָרט אָן אנטקעגן אַן אויטאָמאָביל און מאַכט אָן א ווינט. די בלעטער צערווישן זיך מיט ציטערניש און ביידע פרויען הערן זיך אויף זעען א ווילע. אז דער אויטאָ מיטן מילך וועגעלע האָבן זיך דערווייטערט, האָט שוין דאָניאַ ראַקעל פאַרגעסן, וועגן וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן. דאָניאַ מערסעדעס שרייט אַריבער:

— וועל איך אַליין טרינקען א מאַטע. ביז שפּעטער, דאָניאַ ראַקעל. מיט אייער דערלויבעניש...

דאָניאַ ראַקעל בלייבט ווייטער זיצן אַליין אינעם שאָטן אויפן טראָטואַר. די היץ פונעם ליכטיקן נאָכמיטאָג טאָג ווערט שטאַרקער פון מינוט צו מינוט. אַ מידקייט באַפאַלט איר. די שפּיזלעך בלייבן פאַרשטאַרט אין אירע הענט און זי הייבט אָן טראַכטן, אז עס פעלט שוין נישט קיין סך, אַז אסתר זאָל אהיימקומען פון דער אַרבעט. אסתר איז די יינגסטע טאָכטער, וואָס האָט נאָך נישט חתונה געהאַט. א מיידל, נעבעך, שיין ווי א בלום און קלוג ווי דער טאָג. זי איז די כערענטן פון דער סאַנאַטאָריע פון פּראָפעסאָר קאָסטעלבוענאָ. זי פאַרדינט, קיין עין־הרע, מער פון א סך מענער, וואָס וועלן אפילו אין חלום נישט פאַרדינען דאָס, וואָס אסתר פאַרדינט... אסתר האַלט אויס פון אירע פאַרדינסטן די שטוב און די מוטער. זי האָט אָפּגעצאָלט אַלע חובות פונעם שטיבל, ווייל ווען כאַקאַבאַ עליו השלום, איז געשטאָרבן, האָבן די חובות באַטראָפן מער וויפל דאָס שטיבל האָט געהאַט די ווערט. אסתר האָט אויך פאַר איר געלט געשטעלט דעם טאַטן א פּרעכטיקע מצבה... אָבער, אָבער קיין נחת האָט נישט דאָניאַ ראַקעל פון איר טאָכטער... אַלע קינדער האָבן חתונה געהאַט און זיי מאַכן א שיין לעבן, אז גאָט און לייט זיינען זיי מקנא... אסתר וויל אָבער מיט קיין קריסט נישט חתונה האָבן. זי האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ אריין, אַז בעסער וועט זי אויף אייביק פאַרבלייבן א מיידל און מיט קיין קריסט וועט זי נישט חתונה האָבן. עס העלפן נישט אַלע רייד און טענות, אז אַלע אירע שוועסטער לעבן רואיק און גליקלעך... און קיין יידישער יונ־

גערמאַן מאַכט זיך נישט. שוין געווען אַמאָל אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס איז אסתרן געפעלן געוואָרן, האָבן דעם בחורס עלטערן צום שידוך נישט דערלאָזט. זיי ווילן בעסער דעם טויט, איידער צו האָבן גויים אין דער משפחה... אַנדערע בחורים ווילן נדן: שיט זיי אָן קעשענעס מיט געלט! שרייט זי טאַקע צו אסתרן: נאַרישע מויד, נאַרישער קאָפּ... זעסט דאָך ווער די יידישע יונגעלייט זיינען: אַ גוי, אַז עס געפעלט אים אַ מיידל, פרעגט ער ביי קיינעם גאָרנישט און האָט חתונה... אַ יידישער בחור וויל געלט און וויל יחוס... נעם זיך אַראָפּ אַ ביישפּיל פון דיינע שוועסטער און זיי נישט קיין רביצן... ס׳מאַכט זיך דיר אַ ווילער קריסט — האָב זשע חתונה און אַ סוף זאָל עס נעמען! וואָס־זשע, אַ קריסט איז קיין מענטש נישט?...

אסתר הערט דעמאָלט אויס די מוטערס רייד מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זי ענטפערט זעלטן אַ וואָרט. נאָר אַמאָל, ווען זי ווערט שוין מיד פון דער מוטערס רייד, גיט זי אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אינעם טיש אריין, גיט אַ טופּע מיטן פוס און צעשרייט זיך:

— „באַסטאַ, באַסטאַ! ס׳געפעלן דיר די גויים? — האָב זשע דו חתונה מיט זיי... באַסטאַ!”

— „ס׳מזל דיר, מיין טאָכטער, ווי אַזוי דו ענטפערסט דער מאַמען דיינער... אַזאַ מזל אויף מיינע שונאים...”

— „אַז דו ברענגסט מיך אַרויס פונעם געדולד... ווילסט כ׳זאָל אַוועקגיין פון שטוב?...” — צעוויינט זיך די טאָכטער.

— „גיי, גיי! ווער האַלט דיך צו...” — צעוויינט זיך אויך די מוטער.

און אַזוי לויפן חדשים און יאָרן. אסתר איז שוין אַ מיידל נאָענט צו די דרייסיק יאָר. די יאָרן לויפן און אסתר וואַרט אַלץ אויף אַ יידישן בחור, אויף אַ יידישן חתן... זי האַלט זיך פונדערווייטנס פון די שוועסטערן און שוואָגערס. זי וויל אפילו נישט פאָרן אין די זונטיקן צוזאַמען מיט די שוועסטערן און שוואָגערס אויפן פאַטערס קבר... זי פאָרט אויפן גוטן־אָרט שטענדיק אַליין אָדער צוזאַמען מיט דער מומע רייזל, דעם טאַטנס שוועסטער, וואָס האַנדלט מיט אייער אין מאַרק. זי, אסתר האָט ליב צו הערן, ווי אַזוי די מומע רייזל באַוויינט איר ברודער, איר טאַטן... און די טעכטער און איידעמס האָבן צו איר טענות... מיינען אַז זי, די מאַמע, איז שולדיק אין אסתרס אויפפירונג.

א ווינטל גיט א בלאָז אריין אין דער גרויסער חמימה. דער בלעטער־דאך איבער דאַניאַ ראַקעלס קאָפּ הייבט אָן רוישן און ברומען. ס'רוישן פון די בלעטער איז ענלעך צום גערויש פון די כוואַליעס ביים ברעג ים. דאַניאַ ראַקעל הערט אַרום פונעם גערויש אסתרס קול, אסתרס אָפּגע־ריסענע זיפצן ביינאַכט פונעם שלאָף. דאָס קינד אירס לעבט און וויל לעבן אין אַ וועלט אין וועלכער עס האָבן געלעבט אַמאָל באָבעס און זיידעס, עלטער־באָבעס און עלטער־זיידעס. עס איז איר פרעמד אַלדאָס היינטיקע וואָס רינגלט איר אַרום און עס איז איר נאָענט ווייטע און אַלטע זאַכן, וואָס זיינען שוין אַוועק און וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן...

אין שטוב הייבט אָן קלינגען דער טעלעפאָן. דאַניאַ ראַקעל גיט זיך אַ הייב אויף פונעם בענקעלע, זי לויפט אַריין אין שטוב און הייבט אָן אַריינצושרייען אין טעלעפאָן־טרייבל:

— האַלאָ, ווער רעדט? יאָ, יאָ. דאָס בין איך, די באָבע. די באָבע. אַזוי, אַזוי, איך זאָל טרעפן, ווער ס'רעדט... אַוודאי, דאָס ביסטו מאַרטאַ, מאַרטיטאַ. איך האָב דיך דערקענט. מאַמיטאַ? אַוועקגעפאָרן מיטן פּאַ־פּיטאָ אין צענטער אַריין? נו, אַדיאָס, אַדיאָס, אַדיאָס. — קושט זי דאָס אייניקל דורכן טעלעפאָן און סמאַטשקעט מיט די ליפּן.

דאַניאַ ראַקעל הענגט צוריק אויף דאָס טעלעפאָן־טרייבל און לאָזט זיך גיין צוריק צו דער גאָס. צוקומענדיק צום טויערל באַגעגנט זי זיך מיט איר טאָכטער אסתר, וואָס איז שוין צוריקגעקומען פון אַ טאָג אַרבעט.

— גוט אָוונט, מאַמאַ — שטעלט אונטער אסתר די באַק, די מוטער זאָל איר אַ קוש טאָן, און אַליין קושט זי איר נישט צוריק, ווייל זי וויל איר נישט אויסשמירן מיט די באַשמינקטע ליפּן — ווי פילסטו זיך, מאַמאַ?

— ווי אַזוי זאָל איך מיך פילן, מיין קינד? ס'איז אַ טאָג נישט אויסצוהאַלטן — באַשמעקט זי די טאָכטער און זאַפּט אין זיך איין די שמעקנדיקע ריחות, וואָס דופטן אַרום פונעם מיידל — צו וואָס האָסטו שוין ווייטער געקויפט בלומען? ס'פעלן דען בלומען אין שטוב?

— שטעל עס אַריין אין אַ גלאָז וואַסער — שטופּט איר אסתר אַ בוקעטל זשאַזמינען אין דער האַנט אַריין — גיב מיר אַ קאַלטן טרונק, ווייל כ'ווער פאַרבערענט פון דורשט.

— קום אריין אין קיך, וועל איך דיר געבן — לאָזט זיך די מוטער אין קיך אריין.

אסתרל גייט אָבער אריין אין שלאָף צימער, זי גיט א וואָרף אוועק דעם ווייסן לעדערנעם בייטל אויף איר פארבעט בעטל און הייבט זיך אָן אראָפּצוציען די ווייסע טולענע הענטשקעס פון די הענט. זי וואַרפט א בליק אויף די מוטערס בעטל אנטקעגן. אלץ אין צימער בלאַנקט און איז אויפגערוימט. אויף די ווענט איבער די בעטן, קוקן אראָפּ די בילדער און בילדלעך מיט גרינלעכע רעמלעך, וואָס אסתר האָט געמאכט פון זייד־פּאפּיר; מערסטנס פון די קליינע בילדלעך זיינען נישט מער ווי אויס־שניטן פון יידיש־שפּאנישע צייטונגען און זשורנאלן: אָט לערנט אַן אלטער זיידע אָנטאָן זיין אייניקל די תפילין; צוויי אַלטע ווייבער זיצן פארוויינטע איבער א גרויסן טייטש־חומש; עטלעכע רבנים מיט שטריימ־לעך אויף די קעפּ, פירן צווישן זיך א וויכוח און איינער כאַפּט זיך אַזש אָן ביים קאָפּ, פון דעם וואָס די אַנדערע זאָגן; צוויי ישיבה בחורים שפּילן אין שאך און צופּן זיך מיט פארזאָרגטע פּנימער די נאָך נישט אויסגעשפּראָצטע בערדלעך; עטלעכע יידן מיט טורבאַנען אויף די קעפּ, וויינען זיך אויס זייערע שווערע הערצער ביים כותל המערבי; משה רבינו צעברעכט די לוחות, צוזעענדיק ווי די יידן טאנצן ארום דעם גאָלדענעם קאַלב! א מחנה יידן אין לאנגע קאַפּאָטעס און ווייסע זאָקן, דרייען זיך ארום צווישן פּויערישע וועגעלעך, ערגעץ אויף א מארק אין א גאַליציש שטעטל; און אַנטקעגן, איבער דער מוטערס בעט, קוקט ארויס פון א באַגילדעטער ראַם, דער טאַטע מיט די גראָבע פּריצישע וואָנצעס; ווען ער האָט געלעבט האָט ער זיך ארומגעטראָגן מיט נישט דערגרייכבאַרע חלומות: ער האָט געוואָלט ווערן א פּרעזידענט פון עפּעס א קרעדיט־בענקל און עס איז נישט געוואָרן... ער האָט געוואָלט ווערן אַ קאָמיסיאָנס־מיט־גליד פון דער חברה קדישא און איז עס נישט געוואָרן; ער האָט געחלומט צו מאַכן אַ רייזע קיין ארץ ישראל — און נישט געפאָרן...

ביי די זייטן פון טאַטנס בילד הענגען עטלעכע גרויסע בילדער פון טאַטנס אייניקלעך: צוויי שיינע יינגעלעך, וואָס זיינען ווי טראָפּנס וואסער ענלעך צו זייערע קריסטלעכע טאַטעס... פאָטאָגראַפיעס פון די איבעריקע אייניקלעך, וואָס זיינען קיינס נישט ענלעך צו די יידישע מאַמעס, נאָר בלויז צו די קריסטלעכע טאַטעס.

אסתר באקוקט זעלטן די פאָטאָגראַפיעס פון אירע פלימעניקלעך און קען זיך קיינמאָל זאַט נישט אָנקוקן פון די יידענעס און יידן אויף די אויסשניטן פון די צייטונגען און זשורנאַלן. זי לויפט צו צו דער שאַפע, נעמט ארוים איר טונקל־בלוי קליידל און הייבט זיך אָן איבערטאָן.

— נאַ, טרינק! — קומט אָן די מוטער מיט א גלאָז סאָדע וואסער אין דער האַנט — טרינק פּאַמעלעך, ווייל ס'איז שטאַרק קאַלט.

אסתר נעמט צו דאָס גלאָז פון דער מוטערס האַנט און גיט א טרונק אוים ס'ביסל וואסער מיט איין זופּ — אַ דאַנק, מאַמע.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי שנעל אויסגעטרונקען? קענסט זיך נאָך אָנמאַכן, גאָט זאָל אָפּהיטן, די ערגסטע קרענק — בייזערט זיך די מאַמע און נעמט ביי איר צו דאָס ליידיקע גלאָז.

— ס'וועט מיר גאָרנישט זיין, מאַמע — ציט אסתר אריבער דאָס געביטענע קליידל איבערן קאָפּ — איך איל מיך. איך גיי אביסל צו דער מומע רייזל.

— אהאַ! גייסט שוין אוועק! איידער נאָך ביסט אריינגעקומען אין שטוב אריין גייסטו שוין אוועק. און איך דאַרף ליגן א גאַנצן טאָג אין שטוב, ווי א צוגעבונדענער הונט...

— ס'איז היינט פּריטיק, מאַמע — צעפּייכטן זיך אסתרס שוואַרצע אויגן — איך גיי זען ווי אַזוי די מומע רייזל בענטשט ליכט. ס'ווערט שבת...

דאָניאַ ראַקעלס פּנים פאַרציט זיך מיט אַ שוואַרצע כמאַרע; אַזוי פאַרציט זיך אַ מאַמעס פּנים מיט אינערלעכער שרעק, ווען אין אירם אַ קינד הייבט אָן ארויסשלאָגן סימנים פון א קלעפּיקער קראַנקייט אָדער שגעון... אין אָנבליק פון איר קינדס ליבע צום ווייטן אויסגעבּרענטן לעבן פון זיידעס און עלטער־זיידעס און צו געשטאָרבענע דורות, וואָס זיינען אוועק, ווייזט זיך אוים דאָניאַ ראַקעלן, אַז איר קינד איז פאַרכישופט און קראַנק... און פּונקט ווי מען וויל נישט ווי טאָן א קראַנק קינד, אַזוי ווערט זי נאָכגיביק, דרייט אוועק דעם גרויען קאָפּ אין אַ זייט און זאָגט אָן איינגעשרומפּן געוואָרענע פון באַהאַלטענער מורא:

— גיי, גיי. מעגסט זאָגן דיין מומע, אַז זי מעג זיך דערמאָנען צוצו־קומען אביסל צו דער שוועגערן. זאָג איר, אַז עס מעג איר אָנשטיין... —

זאָגט זי צו דער טאָכטער מיט האַרץ, וויסנדיק, אַז די שוועגערן וועט צו איר אַלצאיינס נישט קומען.

— איך וועל איר זאָגן, איך וועל איר זאָגן. באַלד קום איך צוריק. איך וועל זיך לאַנג נישט זוימען — קושט זי דער מוטער אין די באַקן, מיט אָפּגעווישטע ליפּן פונעם רוזש, ווייל ווען זי גייט צו דער מומען ווישט זי זיך אָפּ די פאַרב פון די ליפּן.

— גיי־זשע, גיי. זאָלסט זיך לאַנג נישט זוימען — שרייט זי נאָך דער טאָכטער אויף דער גאַס אַרויס.

אסתר לאָזט זיך גיין מיט איר וויגנדיקן קערפּער און שפּאַנט מיט דראָבנע טריטעלעך איבער דער פּאַרטונקלטער, פאַרנאַכטיקער גאַס. פון צווישן די ביימער־שפּיצן און דורך די גרינע בלעטער, לויכטן שוין דורך די אָנגע־צונדענע עלעקטרישע גאַסן־לאַמטערן. אויף די טראָטואַרן פאַר די הייזער זיצן שוין אויסגעזעצט גאַנצע משפּחות, צעלייגטע אויף געפלאָכטענע פאָטעלן און בענקלעך און פּרייבן מידע פון היץ. קינדער יאָגן זיך אום אין מיטן גאַס פאַרשוויצטע און פאַריאַכמערטע. אסתר פאַרנעמט זיך מיט דער ברייטער ריוואַדאַוויאַ־גאַס. זי גייט שטאָלץ פאַרביי מיט אַן אויפ־געהויבענעם בליק, צווישן די פול־באַזעצטע טישלעך פאַר די קאַפעען. זי גייט פאַרביי דעם קינאָ „פעניקס”, אַזאַ רויט באַלויכטענער מיט נעאָן־ליכט און עטלעכע אויסגעפוצטע בחורים מיט ציגאַרעטלעך אין די מיילער, באַוואַרפן זי מיט קאָמפּלימענטן:

— אַדיאָס, שיינע.

— אַדיאָס, שטאָלצע.

— אַדיאָס, געטלעכע,

— אַדיאָס, פּרינצעסן!

— אַדיאָס, נשמה פון מיין האַרץ. דערלויבסט צו באַגלייטן? — שאַרט זיך צו איר נאָענט אַ יונג בחורל און גייט איר נאָך אַ שטיק וועגס און רעדט איר אַריין אין אויער אַריין.

אסתר הייבט נאָך העכער אויף דעם קאָפּ און פאַרשנעלערט אירע טריט. זי קרייצט איבער די גאַס אויפן אַנדערן טראָטואַר — אַזעלכע ראַ־צערס — מורמלט זי — אַוועק!

זי פאַרנעמט זיך מיט אַ שמאָל געסל און קרייצט איבער די באַן־ליניע. עס פאָרן אָן אַ מחנה יונגען און מיידן אויף ביציקלעטן. עס יאָגט

אַן אַן עלעקטרישער־צוג און די ציקליסטן פאַרקערעווען מיט דער גאַס, וואָס לויפט לענגאויס דער באַן־ליניע און לאָזן זיך אין אַ געיעג מיט דער באַן. זיי געוואַלדעווען מיט פריילעכע קולות און שרייען צו די פּאַסאַ־זשירן, וואָס קוקן אַרויס דורך די פענצטער.

אסתר קומט אָן צום הויז ווו עס וווינט איר אַלטע מומע ריזל. זי גייט אַריין אין הייפל און לאָזט זיך מיט די שמאָלע אייזערנע טרעפּלעך אַרויף צום אייבערשטן צימערל איבער דער קיך. די טיר פון דער מומעס קליין צימערל שטייט אָן אויפגעפּראַלטע און עס לייכטן אַרויס פון אינע־ווייניק רויטלעכע אָפּשיינען פון צוויי ציטערדיקע ליכטלעך. אויפן קליי־נעם טישעלע אין מיטן צימער, אַ פאַרשפּרייטעס מיט אַ קלאָר ווייס טיש־טעכל ברענען די צוויי ליכטלעך אין צוויי מעשענע לייכטערלעך. נעבן די מעשענע לייכטערלעך ליגט אויפן טישעלע דער מומעס שבתדיק חלהלע איבערגעדעקט מיט אַן אויסגעהאָפטענער סערוועטקע. קיינער איז אין צימערל נישט פאַראַן און אסתר זעצט זיך אוועק אויפן ראַנד פון דער מומעס בעטל מיט די דריי ווייסע קישעלעך אָנגעלייגט איינס אויפן אַנדערן; אסתרס שאָטן שאָטנט זיך אָפּ צוויי מאָל אויף דער וואַנט, יעדעס ליכטל שאָטנט אויס אסתרן באַזונדער פון לינקס און פון רעכטס; אסתר באַמערקט נישט אירע שאָטנס אויף דער וואַנט, קוקט זי מיט אויפגעלויכ־טענע אויגן צו די ברענענדיקע ליכטלעך. בלייבט זי זיצן אַ פאַרגאַפטע, ווי אינעם אָנבליק פון אַ גרויסן וווּנדער, צעעפנט זי ס׳מויל ווי פון איבער־ראַשונג:

— אַך, ווי שיין!... אַך, ווי שיין!...

עמיצער הייבט אָן שווער צו שטייגן אויף די טרעפּ, די מומע ריזל שאַרט זיך אַריין אַ קרעכצנדיקע:

— גוט שבת, אסתרל, איך האָב געמיינט וועסט שוין היינט נישט קומען. כ׳האָב געוואַרט מיטן ליכט בענטשן און זיך נישט געקענט דער־וואַרטן אויף דיר. ס׳איז מיר געוואָרן שפּעט און כ׳האָב געמאַכט שבת. וואָס הערט זיך ביי דיר?

— אַלדאָס גוט הערט זיך ביי מיר, מומע — ענטפערט די פּלימע־ניצע אויף שפּאַניש — ס׳איז מיר אַ שאָד וואָס איך האָב פאַרשפּעטיקט. ס׳איז מיר אַ שאָד...

— פאַר דערפאַר וועסטו דאָס גוטע פון גאָט קיינמאָל נישט פאַר־

שפּעטיקן — צעקרעכצט זיך די מומע נאָך שטאַרקער און מיט אַ טאָפּלטן מיין — וועסט זען, וועסט זען!

אסתּר רוקט זיך אַראָפּ פון בעט און זעצט זיך אַוועק ביים טיש און ענטפערט ציִענדיק מיט די אַקסלען:

— מיר איז גוט, מומע. וואָס פעלט מיר דען?

די מומע רייזל שטעלט זיך אַוועק הינטער אסתּרס פּלייצע און לייגט אַרויף איר אַלטע אויסגעהאָרעוועטע האַנט אויף אסתּרס שיינעם קאָפּ און שאָקלט זיך איבער איר מיט רחמנות און צאַרטער ליבשאַפט. אסתּר בייגט אָן אַביסל דעם קאָפּ און לאָזט זיך גלעטן. זי צעעפנט גרויס און ברייט אירע שיינע שוואַרצע אויגן און פאַרקוקט זיך אויף די ברענענדיקע ליכטלעך, ווי אויף אַ געטלעכן ספּעקטאַקל: מיט וויפל הונדערטער יאָרן צוריק האָט זי זיי געזען ברענען? מיט וויפל הונדערטער יאָרן צוריק, האָט זי זיי אָנגעצונדן אין די פרייטיק־צו־נאַכטן...

און סעניאָריטאַ אסתּר וואַרעמט זיך אָן אַ באַשטראַלטע אין די ליכט־פלעמלעך, וואָס מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט ווער אָנגעצונדן אויף צו דערמאָנען דעם מענטשן, אַז נישט בלויז צו וואָכעדיקער אַרבעט איז מען באַשאַפן געוואָרן, נישט בלויז צו מי און פּיין איז מען באַשטימט געוואָרן, נאָר אויך מנוחהדיקע רו און שבתדיקע פרייד איז פאַרן מענטש באַשטימט געוואָרן... איינמאָל אין וואָך, מעג דער מענטש זיין געגליכן צו אַ זאָרגלאָז פייגעלע אויף אַ בוים!... וואַרעמט זיך טאַקע סעניאָריטאַ אסתּר ביים שיין פון דער מומעס שבתדיקע ליכטלעך, וואָס ברענען און צאַנקען שוין טויזנטער יאָרן און קיין בייזער שטורעמווינט האָט זיי ביז איצט נישט געקענט אויסלעשן... ערגעץ פאַרלעשן זיך טויזנטער ליכטלעך און איין ליכטל בלייבט ברענען און נאָך אַ ליכטעלע צינדט זיך ערגעץ צוריק אָן. און צוזאַמען מיט די ליכטלעך ברענט אַ נישט געזעען פלעמל אין אסתּרס האַרץ, עס פינקלען שבתדיקע פלעמלעך אין אסתּרס אויגן, ברענען זיי און לויכטן און וועלן זיך, מסתּמא, קיינמאָל נישט פאַרלעשן...

סוסאַנאַס פּרילינג

דאַס דריי שטאָקיק דעפּאַרטאַמענט־הויז איז אפשר מיט אַ צענדליק יאָר צוריק געווען דאָס שענסטע פון דער גאַנצער גאַס. מיט אַמאָל איז עס שנעל אַלט געוואָרן, זיך פאַרשרומפּן צווישן די ניי־געבויטע הייזער און געבליקט צו דער גאַס מיט גרויער אַלטקייט.

די שכנים, וואָס האָבן געוווינט אין דעם הויז, האָבן זיך צו אַזאַ זאַך נישט צוגעקוקט. דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן יאָ באַמערקט אַראָפּקוקנדיק פון זייערע שטובן אין הייפל אַריין, איז אַז דער גאַנצער הויף איז עפּעס ענלעך צו אַ גרויסן אומגעלומפּערטן באַן־וואַגאָן, אין וועלכן עס טריקנט זיך אייביק נאַסע וועש, וואָס טריקנט קיינמאָל נישט אויס.

קיינער פון די איינוואוינער האָט זיך פון אַזעלכע קלייניקייטן נישט געערגערט. זיי האָבן זיך בכלל פון קיין שום זאַך נישט גענומען צום האַרצן. זיי האָבן כמעט אַלע געהאַט מידע, גלייכגילטיקע פּנימער; זיי פלעגן, נישט געאיילט, מיט געמאָסטענע טריט אַדורכשפּאַנען דעם שמאָלן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צו דער גאַס, אָדער מיט געלאַסענע טריט זיך הייבן אויף די טרעפּ, אָפּרוען זיך אַ סעקונדע און ווייטער זיך געהייבן.

האָט טאַקע אין הויז שטענדיק געהערשט אַ באַלעבאַטישע שטילקייט, און ווען נישט דער טומל, וואָס האָט זיך מאָמענטנווייז אַריינגעריסן דורכן אייזערנעם שטאַכעטן טויערל וואָס פון דער גאַס, וואָלט שוין געווען צו שטיל, שטילער ווי אויף אַ בית־עולם.

אַזוי האָבן זיך דורכגעצויגן די טעג אין הויז, אָן טומל און אָן געפּילדער. ביינאַכט איז געוואָרן נאָך שטילער. עמיצער פלעגט פאַרשליסן

דאָס טויערל, אָבער באַלד איז עמיצער אָנגעקומען פון דער גאַס, אויפגע־שלאָסן און פאַרגעסן צוריק צו פאַרשליסן. דעמאָלט איז שוין דאָס טויערל צוריק געבליבן אָפן ביז אויף צומאָרגנס.

אין די ערשטע צייטן, ווען מען האָט דאָס הויז נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט, האָט טאַקע דאָס אָפן געלאָזן טויערל פאַרשאַפט די שכנים א סך קרענקונג און אפילו געשטערט די רו און שטילקייט פון הויז. ווייל שטענדיק נאָך האַלבער נאַכט פלעגט דער פּאָליציי־מאַן טרעפן דאָס טויערל צעפּראַלט און ער פלעגט קלינגען צום הויז־וועכטער. יענער פלעגט זיך קוים איבערוועקן, אַראָפּלויפן צום טויערל א צעקאָכטער, שעלטנדיק אַלע שכנים, פאַרשליסן מיט א טראַמאַסק און איינטענהן מיטן פּאָליציי־מאַן:

— ס'מעג זיין אָפן, מ'וועט גאָרנישט אַרויסגנבענען... גאָרנישט!

מיט דער צייט האָט זיך דער פּאָליציי־מאַן איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פונעם הויז־וועכטערס רייד און דאָס טויערל בלייבט שוין אייביק אָפן דורך די נעכט און עס וועט שוין אייביק שטיין א צעפּראַלטס...

די שטילקייט אין הויף האָט שוין אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ערגעץ אויפן ערשטן שטאָק איז געבוירן געוואָרן א קינד. דאָס קינד האָט דורך די נעכט אָן אויפהער געוויינט, די מאַמע האָט עס דורך די נעכט אָן אויפהער געוויגט, געזונגען מיט א קריצנדיק קול. די הויז־איינוווינער האָבן שוין באמת נישט געקענט שלאָפן דורך די נעכט. פונעם צווייטן שטאָק האָט זיך טאַקע מיט אכט טעג שפּעטער, אַרויסגעצויגן א משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון א דיקן פּאָטער און א שרעקלעך דאַרע פרוי; זיי האָבן אויך פאַרמאָגט צוויי הויכע דאַרע, דין־פּלאַטשעדיקע טעכטער. ערשט ביים אַרויסציִען זיך האָבן די שכנים באַמערקט, אַז זיי האָבן פאַר־מאָגט דריי גרויסע וויג־שטולן. עמיצער האָט טאַקע געזאָגט מיט א צו־שמייכלטן פּנים:

— די וואָס וויגן זיך, האָבן ליב עס זאָל זיין שטיל... שאַ!

דאָס קינד אויפן ערשטן שטאָק, האָט ווייטער אָן אויפהער געוויינט אין די נעכט. פון ערגעץ ווייט איז אָנגעקומען דער זומער און עס האָט א יאָג געטאָן אויפן הויף מיט שרעקלעכע היצן. פון דער גאַס האָט זיך אַריינגעקריגן אין הויף אריין א געלע קאַץ, זי האָט אָן אויפהער פאַר־מיאוקעט די אויסגעשטערנטע נעכט; דאָס קינד האָט אויפגעהערט און די

קאַץ האָט אָנגעהויבן: דאָס הויז האָט זיך אין אַזעלכע מינוטן פאַרוואַנדלט אין אַ קוויטשענדיקן גיהנום.

די שכנים האָבן געדולדיק געליטן און געשוויגן. דער הויז־וועכטער האָט זיך אין די טעג געיאָגט מיט אַ שטעקן נאָך דער קאַץ, נאָר ער האָט איר אָבער נישט געקענט פּאַקן און ער האָט בייז געלאַכט; זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט משוגענער פאַרצווייפלונג. קיינער פון די שכנים האָט אים אין אַזאַ רגע נישט דערקענט; ער פלעגט אַרומלויפן בייינאַכט אַ האַלב־נאַקעטער, עס האָט זיך פון אים געשפּירט אַ זויער־שווייסיקער ריח און זיין נאַקעט לייב האָט געשראָקן מיט הפקרדיקער גבורה.

די קאַץ האָט אין אַזעלכע מינוטן זיך אויסבאַהאַלטן אויפן דאַך. דאָס קינד האָט געוויינט מיט אַ פאַרמאַטערט קולעכל. אין יענער נאַכט האָט עס שוין געוויגט דער פאָטער; ער האָט נישט געזונגען, ער האָט פּשוט געברומט. ענדלעך האָט דאָס געדולד ביי אים געפּלאַצט און ער האָט אַרויסגעדונערט:

— שלאָף! שלאָף אָדער פּגר!

דער גאַנצער הויף האָט זיך צעצאַפּלט. ביי אַ סך שכנים האָבן די הערצער אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, אַט ווי פּאַר זייערע אויגן וואָלט דאָ עמיצער, נאָר־וואָס אָפּגעטאָן אַ שוידערלעך פאַרברעכן... האָבן זיי אַלע מיט אַמאָל דערפילט אַזאַ רחמנות צום אומבאַקאַנטן קינד. יעדער האָט פאַר זיך דערזען די פאַרטערטע אייגעלעך פון אַ וויינענדיק נפשל... האָבן זיך זייערע אויגן צעליוכטן מיט טרויער און אַריינגעלויכטן אינעם קינדס טריפנדיקע טרערן. נאָר דאָס קינד איז אַליין נישט שטילער געוואָרן, זיך געריסן מיט אַלע כוחות און די קאַץ האָט זיך ווייטער צעמיאַוקעט. ביי די שכנים האָט זיך דער רחמנות פאַרלאָשן. זיי זיינען שוין געוואָרן אויף אַן אמת שטאַרק נערוועז. עס האָט זיך באַלד אין זיי צעברענט אַ שרעק־לעכער כעס, און זיי האָבן שוין אויף זייערע געלעגערס געשאָלטן די קאַץ צוזאַמען מיטן קינד, אַז ביידע זאָלן שוין, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, פאַר־שטומט ווערן אויף אייביק!...

אַ גאַנצן זומער האָבן זיך די קללותדיקע תפילות געריסן פון די געלעגערס צום אויסגעשטערנטן הימל ביז זיי זיינען כמעט מקויים געוואָרן, ווייל אין אַ שטיקל צייט אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבן, נאָר די קאַץ, די אייביק מיאַוקעדיקע קאַץ, איז אויף ווייטער געבליבן ביים לעבן.

אויפן הויף איז שוין שטיל געוואָרן דורך די נעכט, פּונקט ווי בייטאָג. און די מאמע פונעם פאַרשטאָרבענעם קינד, פלעגט שוין גאַנצע טעג שטיין א נישט פאַרקעמטע פאַרן טויער פון דער גאַס. זי האָט געוואַרט ביז איר מאַן האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט. זי האָט אים באַגעגנט מיט א גלייכגילטיקן בליק; נאָר, אַז עס פלעגט צופעליק פאַרבייגיין א שכן און אַרויסמורמלען א „גוט אָוונט", האָט דער מאַן פריינטלעך צוריקגע־ענטפערט און די פרוי האָט נאָר געקענט צוואַרפן א בייזן בליק; אָט ווי זי וואָלט געוווסט, אַז אָט דער מענטש איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן געבעטן אויף איר קינדס טויט... נאָר פונקט אין דעם שכן האָט זי געהאַט א טעות; דער איז געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט קיינמאָל נישט געבעטן אויף קיינעמס טויט; אים האָט אפילו נישט אינטערעסירט צי די קאַץ זאָל לעבן אָדער פּגרן... פאַר אים האָט די קאַץ אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. ער האָט זי קיינמאָל נישט געזען, און וואָלט זיך מיט אים עמיצער באַראָטן וועגן דער קאַץ, וואָלט ער זיכער א צי געטאָן מיטן לינקן אַקסל און וואָלט שנעל געזאָגט:

— זאָל זי לעבן... כאַפּט איר דער שוואַרץ־יאָר!

ער האָט געוווינט אַנטקעגן דעם לײדיקן דעפּאַרטאַמענט און ער האָט באַוווינט א קליין צימערל וואָס איז געווען עפּעס גרעסער פון א קאַסטן. געשלעגנגלטע אייזערנע טרעפּלעך האָבן דערפירט ביז צו זיין טירל. ער איז געשלאָפן אויף א קליין, כמעט קינדעריש, שמאָל בעטל און ער האָט געהאַט א טישל מיט עטלעכע ביכלעך. ער האָט אָפט מאָל געטראַכט וועגן קויפן א בענקל און ער האָט נישט געקויפט. ער האָט געקענט ליגן ווי א פאַרשטיינערטער און קוקן אויפן סופיט. פון צופיל קוקן אויפן סופיט זיינען זיינע אויגן שטענדיק אומעטיק און פאַרטרערט, אַז מען האָט גע־קענט מיינען, ער זעט ווי פון יענער זייט סופיט, אויפן דעכל, ליגן א צענדליק ווייסע פייגל מיט צושפּרייטע פליגל און גוססן...

נאָר אויף זיין דעכל איז גאָרנישט געלעגן. אפשר איז אמאָל די קאַץ דאָרטן געלעגן און זיך געוואַרעמט אַנטקעגן דער זון, נאָר ער, וואָס האָט געוווינט אונטערן דאַך, האָט זיך אַנטקעגן דער זון ווייניק וואָס געוואַרעמט, אפשר ווען מען וואָלט זיך געקענט אָנוואַרעמען ביים שיין פון די שטערן, וואָלט ער זיך מסתמא געקענט פאַרגינען אַזאַ זאַך. בייטאָג האָט ער געמוזט אויסרוען זיינע אויגן זיי זאָלן וואַך זיין ביינאַכט, זיי זאָלן אָן

איבעריים אַפּהיטן דעם טאַנץ פון דינע שטאָלענע נאָדלען און צערטלען מיט זיינע בליקן שטאָלענע מאַשינען, דאָרט, אין דער טעקסטיל־פאַבריק, ווו ער האָט געאַרבעט.

ער האָט געאַרבעט ביינאַכט. ער האָט געוואַכט איבער מאַשינען, וואָס האָבן געשטריקט אַרטיפיציעלע זייד־שטאָפן; ער האָט אַלע נעכט פאַר־טשעפּעט הונדערטער זיידענע פעדים אויף זיינע געהירן און ער האָט אַכטונג געטאָן זיי זאָלן זיך נישט איבעררייסן און ער האָט געגלויבט, אַז צוליב דעם איז ער באַשאַפן געוואָרן.

דערפאַר איז ער געשלאָפן בייטאָג און דערפאַר האָט אים דאָס וויינענדיקע קינד, ווען עס האָט נאָך געלעבט, קיינמאָל נישט איבערגע־וועקט. ער איז שטענדיק אויפגעשטאַנען ווען דער הימל האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו טונקלען. ער האָט פאַרבעט זיין בעטל און דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעוואַשן און פאַרקעמט זיינע האָר. און בשעת ער האָט זיך געקעמט, איז ער אָפטמאָל געוואָרן בייז און זיך געפּאַטשט אין קאָפּ. עס האָט אים פאַרדראָסן פאַרוואָס עס פאַלן אים אויס די האָר. ער האָט געקוקט מיט עקל אויפן קעמל, ווו עס זיינען פאַרבליבן די אויסגעקראַכענע האָר. ער פלעגט ווערן נערוועז, ווייל די האָר האָבן אים דערמאָנט אין צעריסענע זייד־פעדים... ער האָט שוין אין אַזאַ מינוט געקענט טראַכטן, אַז עס וואָלט בעסער געווען, ווען ער וואָלט שוין געהאַט אַ פּליך. ער האָט געוווסט, אַז עס דאַרף נאָך דויערן אַ פּאָר יאָר און ער האָט באַשלאָסן אַז ער וועט זיך אמאָל אינגאַנצן אָפּגאָלן די האָר.

נאָר ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעפירט זיין באַשלוס. ער איז געווען פויל און אפשר האָט ער נישט געהאַט קיין מוט. ער האָט דווקא אַ סך מאָל געוואָלט אויסקערן ביי זיך אין צימערל, נאָר ס'איז נישט געווען וואָס. ער האָט זעלטן אָנגעמיסטיקט, נאָר קיין שטויב האָט נישט געפעלט. אָפטמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ביי אים אין צימער רעגנט מיט שטויב, אַז אויף דער גאַנצער וועלט רעגנט מיט שטויב און דאַך האָט ער נישט מער ווי איין מאָל אין דער וואָך, געבאָרגט ביי זיין ווירטן דעם בעזים און אויסגעקערט דעם שטויב פון זיין צימערל.

אָט אַזוי האָט ער געלעבט אין זיין קליין צימערל, ווו עס האָט אייביק גערעגנט מיט שטויב. ער האָט געאַרבעט אין פאַבריק און די מאַשינען

האָבן געשפּריצט מיט שטויב און אז ער האָט אמאָל געחלומט וועגן עפּעס, איז דאָס שטענדיק געווען וועגן שטויב...

אין פאַבריק האָט ער זיך געפילט צום בעסטן: ער האָט נישט פיינט געהאט די מאַשינען און ער האָט שעהן דורכאַנאַנד פון זיי נישט אראָפּ־גענומען זיינע בליקן און אז דאָס איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער צו זיי געשמייכלט ווי צו לעבעדיקע באַשעפענישן. ער האָט זיך געפילט גוט און ער האָט שטיל געזונגען. זיין געזאַנג האָט קיין אַנדער לעבעדיק באַ־שעפעניש אויסער אים נישט געהערט. ער האָט געצויגן זיין ניגון אין זיך און אז ער האָט אויפגעהערט אויף א ווײַלע, האָבן זיינע מאַשינען ווייטער געזונגען, די פעדים האָבן געשאַרכט צווישן די נאָדלען, די קייטן האָבן טעמפּ געקלונגען און די לעדערנע טראַנסמיסיע־פּאַסן האָבן געהאַלדזט די שטאָלענע רעדער, ווי עמיצער וואָלט זיי אָן אויפהער געקושט.

אזוי האָט זיך געצויגן די נאַכט און ער האָט די מאַשינען מיט דער נאַכט צוזאַמען, נישט געוואָלט פאַרבייטן פאַרן טאָג. ער האָט קיינמאָל נישט געפילט קיין מידקייט און ער האָט געגלויבט, אז ער איז עפּעס א באַשעפעניש וואָס דאַרף אינגאַנצן נישט שלאָפן. אין אַזאַ מינוט איז ער מיט זיך אליין געווען שטאָלץ. ער האָט זיך געקענט אויף א רגע אויסציען אין זיין גאַנצער הויך, איבער די מאַשינען און געבן א זאָג צו זיין חבר, וואָס איז, ווי ער, געשטאַנען צווישן מאַשינען פאַר אים:

— אונדז איז גוט! מיר זעען ווי אזוי די זון גייט אויף און ווען זי גייט אונטער... הערסט, ברוך?

דער חבר ברוך האָט אויסגעבראַקעט א פול מויל מיט זיידן־שטויב, פאַרטראָטן מיטן פּוס און געענטפערט מיט בייז־פאַרזשמורעטע אויגן:

— האַרציקער קיוועלע מיינער... ס׳מזל אויף דיר מיט אזא גוטסקייט!

קיווע האָט געענטפערט מיט א זינגענדיק קול:

— ביסט א נאַר... ברוכל... א גרויס גרויסער נאַר...

די איבעריקע חברים האָבן אין אַזעלכע מינוטן מיטגעלאַכט, נאָר באַלד זיינען זיי צוריק מיט ערנסטקייט פאַרטאָן געוואָרן אין דער אַרבעט. איינער האָט נישט געגעבן אַכטונג געגעבן אויף זיין מאַשין, א פאָדים האָט זיך איבערגעריסן און די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט... דער רוח ווייסט צי עס האָט נישט עפּעס פּאַסירט. און עמיצער האָט זיך צעבייזערט מיט א פאָרוואָרף:

— ביי דער ארבעט דארף מען נישט ריידן... די מאשינען קענען נעבעך נישט באשטיין, אז מען רעדט... עס קאסט זיי טייערער...

די עלעקטרישע לאמפן הייבן אן לויכטן טונקעלער — א סימן, אז ס'קומט שוין אן דער פארטאג. באלד צעקלינגט זיך א גלאק און די מאַשינען שטעלן זיך אפ, באפרייען די מענטשן און די ארבעטער לאזן זיך ארוים צו דער גאס.

פארן טויער ווארטן שוין פרישע ארבעטער מיט פארשלאפענע אויגן, אלע זיינען זיי אנגעכמורעט און ענטפערן נישט אויף די באגריסונגען פון די אוועקגייענדיקע חברים, זיי זיינען זיי מקנא וואס זיי האבן שוין אפגעארבעט און שטופן זיך אומגעדולדיק אין דעם צעעפנטן טויער.

ברוך און קיווע זיינען ארוים די לעצטע. ברוך האט זיך אפגעשטעלט פארן טויער, געטייטלט מיט דער האנט אין הימל ארײן און געסמאטשקעט מיט די ליפן:

— סעניאר קיווע! נעם זיך די זון... קענסט זיך זי נעמען אינגאנצן... איך שענק זי דיר אינגאנצן אוועק!...

קיווע האט אויסגעדרייט זיין פנים צו מזרח זייט. א שטיק רויט פייער האט זיך געהויבן איבער די דעכער, צעצונדן קליינע וואלקנדלעך און געטריקנט דעם פייכטלעכן נעפל פונעם פארטאג. עטלעכע טויבן האבן געפלאטערט אין א ראד צווישן צוויי קלויסטער־שפיצן און אויפן ראג גאס האט געגענעצט א פאליציימאן איינגעוויקלט אין א רעגנמאנטל.

ביידע חברים האבן זיך אפגעשטעלט אפווארטן דעם טראמוויי. חבר ברוך האט זיך אנגעשפארט אין א טעלעגראפן־סלופ און אנגעהויבן צו דרימלען. ער האט פארלייגט די הענט אויף זיין ברוסט און איז געשטאנען ווי א פארהלשטער. קיווע האט צו אים געקוקט מיט אומעטיקע אויגן. ער האט מיט זיינע בליקן א גלעט געטאן זיין חברס הענט און ער האט זיך געוווּנדערט וואס זיי זיינען אזוי בלאס. א סך בלאסער ווי זיין פנים: ער האט אנגעהויבן נאכפרעגן וויפל יאר די הענט ארבעטן שוין, און ער האט אפגעציילט צוויי טוץ יארן.

ער האט א זיפץ געטאן און אנגעהויבן טראכטן וועגן זיין חברס לעבן. ער האט געהאט א ווייב מיט א קינד און פארדינט האט ער פונקט אזוי פיל ווי ער, וואס האט קיינעם נישט. ער האט מיטאמאל פאר זיך דערזען ווי דאס ווייב א בלאסלעכע, מיט דינע שווארצע ברעמען, זיצט

ביים טיש, זי האַלט איר קינד, וואָס נאָגט איר די ווייסע ברוסט און מיט דער צווייטער האַנט קלאַפּט זי אין טיש און שרייט:

— „מיינסט אַז אייביק וועסטו קענען אַרבעטן? מיינסט, אַז אייביק וועלן מיר זיך קענען אַזוי מאַטערן? אייביק... האַ?"

קיווע איז ביי זיי עטלעכע מאָל געווען צו גאַסט. אַלע מאָל האָט ער טאַקע צוגעזען אַזעלכע סצענעס. און איינמאָל איז ער געקומען ווען זיין חבר איז נישט געווען אין דער היים. ברוכס ווייב האָט אים מכבד געווען מיט שטאַרקער טיי. זי האָט זיך צו אים גאָר נאָענט צוגעזעצט און האָט זיך צערעדט מיט אַ שטיל סודותדיק קול. זי האָט אים דער־ציילט, אַז זי האַלט איר מאַן פאַר אַ גרויסן גאַרנישט. ער איז אויף גאַרנישט פעאיק און פאַרוואָס זאָל ער, קיווע, אים נישט געבן אַ שטויס, ער זאָל עפּעס אָנהייבן צו טאָן, קויפן בשותפות עפּעס אַן אַלט מאַשינדל און „אַליין עפּעס אויפטאָן"... זי האָט זיך צערויטלט, זי האָט אַרויפ־געלייגט איר וואַרעמע האַנט אויף זיין קני און אַריינקוקנדיק אים טיף אין די שוואַרצאַפּלען האָט זי געפרעגט:

— „נו?"

קיווען האָבן אָנגעהויבן קריכן זינדיקע געדאַנקען אין די געהירן אַריין. די קני האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן. נאָר מיטאַמאָל האָט זיך דאָס קינד אין וויגעלע צעוויינט. ער האָט זיך געגעבן מיטן בענקל אַ רוק הינטער זיך און געזאָגט מיט אַ הייזעריק געוואָרן קול:

— „ער, ער וועט אַלץ טאָן. ברוך האָט אייך שטאַרק ליב... איר זיינט אייך עם גאַרנישט בכוח פאַרצושטעלן..."

זי איז צוגעגאַנגען צום וויגעלע, צעשפּיליעט די רויטע בלוזע, וואָס איר מאַן האָט אמאָל אַליין אויסגעשטריקט; זי האָט זיך איינגעבויגן, אַריינגעשטופּט איר ברוסט־וואַרצל אין קינדס מיילעכל, האָט זי גע־וואַרטשעט מיט אַ פאַרקרימט פּנים:

— „בין איך גליקלעך, אַז ער האָט מיך ליב... אַ גליק האָט מיך געטראָפן!"

אין קיוועס אויערן האָט זיך עפּעס צערוישט. ער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ: ער איז געשטאַנען נאָענט לעבן זיין חבר אַ פאַרדרימלטער... אין דער הויך איבער זייערע קעפּ, האָבן די עלעקטרישע טראַמוויי־קאַבלען גערוישט. אַ טראַמוויי האָט זיך דערנענטערט מיט אַ געקלינגערריי.ביידע

חברים זיינען איינגעשטיגן און ווייטער געדרימלט שטייענדיק אין א פול געפאקטן וואגאן. אלעמען האט זיך אויסגעוויזן, אז דער טראמוויי פארט נישט שנעל. ענדלעך איז ברוך אויסגעשטיגן דער ערשטער. ער האט פארן אויסשטייגן א לייכטן פאטש געטאן קיווען אין דער פלייצע אריין. קיווע האט אזא שאקל געטאן מיטן קאפ, ווי ער וואלט אים געהאלטן ביים פארלירן. ענדלעך, מיט צוויי גאסן ווייטער, איז ער אראפגעשפרונגען פון טראמוויי אין פולן גאנג.

אין אזא פרימארגן, אזוי ווי ער טרעט נאר איבער די שוועל פון זיין צימערל, באפאלט אים גלייך אזא אומעט און ער ווערט צוריק וואך. ער באקוקט מיט משונהדיק פרעמדע אויגן די ווענט פון זיין היים און זעצט זיך אוועק אויפן בעטל. ער שארט מיטן שוך דעם שטויב אויפן פאל און טראכט וועגן זיינע טעג, וואס ער מוז פארשלאפן, באגראבן זיי אויף אייביק אין א פארשטויבט קעסטעלע. פע!

דורך דער פארמאכטער טיר מיט דער געלבלעך פארשטויבטער שויב, רייסט זיך אריין דער טאג. עס רייסן זיך קולות פון לעבעדיקע וועזנס, פון מענטשן, וואס פרייען זיך דאך מיט א נייעם טאג. עמיצער איז אויפגעשטאנען מיט געזאנג. עמיצער לאכט, א הונט בילט, עמיץ באַ־שפריצט מיטן מויל א בלומען־טאפ; דער מיסט־טרעגער קלאפט אין טויער און שרייט מיט א זינגענדיק קול:

— ס׳מיסט, ס׳מיסט, ס׳מיסט!

קיווע האט זיך שוין אריינגעלייגט אין זיין בעטל, נאר ער קען נישט אנטשלאפן ווערן. די אויגן ווילן זיך נישט פארמאכן, זיינע שווארצ־אפלען בעטן שטיל רחמים: מיר ווילן זען ווי אזוי זעט אויס די וועלט... דעם היינטיקן טאג... מיר א פאר מענטשלעכע אויגן בעטן אזוי!

קיווע פאלגט נישט. ער פארשליסט זיינע אויגן־לעדלעך און זיינע אויגן זעען שוין נישט די וועלט. זיי דערבליקן בלויז א פארנעפלטע געשטאלט; א פרוי קוקט אויף קיווען און צעשפיליעט א רויטע בלוזע, זי פארשעמט זיך און צעוויינט זיך. ניין, דאס וויינט נאר קיוועס בלוט אין זיינע אדערן, שטיקט זיך אין זיינע אדערן און וויל זיך צונויפמישן מיטן בלוט פון דער פארנעפלטער פרוי. נאר קיווע גיט זיך א ווארף, דער שטויב אויפן פאל גיט א ציטער. קיווע פארגראבט זיין פנים אין קישן און צעברומט זיך.

פארנאַכט קריכט קיווע צוריק אַראָפּ פון זיין בעטל. ער עפנט די טיר און קוקט אַראָפּ אויפן הויף. ער זעט גאַרנישט און קוקט. ער הערט נאָך אַלץ ווי זיין בלוט העשעט אין זיינע אָדערן. ער נעמט זיך שנעל אָנטאָן, און ווען ער גייט אַראָפּ פון די טרעפּ, האַלט ער די הענט אין די קעשענעס, באַטאַפּט עטלעכע פּאַפּירלעך, וואָס קנייטשן זיך צווישן זיינע פינגער. ער גיט אַ שמייכל:

— סוסאַנאַ וועט שוין היינט האָבן נאָך אַ פּאָר פּעזעס פאַרדינסט...

דעם גאַנצן וועג גייט ער אַ פאַרטראַכטער. האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט און מיידט אויס אריינצוקוקן אין פרעמדע פּנימער. ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין און אים דוכט זיך אויס, אַז אַלע מענטשן ווייסן ווו ער גייט, ווו ער איילט אַזוי שנעל, אַפילו אומגעגעסן, אָבער ס׳הונגערט אים נישט.

שפּאַנט ער האַסטיק און נאָך האַסטיקער פאַרגייט די זון. ער וואָלט נאָך אַפילו געקענט אין זיך איינזאַפּן עטלעכע זון־שטראַלן, באַהאַלטן אין זיך עטלעכע שטראַלן פון אַ פאַרגייענדיקער זון, נאָר סוסאַנאַ, די פּשוטע זונה, איז אים איצט ליבער ווי די זון. פאַר דער זון איז ער קיינמאָל גאַרנישט מקריב און סוסאַנאַן גיט ער אַוועק אַ גרויסן טייל פון זיין שקלאַפישן פאַרדינסט און קיינמאָל באַדויערט ער נישט.

ער איז שטיין געבליבן פאַר אַ טיר מיט גרינע פאַרהענגלעך. ער האָט מיט פאַרביסנקייט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל. עמיצער האָט פון אינעווייניק געאיילט אים צו עפענען. דערווייל האָט ער גאָר שטאַרק אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַנטקעגן אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר זיינען געשטאַנען צוויי מיידלעך ביי דער שוועל פון זייער שטוב. זיי האָבן געקוקט אויף קיווען מיט חוצפּה און מכלומרשטן עקל. זיי האָבן זיך ציניש געסודעט. קיווע האָט צו זיי נאָך צינישער אַהין געשמייכלט. מיטאַמאָל האָט זיך הינטער זיינע פּלייצעס צעפּראַלט די טיר און קיווע איז אַריינגעגאַנגען.

אינעם הייזל האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן מיט פאַרדומפּנקייט און פייכטקייט. דאָס הויז און די צימערן האָבן געשמעקט מיטן פייכטן ריח, ווי אַלע הייזער, וואָס זיינען שטענדיק פאַרמאַכט; אין פאָדער־צימער האָט שוין געלויכטן דער עלעקטרישן לאָמפּ. אַנטקעגן האָט זיך אין אַ גרויסן מיט גאָלד־געפאַרבטן ראָקאָקאָ־שפּיגל אָן אויפהער געשפּיגלט סו־

סאַנאַ. זי איז ווי שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין אַ קורצער זיידענער קימאָנאָ. זי האָט זיך געגלעט איר געשליפן נעזל, זי האָט דערזען איר גאַסט אין שפּיגל און זי האָט דורכן שפּיגל צו אים אָנגעהויבן שמייכלען. איר באַדינערן, אַן אַלטע אויסגעדאַרטע פרוי מיט שיטערע גרויע האָר, האָט זיך ארומגעדרייט מיט די הענט אונטערן פאַרטוך, געקוקט אויף קיווען מיט גיריק־כיטרע אויגן און געזאָגט:

— גייט דערווייל אריין אין צימער. אָט וועט זי באַלד אַריינגיין.

קיווע האָט נישט געענטפערט, ער האָט געקוקט אויף סוסאַנאַס נאַקעט געטאָקטע פיס. די אַלטע האָט אַ בורטשע געטאָן און האָט זיך אָוועקגעזעצט ביי דער טיר.

סוסאַנאַ האָט זיך מיטאמאָל אויסגעדרייט. זי איז צו אים צוגעגאַנגען מיט טאַנצנדיקע טריטעלעך, פאַרוואָרפן די הענט אַרום זיין האַלדז, האָט זי זיך צוגערוקט צו אים און מיט אַ קני אַ שטויס געטאָן אים אין די פיס און געפרעגט מיט אַ לויטער קול:

— וואָס מאַכסטו, זונדעלע?

— גוט!

— עס פרייט מיך!

זי האָט איינגעבויגן דעם נאַקן און אים פּלוצלינג געוויזן.

— רויט, יאָ?

קיווע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— פאַראַן ווילדע מענטשן אויף דער וועלט...

זיי זיינען אריין אין צימער. סוסאַנאַ האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו לאַכן. די אַלטע דינערן האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. זיך געקראַצט אין פּלייצע און האָט זיך באַלד צעגענעצט.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט די אַלטע אָנגעפּויקט אין דער טיר.

—דו דאַרפסט קומען צו מיר אָפטער. — האָט סוסאַנאַ אים געזאָגט.

קיווע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווען איך וואָלט פאַרדינט מער געלט, וואָלט איך געקומען אָפטער... איך וואָלט דיך אינגאַנצן אָפּגעקויפט פאַר מיר...

זי האָט אים אַ קוש געטאָן אין דער לינקער פּאה און איז געבליבן

שטיין אַ מינוט ווי פאַרשטאַרט. זי האָט זיך צוגעבויגן מיט אירע אויגן צו זיין ברוסט און באַלד האָט זי אים אַ וויז געטאָן מיט אַ פינגער אויף זיין העמד:

— אַ קנעפּל האָט זיך באַ דיר אָפּגעריסן.

— פאַרפאַלן — האָט קיווע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— זעץ זיך אַוועק, איך וועל עס דיר צונייען. איך האָב איצט צייט.

קיווע האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ:

— ניין, ניין, מ'דאַרף נישט...

— פאַרוואָס?

ער האָט זיך פון איר אַביסל אָפּגערוקט:

— וועסט דען קענען?

סוסאַנאַ האָט אים געגעבן אַזאַ קרעפטיקן שלעפּ צו זיך. אירע אויגן זיינען קלענער געוואָרן. אירע לאַנגע ברעמען האָבן זיך אויסגעבויגן. זי האָט אים מיט אַ ווילדן כוח אַ שטופּ געטאָן צום בעט און האָט באַפוילן:

— זיץ!

זי האָט מיט ווילדקייט אַ קאָפּע געטאָן אין דער טיר. די טיר האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַ טראַסק. באַלד איז זי צוגעלאָפן צו דער שאַפע און צעפּראַלט אַלע דריי טירן מיט די שפּיגלען. געגישטערט אומעטום און באַלד האָט אין איר האַנט געפינקלט אַ נאָדל און אַ ווייס פּערלמוטערן קנעפּעלע; זי האָט זיך אַ שוויינגדיקע לעבן אים אַוועקגעזעצט. זי האָט אָנגעהויבן אַריינצואָטעמען אין זיין פּנים מיט איר וואַרימען אָטעם. איר וועזן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַלע דריי שפּיגלען מיטאַמאָל: פון די דריי באַזילבערטע קריסטאַלן האָט געבלענדט מיט ווייס פּרויען־לייב און שיינע אָפּגעשליפענע פּרויען־גלידער; זי האָט איינגעפּעדעמט די נאָדל און געערדט דורך פאַרקלעמטע בייזע ציין:

— אָט וועלסטו באַלד זען, צי איך קען צונייען אַ קנעפּל. ראַצער דו!..

קיווע האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס ער זיצט און שווייגט. ער האָט געקוקט מיט פאַרשעמטע אויגן אין די שפּיגלען, געזען פאַר זיך אַ באַשעפעניש וואָס ליגט באַ דער שוועל פון אַ גרויסער וועלט. אַ וועלט מיט שפּיגלען און ברייטע בעטן, מחנות מיט מענער שפּרייזן זיך צווישן בעטן און שפּיגלען. טרעטן אַרויף אויף אַ צאַרט ווייס באַשעפעניש; אַ שטיין וואָלט שוין פאַר דער צייט צעטראָטן געוואָרן... נאָר דאָס באַשע־

פעניש פאַרמאַגט אין זיך אַ מעכטיקע ריזיקע גבורה — מען קען עס נישט צעטרעטן! און ס'איז נאָך אַלץ שיין, ווייס, צאַרט, עס האָט נאָך כוח צו ריידן, צו זינגען, עס קאָן נאָך צונייען אַ קנעפּל צו אַ העמד... פון וואנען נעמט זיך צו דעם אזוי פיל גבורה?

סוסאַנאַ האָט נאָך נישט פאַרענדיקט איר אַרבעט. זי איילט זיך נישט און שטעכט פאַמעלעך די נאָדל אין העמד. מיטאמאָל דערהערט זיך אַ קלונג. קיווע וויל זיך אויפשטעלן:

— אַ גאַסט איז געקומען.

סוסאַנאַ ענטפערט בייז:

— ער וועט צוווארטן. איך איל זיך נישט!

קיווען איז געוואָרן לאַנגווייליק. ער האָט צוגעלייגט זיין קאָפּ צו סוסאַנאַס אַקסל. נאָר סוסאַנאַ האָט געגעבן אַ שפּרונג, נאָך אַלץ אַ באַליידיקטע, ווי אַ קרעציקער וואָלט זי אַנגערירט. זי האָט געגעבן אַ ריס דעם פאָדעם און געזאָגט מיט קאַלטקייט:

— פאַרטיק, קענסט גיין!

זי האָט זיך אָנגעטאָן די קימאָנע און איז שנעל אַרויס פון צימער. קיווע האָט אַ רגע באַקוקט דאָס קנעפּעלע און האָט דאָס לייכט אָנגערירט מיטן שפּיץ פינגער. און מיטאמאָל האָט אים אָנגענומען אַ חשק איינצו־בייגן דעם קאָפּ צו דער אייגענער ברוסט און אַ קוש טאָן אין די פעדים־שטעך פונעם קנעפּעלע, וואָס סוסאַנאַ האָט געמאַכט.

מיט שעהן שפּעטער, ווען ער איז שוין צוריק, ווי אַלע נעכט, געשטאַנען צווישן די מאַשינען, האָט ער געפּלאַפּלט אין זיך און די מאַשינען האָבן מיטגעפּלאַפּלט:

— פון וואנען נעמט זיך צו שוואכע מענטשן אזוי פיל גבורה? מען טרעט און מען טרעט און מען קען זיי נישט צעטרעטן!...

סוסאַנאַ האָט נישט געוווסט, אַז אָט דער מענטש, וואָס האָט געגלויבט, אַז זי קען אפילו אַ קנעפּל נישט אָננייען, זאָל וועגן איר טראַכטן; זי האָט אים באַלד נאָך זיין אוועקגיין אינגאַנצן פאַרגעסן. זי איז זייער פאַרנומען מיט איר אַרבעט און האָט אפילו נישט קיין צייט זיך אָפּצורוען. מענער וואַרטן מיט אומגעדולד און רויכערן אָן אויפהער. זי קען נאָר אויף אַ ווײַלע אַ זינג טאָן אין דער צייט, וואָס איין מאַן

גייט פון צימער אַרויס און דער צווייטער קומט אַריין. אָך, ווי פאַרגומען זי איז...

מאָנאַטן זיינען דורכגעלאָפן. קיווע האָט געאַרבעט בייגאַכט אין פאַבריק און סוסאַנאַ אין הייזל. סוסאַנאַ האָט שטענדיק געהאַט גענוג אַרבעט און קיווע איז געבליבן אַרבעטסלאָז. ער האָט, כל־זמן ער האָט נאָך געהאַט געלט, אָפּט באַזוכט סוסאַנאַן, אָבער סוסאַנאַ האָט אים נישט דערקענט. קיוועס האָט דאָס שוין אויף אַן אמת פאַרדראָסן און ער האָט באַשלאָסן מער צו איר נישט גיין.

אָבער צו קיין אַנדערער איז ער שוין אויך נישט געגאַנגען. די מאַשינען, וועלכע קיווע האָט שטאַרק ליב געהאַט, האָבן נאָר ליב די פאַבריק־באַלעבאַטים. זיי האָבן צו שנעל אָנגעאַרבעט אַ סך סחורות און קיווע האָט אָנגעהויבן צו הונגערן. ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אין סוסאַנאַן. דאָס העמד אין וועלכן זי האָט צוגענייט דאָס קנעפּל איז געלעגן צוזאַמען מיט נאָך וועש אין דער וועשעריי. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט אויסצולייזן זיין וועש. ער האָט עטלעכע מאָל געבאָרגט ביי חברים צו איינציקע פּעזעס און ער איז שוין צוריק ווי אַלע מענטשן געשלאָפן אין די נעכט.

פאַרטאָג פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן אויף דער גאַס. ער האָט געקויפט אַ צייטונג און נאָכגעזוכט וואָס פאַר אַן אַרבעט ער זאָל נישט זיין. ס'רוב האָבן זיך געפאָדערט דינסטן און מיידלעך צו נייען קנעפּלעך אין טאַנ־דעטנע מענער־פּאַלטנס. אין אַזאַ מינוט האָט ער זיך דערמאָנט, מיט אַ ביטערן שמייכל, אין סוסאַנאַן: אָט זי, האָט ער געטראַכט, קען קיינמאָל נישט ווערן אַרבעטסלאָז. זאָל איר עמיצער אַרויסוואַרפן פון הייזל, קען זי ווערן אַ דינסט אָדער נייען קנעפּ... דאָס הייסט זיין אין אַ גליקלעכער לאַגע!...

ער האָט זיך אַריינגעשאַרט אין אַ פאַררויכערטן יאַפּאַנעזישן קאַפע־הויז. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ער האָט געקוקט מיט גלייכגילטיקע אויגן אויף די פאַרבייגייער, געזופּט שוואַרצע קאַווע און געבעטן אַ פּאַפּיראָס ביי אַ באַקאַנטן, וואָס איז, ווי ער, געזעסן ביי אַ צווייטן טישל.

זיינען זיך די טעג געלאָפן, געלאָפן צוזאַמען מיט די מענטשן אויפן טראָטואַר, מיט די אויטאָמאָבילן אין מיטן גאַס. פרעמדע פּאַפּיראָסן האָבן

זיך אַנגעצונדן אין קיווס מויל און זיך אויסגערויכערט אויף אייביק. קיווע איז פאַרעקשנט געזעסן ביים פענצטער, ער האָט אַלעמען נאָכגע־קוקט און קיינער האָט אים נישט באַמערקט. איין מאָל זיינען פאַרביי־געגאַנגען דריי רייך־געקליידעטע פרויען. זיי האָבן זיך צעלאַכט. קיווע האָט דורך דער שויב נישט געקענט הערן וואָס זיי האָבן וועגן אים געזאָגט, אָבער דאָך איז ער געווען זיכער, אַז די מיטלסטע האָט אים באַדויערט; זי האָט געזאָגט: ער זעט נעבעך אויס ווי אַ געשטאָרבענער, דער מענטש, אָרימער...

ער האָט דערפילט אַ דריקונג אין האַלדז און ער האָט פאַרדרייט מיטן קאָפּ. באַלד אָבער האָט ער אים צוריק אויסגעדרייט און האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט. פון יענער זייט שויב האָט ער דערזען דורכגיין סוסאַנאַן. זי איז נישט, ווי אַלע מאָל, פאַרבייגעגאַנגען מיט איר דינערן, איצט האָט איר מיט שטאָלצקייט געפירט אונטערן אָרעם עפּעס אַ מענטש אָן אַ הוט, מיט אַ שיינעם קאָפּ גרוי פאַרקעמטע האָר. ער האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם און האָט איר אָן אויפהער געקוקט מיט פאַרליבטקייט אין די אויגן אַריין. סוסאַנאַ האָט נישט צוריקגעקוקט אין זיינע אויגן, זי האָט געקוקט מיט ברייטע צעעפנטע אויגן אויף דער גאַנצער גאַס און אויף דער גאַנצער וועלט. אַלע פרעמדע מענער האָבן איר אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג. כמעט אַלע מענער פון דער געגנט האָבן זי געקענט און זיי האָבן אויך געקענט איר שיין לייב... האָבן זיך טאַקע אַלע געוואונדערט, פאַרוואָס שפּאַצירט זי אַזוי אָפּט מיט דעם אומבאַקאַנטן, פּונקט אויף דער גאַס?

קיווע איז באַלד אַרויס פון קאַפע־הויז. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג און ער האָט נאָכגעבליקט סוסאַנאַס טריט. דער קליינער יאַפּאַנעזישער קעלנער האָט דאָס באַמערקט און געשמייכלט. ער האָט איצט געשמייכלט אָט ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אין זיין געבורטס־לאַנד פרילינג־צייט ווען די קאַרשן־ביימער צעוואַקסן זיך; אויך ער האָט נאָכ־געקוקט נאָך סוסאַנאַן. אָבער ווען קיווע האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט, האָט זיך דער יאַפּאַנעזער צו אים צוריק דערנענטערט, צוגענומען פון זיין טיש דאָס אויסגעליידיקטע קאַווע־טעפּעלע, האָט ער מיט דער לינקער האַנט אַ וויש געטאָן איבערן טיש און אים געזאָגט מיט אַ שטיל ערנסט קול:

— סוסאַנאַ איז געוואָרן אַן ערלעכע. זי אזוי שוין אויף אייביק אוועק פון הייזל. זי גייט אַלע טאָג שפּאַצירן מיט איר מאַן. איר האָט געזען?
קיווע האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט:
— מסתמא איז דער מאַן אַ רייכער.
דער קעלנער איז שוין געוואָרן גאָר ערנסט. זיינע מאַנדל־אויגן האָבן זיך אים אינגאַנצן פאַרמאַכט.
— ער פאַרמאָגט נישט קיין געלט... ער איז אַ קראַנקן־וועכטער אין אַ שפּיטאָל. איך קען אים... איך בין אַמאָל געליגן אין דעם שפּיטאָל. דאָס איז אַ טייערער מענטש. ער האָט זי שטאַרק ליב... איר האָט געזען ווי אַזוי ער קוקט אויף איר?
קיווע האָט זיך פאַרענדערט. זיין פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, לענגלע־כער געוואָרן. ער האָט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און זיך צעשריגן:
— איז זי גליקלעך, אַז ער האָט זי ליב... זי דאַרף שוין נישט קיין ליבע... אַ הייזל — אַט וואָס זי באַדאַרף!
דער קעלנער איז געלער געוואָרן ווי געוויינלעך, ער האָט זיך דער־נענטערט מיט אַ טריט און געפרעגט:
— איר וואָלט וועלן זי זאָל צוריקגיין?
קיווע האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך:
— יאָ! יאָ!
דער יאַפּאַנעזער האָט זיך אַזאַ שטאַרק באַליידיקטער געגעבן אַ האַסטיקן שפּאַן אוועק. פון אַ צווייטן טישל האָט ווער געשריגן, געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן:
— יאַנפּאַנטשיק! מיינסט כ׳וועל דאָ זיצן אַ גאַנצן טאָג?
מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך קיווע באַרואיקט און דער קעלנער האָט זיך באַרואיקט. קיווע האָט אים אַ רוף געטאָן, דערלאַנגט אים אַ מטבע און זיך געהייסן געבן אַ רעשט.
דער קעלנער האָט אים צוריקגעגעבן צוויי קליינינקע מטבעות. קיווע האָט איינע גענומען און די אַנדערע האָט דער קעלנער צוריקגענומען. ער האָט נישט באַדאַנקט, ער האָט בלויז אַ קלינג געטאָן מיט אַלע מטבעות, וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע, און אָנגעהויבן ריידן:
— סוסאַנאַ האָט געלעבט ווי אַ בוים אונטער אַ חורבה. קיינמאָל

פון קיין פרילינג נישט געוווסט, איז געקומען א מענטש, צעוואָרפן די חורבה און איצט איז פרילינג!... איר פאַרשטייט, סעניאָר?

קיווע האָט זיך צעלאַכט, א פאַטש געטאָן דעם יאַפּאַנעזער אין פּלייצע און לאַכנדיק געזאָגט:

— א שאָד, וואָס דו ביסט א קעלנער — וואָלסט געקענט זיין א דיכטער...

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער, ער איז אַרויס אויף דער גאַס און ער האָט זיך געלאָזט אהיימגיין. דעם גאַנצן וועג האָט ער געטראַכט וועגן באַבלעטערטעביימער און וועגן פרילינג. און אַז ער איז אַהיימגעקומען צו זיך אין צימערל, האָט ער א קוק געטאָן אויפן פאַרשטויבטן פאָל, געטראַכט, אַז מען וואָלט געדאַרפט באַרגן די קער־באַרשט און אויסקערן דעם שטויב, אויסקערן אָט ווי סוסאַנאַ האָט אויסגעקערט איר האַרבסט, דער רוח ווייסט איר אויף ווי לאַנג זי האָט אים אויסגעקערט, אפשר ביז דעמאָלט, ביז וואַנען ער וועט ווייטער אָנהייבן אַרבעטן און זיין חברים פרוי וועט ווייטער אָנהייבן טראַכטן, אַז דער מאַן זאָל מיט אים מאַכן שותפות און קויפן בשותפות א מאַשין. דערווייל וועט ער צוריק אַרבעטן דורך די נעכט און סוסאַנאַ וועט צוריק זיין אין הייזל... פוי!

(1933)

לעבנסשפּיל

דוד איז געזעסן האַרט נעבן זיין זון יאָסעלע, אַ מענטשל פון קנאַפּע זיבן יאָר, וואָס האָט געשפּילט אַ פּאַרטיע שאַך מיט זיינעם, דעם טאַטנס חבר, שלמה.

דוד האָט געקוקט מיט פינצטערע אויגן אויפן שאַך־ברעטל און זיי־נע בליקן האָבן שטאַרק געגאַפּעט אויף די שאַך־פיגורן, אויף די ווייסע און שוואַרצע קעסטעלעך, און מיט יעדער מינוט וואָס עס איז פאַרביי, מיט יעדן צוג, וואָס זיין חבר האָט געענטפערט זיין זון, האָט אין אים אַלץ מער זיך צעפלאַקערט אַ כעס אויף זיין חבר, וואָס שפּילט אַזוי גרויזאַם און אומברחמנותדיק קעגן זיין זון, און שפּילט אים אַנטקעגן מיט נישט געצוימטער אַמביציע, ווי ער וואָלט געשפּילט מיט אַ גרויסן דערוואַקסע־נעם שפּילער, און וויל אומבאַדינגט געווינען.

שלמה, דער חבר, איז געווען ווי שיכור פון זיינע געוואַלדיקע נצחונות אויפן שאַך־ברעטל. מיט יעדער פיגור, וואָס ער האָט געוווּנען ביי זיין קליינעם קעגנער, האָט ער צופרידן אונטערגעוואָרטשעט און האָט זיך פאַסמאַקעוועט. ער האָט זיך געריבן די נאָז, זיך געפּאַטשט אויף די קניען און זיך געוווּנדערט:

— נו, מעגסט זיך שוין אונטערגעבן — אַ שאָד די צייט!

יאָסעלע האָט דעם טאַטנס חבר נישט געקוקט אין די אויגן אַריין און אים גאָרנישט געענטפערט. ער איז געווען פאַרפלאַמט און זיין פּנימל האָט זיך געצונדן פון חרפּה און מאַכטלאָזיקייט. אַז ער האָט געענטפערט מיט אַ צוג, האָט ער אַ ווײַלע אויפגעהויבן די פיגור אין דער לופט, און

פּראַזיכטיק אַריינגעשטעלט די פיגור אין אַ קעסטעלע. זיין קליין הענטל האָט בשעת מעשה געציטערט.

שלמהן האָט דאָס ציטערן פון דעם קליינעם הענטל שטאַרק הנאה געטאָן. ער האָט געלאַכט און געזאָגט:

— וואָס ציטערסטו? — האָב נישט מורא, איך וועל דיר נישט טאָן קיין גוטס!...

דוד האָט זיך געהויבן פונעם בענקל. ער האָט זיך געביסן די צונג פאַר כעס און אויפרעגונג. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט צוקוקן די שפּיל... עס איז שוין מער נישט געווען קיין שפּיל. אויפן שאַך־ברעטל זיינען אַרומגעגאַנגען אַ מחנה שוואַרצע וועלף, וועלכע האָבן זיך געיאָגט און פאַרצוקט ווייסע, שוואַכע שעפעלעך. מיט יעדער מינוט זיינען די ווייסע שעפעלעך געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווינציקער. עס איז שוין בלויז פאַרבליבן דער פאַסטוך —דער קעניג אַליין— צווישן אַ סטאַדע וועלף, און פון אַלע זייטן יאָגן זיי זיך אויפן קעניג־פאַסטוך און אָט וועלן זיי אים באַלד פאַרצוקן.

יאָסעלע האָט זיך געראַנגלט. ער האָט געוווּסט, אַז ער מוז שוין פאַר־שפּילן, אָבער אונטערגעבן זיך האָט ער נישט געוואָלט: מיט יעדן צוג וואָס ער האָט אָפּגעצויגן דאָס אומפאַרמיידלעכע פאַלן פון זיין קעניג, האָט ער זיך געפרייט און געטרייסט. עס האָט אויסגעזען ווי עמיצער פרייט זיך און ציט אָפּ די גסיסה פון אַ געליבט וועזן, עס זאָל לעבן נאָך אַ מינוט און נאָך אַ רגע, אבי עס זאָל וואָס לענגער אויפהאַלטן דעם אָנ־קומענדיקן טויט...

דער פאָטער האָט שוין מער נישט געקענט איינזיצן ביים טיש. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ קעצל, וואָס איז געלעגן דרימלענדיק אויפן ראַנד פונעם אַנטקעגנדיקן פענצטער; אייגנטלעך האָט ער אפשר דאָס קעצל גאָרנישט באַמערקט. ער האָט בלויז געטראַכט סיי וועגן זיין זון און סיי וועגן חבר: אָט איז פאַרהאַן אַ גרויסער מענטש און אַ קליין מענטשעלע און ביידע האָבן די זעלבע אמביציעס אין זיך: ביידע ווילן געווינען און קיינער וויל נישט פאַרשפּילן; זיין חבר שלמה איז שוין אַ דערוואַקסענער מענטש און אַ באַיאָרטער, קנאַפּע פערציק יאָר אַלט. שוין באַלד פופצן יאָר ווי ער, דוד, איז באַקאַנט מיט זיין חבר, און אויף

וויפל דוד ווייסט, איז שלמהס לעבן אוועק אויף א גראדן און זינלאָזן וועג. שלמה איז פארבליבן אַן אייגזאמער בחור, קיינמאָל האָט ער קיין פרוויען־קאנטשאפט נישט געהאט און אפשר נישט געזוכט. זעקס אָדער זיבן מאָ־נאָטן דורכן יאָר האָט שלמה געארבעט אין פאבריק און פארדינט גענוג אויף נישט צו שטארבן און ווייניק אויף צום לעבן. דאָס גאנצע לעבן שלמהס רינט אוים אין קאפע־הויז ביי א טעפעלע שווארצע קאווע; אין די ארבעטסלאָזע מאָנאטן ווערט אמאָל שלמה פארשוואונדן און צופעליק קען מען אים אמאָל געפינען אויף א שטאָטישן שפאציר־פלאץ, א דרימ־לענדיקן אויף א באנק, אַן אויסגעדארטן און באוואקסענעם, מיט רויטע אנטצינדענע וויעס פון שלאָפלאָזע וואך־נעכט און מיט קראנקע פאָספאָר־פייערן אין די שווארצאפלען... איצט, אז דוד איז געוואָרן א פאמיליען־מאַן און האָט שוין א היים, קומט שלמה אָפט, און אפילו ווען ער קומט נישט, באגעגענען זיי זיך אלע טאָג. ווייל שוין צוויי יאָר, ווי דוד און שלמה ארבעטן אין איין פאבריק און האָבן איין און דעם זעלבן ברויט־געבער; היינט, נאָכן סעזאָן, איז שלמה גאנצע טעג ביי דודן אינדערהיים. און ביידע פארברענגען גאנצע טעג אין שאך־שפיל און פארטרינקען מיט מאטע.

נאָר היינט, האָט דער טייוול אָנגעטראָגן דעם קליינעם יאָסעלע, אז ער זאָל שפילן מיט שלמהן א פארטיע שאך. און שוין באלד איבער א שעה, ווי דוד קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער א כאפ געטאָן די שאך־פיגורן און וואָלט זיי צעבראָכן אויף פיץ־פיצלעך... עס ארט אים נישט, וואָס שלמה וועט געווינען און יאָסע־לע וועט פארשפילן, ווייל אנדערש האָט עס בשום אופן נישט געקענט זיין... עס פארדריסט אים נאָר, זיין זונס נעבעכדיקע פארלוירנקייט און שלמהס קינדערשע כיטרעקייט, וואָס קען נישט און וויל נישט זיין אביסל גרויסמוטיק... און וויפל מאָל איז ער, דוד, געוועזן גרויסמוטיק צו זיין חבר אויפן שאך־ברעט? אפילו א בלינדער וואָלט דאָך געקענט זען, אז ער גיט אים ספעציעל צו געווינען, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דאָס וועט אים, שלמהן, זייער פרייען... האָט ער דאָך געקאָנט דערוואַרטן, אז ער זאָל אָט דאָס ביסעלע זינלאָזע נצחון־פרייד אָפּצאָלן זיין זון, צוריקגעבן... צוריקצאָלן...

שלמה האָט איבערגעריסן דודס געדאנקען. ער האָט א זבענק געטאָן

מיט זיין געוואונטער פויסט אין טיש און ארויסגעשאָסן מיט פרייד אין קול:

— יאָסעלע, דו קענסט שוין גיין שלאָפן... — מאַט! זאָג דיין טאַטן ער זאָל דיר קויפן אַ קליין, גאָר קליינטשיק שאַכעלע, וועסטו זיך צולערנען אַביסעלע...

יאָסעלעס נערוון האָבן שוין מער נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע פיגורן פונעם שאַך־ברעטל און אַ וואָרף געטאָן שלמהן, זיין טאַטנס חבר, גלייך אין פּנים אריין, און ווארפנדיק זיך מיט די קליינע פויסטלעך אויפן צעוואקסענעם שלמהן, האָט ער אָנגעהויבן העמערן אויפן פּנים פונעם גרויסן מענטשן, און געשריגן מיט אַ היסטעריש געוויין:

— איר זיינט אַ שלעכטער... אַ שווינדלער!... איר האָט מיך צעמישט מיט שלעכטע ווערטער... שלעכטער, אידיאָט, נאַדיר! טאָמאַ! דעסגראַסיאַדאָ!*)

יאָסעלע האָט אָן אויפהער, אַזאַ צעיושעטער, געהעמערט איבערן פּנים פון זיין טאַטנס חבר, און שלמה, דער גרויסער און פעסטער יונג, דער צעוואקסענער גבורהדיקער מענטש, האָט זיך נישט פאַרטיידיקט. ער האָט בלויז אביסל אַ בלייך געוואָרענער, זיך פאַרשטעלט מיט זיינע צעמאַזאָליעטע הענט זיין פּנים, אַוועקגעבויגן זיין קאָפּ הינטערווייַלעכץ און זיך געבעטן, אין אָנפאַנג מיט אַ געלעכטער און דערנאָך שוין ערנסט, מיטן פּשוטן געבעט:

— הער אויף, יאָסעלע... וועסט מיר נאָך אויסהאַקן אַן אויג! הער אויף, באַרואיק זיך!... האָב אויף מיר רחמנות... יאָסעלע!

דוד, דער טאַטע, איז געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער און געלייַמטער אויף זיין אָרט. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין קינדס קורץ און קליין לעבן האָט ער נאָך זיין יינגעלע נישט געזען אַזאַ צערייצטן און צעיושעטן; אַפילו נישט דעמאָלט, ווען מען האָט איבער זיין זונדעלע געדאַרפט דורכפירן אַ ביז גאָר ערנסטע אָפּעראַציע אויף אַן אויער; דודס פאַרשטאַרטקייט און צעטומלעניש האָט אָבער געדויערט געציילטע סעקונדן. ער האָט געגעבן אַ פלינקן שפּרונג צו צו זיין זונדל, האָט אים

---

*) טאָמאַ דעסגראַסיאַדאָ — נאַדיר אויסוווּרף!

פעסט ארומגעכאפט מיט ביידע הענט און האט אנגעהויבן שרייען אויף אים מיט א שטרענג טאטיש קול:

— וואס האט דא פאסירט? וואס איז דיר געשען? וואס איז דאס פאר אן אויפפירונג?... הא, יאסל?!

יאסעלע האט זיך נאך שטארקער און ווילדער צעיושעט. ער האט פארקריצט מיט די קליינע פערלדיקע ציינדלעך און אנגעהויבן דריגען מיט די פיסלעך, האט ער נאך געוואלט שלמהן א קאפע טאן ווי א פאר־זינדיקטן הונט; און ער האט אן אויפהער געוואלדעוועט:

— לאז מיך, פאפא... איך וועל אים דערהרגענען!

דודן, דעם פאטער, איז דאס בלוט געקומען אין קאפ אריין. ער האט מיט א מאדנער און ווילד־פרעמדע פאר אים רציחה, א כאפ געטאן מיט אלע זיינע כוחות זיין זון ביי די יונג־שוואכע אקסלען, האט ער אים אנגעהויבן טרייסלען און אראפדריקנדיק אים צום פאל, האט ער זיך צע־שריגן און צעברומט ווי א לייב, מיט ארויסגעשטארצטע און בלוט־פאר־גאסענע אויגן:

—ווער האט דיך געלערנט שלאגן אן עלטערן מענטשן? ביי וועמען האסטו זיך אזוי אויסגעלערנט?... ביי מיר אפשר? הא? כ'מאך פון דיר שוין א סוף!

יאסעלע האט מאכטלאז פארווארפן דאס קעפל אויפן לינקן אקסל און זיך פארגאנגען מיט א יאמער:

— פאפא... פאפא!...

דוד האט שוין גארנישט געהערט און אלץ אן אויפהער געטרייסלט זיין זון און געוועוועט:

— אזוי א, א, האב איך דיך געלערנט? קענן אן עלטערן מענטש וועסטו אויפהויבן דיינע הענט?... קענן א גאסט, וואס קומט צו מיר אין שטוב אריין? אזא דרך־ארץ האב איך דיך געלערנט? איך מאך פון דיר שוין א תל!

שלמה האט זיך דערווייל אויסגעטשוכעט און ער האט א שפרונג אויף געטאן, האט ער מיט איין שלעפ אוועקגעריסן דעם פאטער פון זון, און אז דוד האט זיך נאך אמאל פרובירט ווארפן אויף זיין זון, האט אים שלמה אזא שטויס געטאן, אז דוד איז הינטערוויילעכץ געפאלן אויפן קאמאד און פונעם קאמאד איז אראפגעפאלן אויפן פאל דער גרויסער,

גלעזערנער פּרוכט־טעלער און זיך צעבראָכן מיט אַ שאָס און טראַסק; שלמה האָט אַ כאַפּ געטאָן יאָסעלען אויף די הענט און האָט זיך אָפּגע־רוקט אביסל ווייטער צו דער טיר און געשריגן צו דודן:

— ווער נישט משוגע, דוד... אַ קינד בלייבט אַ קינד... האַלט איין די נערוון!

דוד האָט נישט געענטפערט. ער האָט בלויז געקוקט דאָ אויפן שוין שטיל בליפּענדיקן זון, דאָ אויפן נאָך אַלץ בלאַסן חבר און גאַרנישט גע־זאָגט. שלמה האָט צוגעטוליעט צו זיך יאָסעלען, אים געקושט אין קאָפּ, אים געקושט אין די נאָך אַלץ געביילטע פויסטלעך און זיך געבעטן ביי אים:

— שוין, לאָמיר צוריק ווערן חבר. אַנטשולדיק מיר, קליינער... אַ־יאָ, מיר וועלן צוריק ווערן חברים, אמיגאָס?... טשאַקאַ! — האָט אים שלמה געקיצלט אין דער גאָמבע.

יאָסעלע האָט פאַרמאַכט ביידע אויגן, ווי ער וואָלט געשלאָפן, און אַ פאַרשוויצטער געסאַפּעט. שלמה האָט אָבער נאָך אַלץ צאַרט און גע־דולדיק געקיצלט יאָסעלעס פּנים מיט דער וואַרטנדיקער האַנטפלאַך און געוואַרט אויפן פריינטשאַפט־קלאַפּ פונעם קליינעם קינדערשן הענטל און זיך געבעטן:

— נו, קלאַפּ אָן! טשאַקאַ!

ענדלעך האָט זיך אויף יאָסעלעס פּנימל, מיט די פאַרמאַכטע אוי־געלעך און אויף די פאַרדריקטע ליפּעלעך, זיך צעשפּילט אַ פאַרגעבנדיק שמייכעלע. אָט נאָר ווי אַ קינד קען מוחל זיין... שלמה האָט אָנגעכאַפּט דאָס הענטל און עס צוגעלייגט צו זיין פּנים און גערעדט מיט האַרץ צו זיין חבר דוד, דעם פאָטער:

— האָסט שוין איינמאָל אַ יאָסעלע! אַן אמתער יאָסל וועט ער אויפוואַקסן... אָט, זעסטו, מיט דעם יונגאַטש בין איך דיך אויף אַן אמת מקנא!...

דודן איז אָפּגעגאַנגען דער כעס. ער האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו שמייכלען צו זיין אינגל, אָבער אַזאַ אומפאַרשטענדלעכער און פריי־דיקער שמייכל, האָט אים דאָך גובר געווען און זיך צעשיינט אויף זיין פּנים, און באַלד האָבן ענלעכע שמייכלען מיטגעשיינט אויף די פּנימער פון זיין זון און פון זיין חבר. אַלע האָבן שוין נאָר געקוקט אויפן פּאָל,

אויף די צעשאָטענע שאך־פיגורן און אויף די צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז פונעם באבלימטן פּרוכט־טעלער; ביידע דערוואַקסענע מענער און דאָס קינד האָבן זיך איבערגעקוקט, ווי אַלע דריי וואָלטן אפשר פאַרשטאַנען, אַז אויפן פּאָל וואַלגערט זיך נישט בלויז די פיגורן פונעם אַלטן און חכמהדיקן שאך־שפּיל, וואָס מען דאַרף קענען גוט שפּילן, אויך נישט בלויז די שערבעלעך פון אַ צעבראָכענעם טעלער, נאָר אויך — שטיקלעך פון אומענדלעכן, קאָמפּליצירטן און דעליקאַטן און פיל שווערערן לעבנס־שפּיל — די שפּיל פון אונדזער מענטשלעך לעבן...

דאָס בלויע שיפעלע

אברהם איז געשטאנען נעבן קראַן און האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט, די מידע, אויסגעמאַטערטע הענט, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג ערלעך און שווער געאַרבעט; ער האָט מיט אַ בערשטל געריבן די אויסגע־שמירטע פינגער, שמוציקע פון שוואַרצער פאַרב, בליי און גראַפּיט און האָט זיי קוים דערוואַשן. ער האָט בשעת מעשה אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, געזען, אז עס איז נאָך גוט ליכטיק און פונדעסטוועגן האָט ער זיך געשראָקן, אַז די קלייטן זאָלן נישט פאַרמאַכט ווערן, ווייל ער האָט געהאַט באַשלאָסן גיין גלייך פון דער אַרבעט, קויפן אַ מתנה זיין זון, עפּעס אַ שפּילעכל, ווייל היינט איז זיין זונדעלע אלט געוואָרן פינף יאָר.

אברהם האָט זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים און די הענט מיט אַ שטיק ווייס פּאַפּיר. ער האָט עס אָפּגעריכן פון אַ ריזיקן פּאַפּיר־ראָל, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער ראָטאַטיוו־מאַשין אין דער דרוקעריי, און האָט זיך אָנגעהויבן אייַלן. ער האָט זיך שנעל איבערגעטאָן און דאָס ליכט פונעם העלן, שפּעט־זומערדיקן פאַרנאַכט, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין די אויגן. ער איז אַ ווײַלע געגאַנגען אַ פאַרבלענדעטער מיט פאַרצויגענע וויעס. שטענדיק, ווען ער ענדיקט די אַרבעט, נאָך לאַנגע שעהן זיצן ביים לינאָטיפּ, שווינדלט אים פאַר די אויגן, דאָס פאַרבייטן מיטאמאָל דאָס עלעקטרישע לעמפּל מיטן נאַטירלעכן טאָג־ליכט מאַכט אים ווי בלינד.

איצט האָט די פאַרבלענדעניש געדויערט לענגער. אברהם האָט כמעט גאָרנישט געזען, האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און געקוקט צום ברוק פונעם טראָטואַר.

די גאַס האָט דעם פאַרבלענדעטן מענטשן נישט באַמערקט: די גאַס האָט גערוישט מיט טויזנטער רוישן און קולות; אומצאָליקע פאַרבייגייער האָבן, ווי אַלע מאָל, געאײַלט. יעדער מענטש אויף דער גאַס האָט אויסגעיאָגט אָדער אויסגעשפּאַצירט זײַן וועג. אין מיטן גאַס האָבן די אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן און טראַמווייען זיך געיאָגט און איבערגעיאָגט. נעבן די קאַפּעען און טראַטואַרן זײַנען מענטשן געזעסן און געזופּט ביר. צײַטונגס־פאַרקויפער האָבן איבערגעשריגן דעם גאַנצן טומל און געפּאַכעט מיט זייערע צײַטונגען. אויף די ראָגעס פון די גאַסן האָבן די פּאָליציי־לײַט, פון זייערע געשטעלן אַראָפּ, אַרײַנגעפּייפט אינעם טומל אַרײַן און אָנגעפירט מיט דער טראַפּיק, און איבער אַלעם האָט געהויכט אַ דושנע היץ — פייער האָט געיאָגט פונעם הימל.

אברהם איז געקומען צו זיך. ער האָט זיך שוין צוגעוואוינט צום ליכט און געאײַלט מיט שנעלע טריט. ער האָט אַרײַנגעקוקט מיט פאָרשנדיקע בליקן אין יעדן שױ־פענצטער און געזוכט אַ פּאַסיקע זאַך צו קויפן פאַר זײַן אינגעלע. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט קויפן עפּעס אַ שפּילצייג. כאָטש זײַן ווײַב, שׂרה, האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קויפן פאַרן קינד נישט קיין שפּילצייג, נאָר עפּעס אַן אנצוגל, אָדער גאָר אַ פּאָר שיכלעך, ווײַל אַ שפּילעכל וועט דאָס קינד באַלד אינעם זעלבן, אָדער אויפן אַנדערן טאָג, צעברעכן... אברהם איז אָבער געווען אַן עקשן. מילא אַ פּאָר שיכלעך איז איין זאַך, און אַ שפּילעכל איז אַ צווייטע זאַך...

אברהם האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ גרויס שױ־פענצטער באַלייגט מיט פאַרשידענע שפּילצייג און געזוכט מיט די בליקן עפּעס אַ פּאַסיקע זאַך פאַר זײַן ייִנגעלע. אינעם שױ־פענצטער זײַנען געלעגן אַ סך שיינע זאַכן, וואָס האָבן געוווּנקען צום גליקלעכן טאַטן, וואָס האָט זיך דערלעבט זײַן אינגעלעס פינפטן געבורטסטאָג; ער האָט זיך צוגעבויגן צו דער שויב און פּאַוואָליע באַקוקט יעדע זאַך באַזונדער: גרויסע פּופּעס מיט קאָלירטע קליידלעך האָבן צו אים געשטרעקט די הענטלעך; ברוינע בערעלעך האָבן געקוקט צו די פּופּעלעך און דוכט זיך געשריגן מור־מור־מו... אַ בלעכן פידעלע האָט געבעטן בײַ אַ האָלענדישן ייִנגעלע, אַז ער זאָל עס נעמען אין די הענטלעך אַרײַן און אַ רימפּל טאָן אויף זײַנע סטרונעלעך; אַ בלעכן עראָפּלאַנדל האָט געוואָלט אַוועקפליען אין הימל אַרײַן; אַ ביקסעלע האָט געחלשט און געוואָלט אויסשיסן אין אַ רויטן גומענעם

באַל אַריין; קליינע סאָלדאַטעלעך זיינען געשטאַנען סמאָטער פאַר אַ בלייען גענעראַלעכל; אַ שוואַרץ הינטעלע האָט געריטן אויף אַ ווייס שע־פעלע, אַ בלוי שיפעלע מיט ווייסע זעגעלעך ווי פליגלען, האָט געוואַרט אויף אַ וואַסערל, ערגעץ וואו אָוועקצושווימען...

אברהם האָט איבערגעטראָטן די שוועל פונעם געשעפט און געבליבן שטיין. אַ אָנגעשטעלטע, אַ פריילן אין אַ שוואַרצן כאַלאַט איז צוגעקומען און געפרעגט מיט אַ העפלעך סוחריש שמייכעלע:

— סעניאָר, וואָס פאַרלאַנגט איר?

— עפּעס אַ שפּילעכל פאַר אַ קינד.

— פאַר אַ מיידעלע? פאַר אַ יינגעלע?

— פאַר אַ יינגעלע...

דאָס מיידל האָט אַ וויז געטאָן מיט אַ האַנט אויף אַ רייט־וועגעלע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן קלייט:

— דאָס געפעלט אייך?

— אברהם האָט זיך ווי פאַרשעמט און געשמייכלט:

— יאָ, נאָר איך מוז קויפן עפּעס אַ ביליקע זאַך...

דאָס מיידל האָט פאַרלוירן דעם שמייכל.

— קלייבט אייך אַליין אויס.

אברהם האָט אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט צום פענצטער:

— וויפל קאָסט דאָס שיפעלע, וואָס שטייט אין שוי־פענצטער?

דאָס מיידל האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שוי־פענצטער, אַרויסגע־נומען דאָס שיפעלע און געזאָגט דעם פּרייז:

— איין פעזע מיט פינף און ניינציק סענט.

— פאַקט דאָס מיר איין — האָט אברהם געענטפערט.

דאָס מיידל האָט אָנגעהויבן איינפאַקן דאָס שיפעלע און אברהם האָט פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— איז דאָס שיפעלע נישט פון דייטשלאַנד, אָדער פון יאַפּאַן?

דאָס מיידל האָט אויף אים אַזאַ טיפן קוק געטאָן, געוואָלט צוריק אויפפאַקן דאָס שיפעלע און געזאָגט:

— ניין, דאָס שיפעלע איז געמאַכט אין אַרגענטינע. אָט וועל איך אייך ווייזן דעם פאַבריק־סטעמפּל...

אברהם האָט נישט געלאָזט צוריק אויפפאקן דאָס שיפעלע און געזאָגט:

— איך גלויב אייך... — און ער האָט דעם מיידל דערלאנגט א באנקנאָט און געוואָרט אויף א רעשט.

דאָס מיידל האָט צוריקגעצאָלט דעם רעשט און געזאָגט שטיל, ווי זי וואָלט זיך צערעדט פאר א היימישן מענטש:

— צום באדויערן זיינען די מערסטע טייל שפילצייג פון יאפאַן, אָדער דייטשלאנד... אייער שיפעלע איז אָבער אַן ארגענטינישס. זאכן פון האָלץ ווערן שוין פאבריצירט ביי אונדז אין לאַנד.

—אברהם האָט זיך צעלאכט:

— האָב איך דאָך געוווסט וואָס אויסצוקלייבן... אדיאָס!

— אדיאָס, סעניאָר, גראסיאס.*)

אברהם האָט זיך מיטן פארפאקטן שיפעלע אין דער האנט געלאָזט צום אָמניבוס. ער האָט געטראכט, אז זיין קליין יינגעלע קוקט זיך שוין אוים די אויגן און וואַרט מיט דער מוטער אויפן ראָג גאס, וווּ ער דאַרף אָפשטייגן.

עס איז אָנגעקומען א פול־אָנגעפאקטער אָמניבוס. אברהם איז אויפ־געשפרונגען און געבליבן הענגען אויפן טרעפל. ער האָט זיך אָנגעהאלטן מיט איין האנט און מיט דער צווייטער האָט ער געהאלטן דעם זונס שיפעלע, און דאָס הארץ האָט אים געשראָקן, אז ער זאָל דאָס שיפעלע חס־וחלילה נישט ארויסלאָזן פון דער האנט, אָדער עס זאָל זיך נישט צעברעכן, איידער ער וועט עס נאָך באוויזן אהיים צו ברענגען.

דער אָמניבוס איז געלאָפן אָן איבערפולטער מיט פאסאזשירן. דער מאָטאָר האָט אָלע ווייל געסאָפעט ווי א געפייניקטע חיה. עס האָט אָנ־געהויבן טונקל ווערן. אנטקעגן אָמניבוס, לענגאויס דער ריזיק־לאַנגער רי־וואדאוויא גאס, דורך וועלכער דער אָמניבוס איז געלאָפן, האָט זיך אראָפּ־געלאָזט די זון צום האָריזאָנט. אברהם איז דורך דער צייט פון פאָרן דורך אַנדערע פאסאזשירן ארייננעשטופּט געוואָרן אינעם אָמניבוס און דאָרט איז ער שוין געשטאנען א צונויפגעפרעסטער. ער האָט זיך אָנגע־בויגן און געכאפּט א קוק צו דער גאס. עס האָט נאָך געפעלט צען מינוט

*) אדיאָס סעניאָר, גראסיאס — אדיע הער, א דאנק.

פֿאָרן ביז צו זײַן הײם. דער אָמניבוס איז ערשט געפֿאָרן בײַ דער זײַט פֿונעם ריוואַדאַוויאַ־פּאַרק. דער פּאַרק איז געווען איבערפֿולט מיט שפּאַ־צירנדיקע פּאָרלעך און קינדער. אברהם האָט פֿאַרבענקט געקוקט צום פּאַרק און זיך צעשמײכלט: אָט, ערשט ווי נעכטן וואָלט דאָס געווען, האָט ער אין די פֿאַרנאַכטן שפּאַצירט מיט זײַן כּלה אין דעם זעלבן פּאַרק... און ווי גאָרנישט האָט זיך דער פּאַרק געענדערט. הײַנט איז ער שוין אַ טאַטע און זײַן זון איז געוואָרן פֿינף יאָר... מיט יאָרן שפּעטער, — די צײַט וועט שנעל איבערלויפֿן — וועט מסתּמא זײַן זון שפּאַצירן מיט אַ מײדל אין דעם זעלבן פּאַרק און דערנאָך וועט ער ווערן אַ טאַטע און וועט אַהײם פֿאָרן אויפֿן זעלבן אָמניבוס מיט אַ מתּנה פֿאַר זײַן זון... ווי שנעל דאָס לעבן לויפֿט!...

אברהם האָט זיך דערנענטערט צו זײַן הײם. ער האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס, געוואָלט פֿון דער ווײַטנס דערזען זײַן פֿרוי און זײַן ייִנגעלע — נאָר קײנער האָט אים אין דעם פֿאַרנאַכט נישט אָפּגעוואַרט.

אברהם איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם אָמניבוס און אָנגעהויבן צו־לויפֿן די פּאָר שריט צו זײַן הויז. דאָס האַרץ האָט אים משונהדיק און אומ־רואיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן. נאָך קײן מאָל איז ער אַזוי איבערגעשראָקן נישט געווען. ער איז האַסטיק אַרײַנגעלאָפֿן צו זיך אין שטוב און שטײן געבליבן אַ פֿאַרסאַפּעטער:

די פֿרוי איז געזעסן אויפֿן בעט מיטן קינד אויפֿן שויס. זי האָט גע־קוקט מיט אַ מידן פּנים צום מאַן, נאָר דער קלײנער האָט נישט אויפֿ־געהויבן דעם קאָפּ. ער האָט געדרימלט מיט אַן אַרומגעוויקלט טיכל אַרום זײַן מויל. אברהם האָט אַן איבערגעשראָקענער געפֿרעגט:

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

— גאָרנישט — האָט די פֿרוי צו אים געוווּנקען, אַז ער זאָל רײדן שטילער און נישט אויפֿוועקן דאָס קינד — דײַן זונדל וואַקסט יענער באַנ־דיט... ער האָט נעבעך כאַימיטאָן שיר־ניט אויסגעשלאָגן אַן אויג!

אברהם האָט געוואָלט עפּעס ענטפֿערן, נאָר דודל, זײַן זונדעלע, איז נישט געשלאָפֿן. ער האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן זעץ־אויף און זיך אַראָפּ־געריקט דאָס נאַסע טיכל פֿונעם פֿאַרשוואָלענעם מײַלעכל — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט ווי אַ גרויסער מענטש:

— נײן, כאַימיטאָ האָט מיך צום ערשטן געשלאָגן!

— פאַרוואָס האָט ער דיך געשלאָגן? — האָט דער טאַטע געקוקט מיט שטרענגע אויגן צו זיין אינגעלע.

— ווייל איך בין אַ „רוסאַ", אַ „כודיאַ".

דאָס ווייב האָט אויסגעשאָסן מיט אַ ביטערן געלעכטער, אברהם האָט טרויעריק מיטגעשמייכלט.

— און וואָס איז כאַימיטאַ?

— כאַימיטאַ זאָגט, אַז ער איז אַן אַרכענטינאַ...

אברהם לייגט אַוועק דאָס פּאַרפּאַקטע שיפעלע אויפן טיש, כאַפּט זייטיקע און שטרענגע בליקן צו זיין קינדס אַנגעשוואָלן ליפּעלע און זאָגט צו זיין פרוי מיט אַ בייז קול:

— אַליץ ביסטו שולדיק... איך האָב דיך געבעטן זאָלסט מיר קויפן אַ גוט יינגעלע, האָסטו מיר איינגעהאַנדלט אַזאַ שלעכטן הונט!

די מאַמע פאַרענטפערט זיך מיט אַ טרויעריק ערנסט קול:

— וואָס בין איך שולדיק, אַז מען האָט מיר איינגערעדט, אַז דאָס וועט זיין אַ גוט יינגעלע...

דודל לאָזט אַראָפּ דאָס קעפּל אַזאַ פאַרשולדיקטער. אָט באַלד וועט ער אויסברעכן אין אַ געוויין. אברהם פּאַקט שנעל אוים דאָס שיפעלע און טראָגט עס אונטער צו זיין יינגעלעס אַראָפּגעלאָזטער נאָז.

— נאַ דיר אַ שיפעלע. ביסט אַ שלעכט יינגעלע... אַ שלעכט יידיש יינגעלע... איך וואָלט בעסער דאָס שיפעלע געדאַרפט אַוועקגעבן צו אַ גוט יינגעלע!...

דודל באַטראַכט דאָס שיפעלע און ער פרעגט קוקנדיק אויפן שיפעלע:

— און כאַימיטאַ איז יאָ אַ גוט יינגעלע?

— ניין! כאַימיטאַ איז אויך אַ שלעכט יידיש יינגעלע... אַזאַ שלעכטער ווי דו!

דודל ענטפערט נישט. דאָס שיפעלע געפעלט אים יאָ און געפעלט אים נישט. ער האָט געמיינט, אַז דער טאַטע וועט ברענגען עפּעס אַ שענערע זאַך. ער שעמט זיך אָבער צו זאָגן.

אברהם באַמערקט, אַז זיין יינגעלע פרייט זיך נישט מיט דער מתנה און ער זאָגט צו זיין קינד:

— דאָס שיפעלע געפעלט דיר? זאָג דעם אמת!

דער זון קוקט אַ ווײַלע דעם טאַטן אין די אויגן אַרײַן און זאָגט דרייסט:

— ניין!

— פאַרוואָס?

— ווייל ס'האָט נישט קיין קאַנאַנען, ס'האָט נישט קיין מאַטאָר און ס'האָט נישט מיט וואָס צו שיסן...

די מוטער קען שוין רואיק נישט אויסהערן דעם קינדס רייד. זי זי לאָזט אים אַראָפּ פון איר שויס און זאָגט צום מאַן:

— הער אויף זיך אויסטענהן מיט דיין טייער ייִנגעלע. מירן בעסער גיין עסן וועטשערע. ביסט הונגעריק?

אברהם ענטפערט נישט. ער קוקט מיט טיפע בליקן אין זיין פרוים אויגן אַריין און שווייגט. זיין פרוי שווייגט אויך און מיט זייער שווייגן גיבן זיי זיך איבער באַהאַלטענע געדאַנקען. ביידע ווייסן, אַז זיי לעבן אין אַ פינצטערער, גרויזאַמער וועלט, אַ וועלט וועמענס פונדאַמענטן רוען אויף קאַנאָנען און תליות; אַ וועלט וואָס ווערט דערשטיקט און פאַרפוילט פון מענטשלעכן שלעכטס און פיין...

אברהם זעצט זיך אַוועק צום טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס עסן באַקומט אים נישט. ער שווייגט און אַ פיין ליגט אים שווער אויפן האַרצן. דודל טוליעט זיך נעבן אים אַ פאַרשוּלדיקטער און דאָס בלויע שיפעלע שטייט אויף אַ בענקל, אין עלנטס, אַ פאַרלאָזנס, פאַראומגליקטעם פונעם שוואַרצן מזל.

די זומערדיקע נאַכט הייבט אָן צו אַנטלויפן שנעל. די היץ פייניקט און לאָזט נישט אַנטשלאָפן ווערן. אברהם טראַכט אין דער פינצטערניש וועגן דער פאַרבלוטיקטער וועלט; זיין פרוי ליגט לעבן אים אַ וואַכע און זיפצט פון צייט צו צייט. זי זעט זיך איצט מיט וואַכנדיקע, שלאָפלאָזע אויגן וואַנדערן מיט אירע עלטערן, מיט אירע ברידער און שוועסטער, אויף די פאַרפייניקטע גאַסן פונעם וואַרשעווער געטאָ און זיי ווערן געטריבן צו אַ שוידערלעכן טויט; דער קליינער דודל וואַרפט זיך אומרואיק אין זיין בעטעלע און קריצט עפּעס מיט די ציינדלעך פונעם שלאָף...

אינעם פינצטערן צימער הייבט אָן אַרומזשומען אַ מאָסקיט. פון ערגיץ גיט אַ בלאָז אַ קיל ווינטעלע און אברהמען הייבן זיך אָן צו קלעפּן די אויגן. ער ווערט קוים אַנטשלאָפן און באַלד הייבט אים אָן צו פּיי־

ניקן אַ חלום, א ווילדער אויסטערלישער חלום: ער דערזעט ווי זיין זונס בלויע שיפעלע הייבט אָן אויסוואקסן וואָס אמאָל גרעסער און גרעסער; אַט ווערט שוין די שיף ריזיק גרויס — אַ ריזיק־גרויסע פאנצער־שיף מיט אַ סך קאנאָנען און פון זייערע ריזיקע מאָנסטעריעזע פיסקעס באַשפייען זיי די וועלט מיט פייער און שטאָל — באשיסן אומאויפהערלעך די אומגליקלעכע וועלט, די פארפייניקטע וועלט... די געשענדעטע וועלט...

(1941)

אויפֿן קראַנקנבעט

שרעקלעך שנעל האָט זיך אָנגערוקט די צייט, ווען דער מענטש איז שוין פֿאַרבליבן אין בעט אויף שטענדיק, אָן אויסוואַרטנדיקער אויף זיינע לעצטע מינוטן.

איצט האָט ער שוין אָן אויפהער געקוקט אויפֿן שטיקל הימל, וואָס האָט זיך דורכגעזען דורך דער טיר. און אַז דאָס שטיקל הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט, האָט ער די וואָלקענדלעך פֿאַרגליכן צו מענטשן און חיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אויף זיין נישט איבעריק לאַנג לעבן; נאָר אַז דאָס שטיקעלע הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, האָט ער זיך שוין צעגע־נעצט און פֿאַרמאַכט די אויגן. און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, האָט ער געקוקט צוריק צו די פֿאַרשוווּנדענע יאָרן, זיך דערזען אַזאַ פֿאַרביטערטער און פֿאַריאָגטער אין אַ געיעג צו פֿאַרדינען אויף ברויט פֿאַר זיך, פֿאַרן ווייב און פֿאַר די דריי קינדער... אוי, האָט ער דאָס דעמאָלט אַרומגעיאָגט, גע־שמייכלט צו מענטשן, וואָס ער האָט פֿיינט געהאַט... נאָכגעפֿרעגט זיך אויף זייער געזונט און דערציילט וויציקע מעשׂות וועגן פֿאַרפֿירטע מייד־לעך, און אַ צענדליק מאָל דורכן טאָג, געשפּרונגען פֿון איין טראַמוויי אויפֿן צווייטן; געיאָגט זיך אויף באַנען, געשלאָפֿן פֿון צייט צו צייט אויף פֿרעמדע האָטעל־בעטן און געשריבן פֿאַרבענקטע בריוו צו זיך אַהיים... און יעדעס מאָל ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געטראָפֿן זיין ווייב אַזאַ פֿאַרעלטערטע, כאָטש זי איז געווען מיט אַ צענדליק יאָר ייִנגער פֿאַר אים, און די קינדער פֿלעגן ווערן וואָס אַמאָל פֿאַרפֿרעמדטער. אַ סך מאָל,

פלעגן זיי אים נאָך אזא רייזע כמעט נישט באגריסן. אָפטמאָל פלעגט זיך אים גאָר אויסדוכטן, אז אין זייערע אויגן לייכט אויף א פיינטלעך פייערל. ער האָט געפילט, אז זיי האָבן אים אָנגעהויבן פיינט האָבן, אָט ווי מען האָט נישט ליב א מענטשן, וואָס שטערט עפּעס דעם גאַנג פון רואיק־שטילע טעג. אוודאי האָבן זיי אים שוין געהאלטן פאר א פרעמדן מענטשן...

און פונדעסטוועגן האָט ער איצט געבענקט נאָך יענער צייט. אָבער יענע צייטן זיינען שוין לאַנג געווען באַגראָבן אונטערן שטויב פון גע־שטאָרבענער צייט. היינט, ווארט ער שוין געדולדיק אויף זיינע לעצטע מינוטן און עס בלייבט אים נאָך דערוויילן אביסל צייט צו שענקען עטלעכע פאַרביטערטע שמייכלען זיינע קינדער, וואָס האָבן אים שטענדיק, אָן ווערטער, באַליידיקט... מילא, איצט געפינען זיי זיך ווייט פון אים, ווייגען אין ווייטע שטעט, האָבן שוין אליין קינדער און אפשר הייבט זיך איצט אָן די צייט וואָס זייערע קינדער הייבן זיי אָן צו באַליידיקן...

דער קראַנקער האָט צוריק אויפגעמאַכט די אויגן, ער האָט זיך באַ־געגנט מיט זיין ווייבס פאַראומערטן בליק. האָט ער זי א ווײַלע באַטראַכט און געטראַכט, אז זי זעט נעבעך אויס ערגער פאר אים, וואָס ליגט א טויט־קראַנקער אין בעט. ער האָט א שמייכל געטאָן און געפרעגט ווי שפּעט עס איז?

— שוין זעקס, די טעג ווערן שוין גרעסער...

— ס׳דאַרף היינט זיין א שיינער טאָג...

— יאָ.

מאַן און ווייב זיינען צוריק אנטשוויגן געוואָרן. ער האָט צוריק געקוקט אויפן שטיקל הימל, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו טונקלען און זי האָט אָן אויפהער געקוקט אויפן טויט־קראַנקן מאַן. בשעת מעשה האָט איר דאָס האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן און אַזאַ טויט קאַלטע שרעק איז איר באַפאַלן: עפּעס נישט ווילנדיק, פלעגט זי זען ווי איר מאַן איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און זי זיצט אליין, איינע אַליין, אַרומגע־רינגלט מיט א סך שאָטנס וואָס טיילן זיך אָפּ פון איר אליין און עס ווערט איר אזוי קאַלט און עס שווידערט איר.

— ס׳איז דיר קאַלט? — גיט פּלוצלינג א פרעג דער מאַן.

— ניין... — און זי צעשמייכלט זיך.

דערנאָך ווערן זיי ביידע אנטשוויגן.

דער הויף איז געבויט ווי א לאבירינט: ערגעץ־ווו פארקלאפּט עמיצער מיט כעס די טיר; א מיידעלע זינגט א לידל, וואָס עס איז קוים פּאסיק, אז דערוואקסענע זאָל עס זינגען; עמיצער לאכט אריין אין א טעלעפאָן־טרייבל; און מאן און ווייב שווייגן אלץ און הערן זיך איין. דערנאָך הייבט ביים שכן אָן צו שפּילן דער ראַדיאָ. די מוזיק, אביסל הייזעריק, צעטרייסלט די שטילקייט. עפּעס דאכט זיך אויס, אז ערגעץ־ווו שפּרינגען א טאבון פערד אויף אַ גרויסער פּויק; דערנאָך האָט עמיצער אָנגעכאפּט א שטורעם־ווינט און צעשניידט אים מיט א ראַזיר־מעסער; דערנאָך פּויקן א רעגי־מענט סאָלדאטן מיט די פינגער אין די קאסקעס אריין; א שיכורער דזשענטלמאן לאכט אריין אין צילינדער; א הונט קרעקט זיך מיט א ביינדל; א האלב טוץ שיכורע מיידלעך שרייען פון א שרעקלעכן צוויין־וויטיק; א נעגער דושעט א נעגערטע; א קאץ דראַפּעט מיט די נעגל א גרויסן מעשענעם גלאָק...

דערנאָך ווערט א ווײַלע שטיל. דער קראנקער דרייט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, כאפּט זיך מיט די אויסגעדארטע הענט ביים קאָפּ און קרעכצט, דאָס ווייב ברעכט זיך די הענט און בעט זיך מיט א וויינענדיק קול:

— פּאָלג מיך און מאך זיך נישט הערנדיק...

דער קראנקער צעלאכט זיך פון ווייטיק און פארהוסט זיך, דערנאָך שפּייט ער אוים אביסל בלוט, ווישט זיך אָפּ די ליפּן און זאָגט:

— אמאָל האָב איך געהאָפט, אז עפּעס א צופאַל וועט מיר ארויס־העלפן און איך וועל זיך באזעצן ערגעץ אין איינעם פון די קליינע שטעטלעך, וועלכע איך האָב באגעגנט אויף מיין וועג, ווען איך האָב ארומגערייזט. נאָר אזא צופאַל האָט זיך נישט געמאכט, און עס איז מיר באַשערט צו וווינען אין א גרויסער אָבער שלעכטער שטאָט... גלויב מיר, אז אין א קליין שטעטל וואָלטן מענטשן נישט געשפּילט אויף קיין ראַדיאָס ווען זייער שכן וואָלט געווען א שטערבלעך קראנקער מענטש, אָבער...

פּלוצלונג האָט פונעם ראַדיאָ אָנגעהויבן ארויסריידן א באסאָווע מענער שטים, אז מען זאָל נאָר טרינקען קאָניאק פון „די צוועלף ברידער"; זאלץ פון פּאטאגאָניע אויף צו פארלירן פון דער וואָג, קען מען קריגן אין יעדן גוטן אפּטייק; קינדער ווערן געזונט און שיין, ווען מען גיט זיי צו טרינקען „סימאָנס שאָקאָלאַד"...

דערנאָך האָט נאָך אמאָל דער ראַדיאָ זיך צעשפּילט: ערגעץ אויפן הימל, דרייט זיך אַ קאַרוזעלע מיט גלעקלעך; אין אַ קעלער הענגט אַ ציג ביי די פיס; אַ קינד ווערט צעריסן פון געוויין און די מאַמע טאַנצט אויפן טיש; אַ וואַגאָן מיט חזרים איז אַראָפּ פון די רעלסן; אַ ליץ מאַכט נאָך דאָס מיאַוקען פון אַ קאַץ; דריי פידלען פאַלן אַראָפּ פון פערטן שטאָק און צוברעכן זיך אויף פּיצפּיצלעך; אַ טראָמפּייט שפּילט עטלעכע טענער פון אַ חתונה־מאַרש און פאַרשטאָפּט זיך...

דאָס ווייב האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן שטעל־אויף און זיך געלאָזט צו דער טיר. דער קראַנקער האָט זיך געגעבן אַ האַסטיקן זעץ אויף און געפרעגט וווּ־אַהין זי גייט.

— איך גיי בעטן זיי זאָלן רחמנות האָבן און זאָלן אויפהערן שפּילן...

— האָט זי געענטפערט מיט אַ וויינענדיק קול:

דער קראַנקער האָט צו איר אַ ווונק געטאָן זי זאָל זיך אומקערן. זי האָט אים געפאָלגט און זיך צוריק אוועקגעזעצט. ער האָט איר אָנגענומען ביי דער האַנט און טייטלענדיק מיט דער צווייטער האַנט אויף אַ שטערן, וואָס האָט שוין אַריינגעפינקלט און אַריינגעציטערט דורך דער שויב פון דער טיר, האָט ער געזאָגט:

— זעסט טייערע, פּונקט ווי דו וועסט איצט נישט קענען פאַרלעשן דעם שטערן, אַזוי וועסטו ביים שכן נישט שטיל מאַכן דעם ראַדיאָ... איבעריקנס, וואָס זיינען זיי שולדיק, אַז איך בין שוין אַלט און קראַנק?

— איז וואָס וועט זיין? — האָט דאָס ווייב געפרעגט:

— איך האָב אַ פּלאַן — האָט דער קראַנקער ממזריש אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג.

— וואָס פאַראַ פּלאַן? — האָט די פרוי אַ צעווייטיקטע געפרעגט.

— גיב מיר אַ שטיקל וואַטע — האָט ער זיך ביטער צעשמייכלט.

זי האָט אים דאָס דערלאַנגט און דער קראַנקער האָט שמייכלענדיק גענומען שטופּן די וואַטע אין די אויערן. צום ערשטן האָט ער זיך פאַר־שטופּט דעם רעכטן אויער און שטאַרק געשמייכלט. דערנאָך האָט ער זיך פאַרשטופּט דעם לינקן אויער און זיך פאַרשטיקט צעלאַכט. דאָס ווייב האָט זיך שטיל צעיאָמערט. נאָר דער מאַן האָט שוין נישט געהערט; ער האָט בלויז באַוווּנדערט דעם פינקלדיקן שטערן, וואָס האָט וואָס אַ מינוט אַלץ העלער זיך צעלויכטן און געוווּנקען צום קראַנקן, ווי דאָס אויג פון אַ גוט באַשעפעניש.

דער יונגער זיידע

דעם חבר גרשון געסטל א מתנה.

שפעט אין דער נאכט, איז דער אידישער שפיטאָל איינגעהילט אין פינצטערניש. פינצטערע שאָטנס ליגן אויף די ווענט, נאָר פון צייט צו צייט, צינדן זיך אָן עטלעכע פענצטער מיט ליכטיקייט. אָט צעהעלט זיך א פענצטער פונעם ערשטן פּאוויליאָן, אָט זעט זיך ליכט אין אַ פענצטער פונעם צווייטן פּאוויליאָן; באלד לעשט זיך אויס א פענצטער אויפן ערשטן שטאָק, שפּעטער אביסל צינדט זיך אָן אַ פענצטער אויפן דריטן שטאָק; א גאנצע נאכט צינדן זיך און לעשן זיך די פענצטער, וועקן זיך איבער ווי קראנקע מענטשן, וואָס אז עס לאָזט נאָך דער ווייטיק, ווערן זיי אביסל אנדרימלט מיט אומרואיק-קראנקן שלאָף, און אַז עס קומט צוריק דער ווייטיק, וועקן זיי זיך איבער מיט א קרעכ־צעניש און צאפּלעניש, אויפגעשווידערטע פון ווייטיק, אויפגעוועקטע פון פּיין... נאָר אין מתים־שטיבל, אויב עס איז נאָך פאראן א מת, איז א גאנצע נאכט ליכטיק. אן אלטער ייד זיצט אויף א נידעריק בענקעלע, וויגט זיך, מורמלט עפּעס, ווי ער וואָלט איינגעוויגט דעם טויטן אין זיין אייביקן שלאָף.

און יידל דער פּרעסער, וויגט זיך אויך, ווי דער ייד אינעם מתים־שטיבל; ער זיצט אינעם טונקל־באלויכטענעם פּאָיע, אינעם וואָרט־זאַל פון יידישן שפּיטאָל און וואַרט אין דער שפּעטער נאכט, אז זיין טאָכטער, זיין איינציק קינד, חנהלע, זאָל שוין וואָס שנעלער געבוירן איר קינד, זי

זאָל איבערקומען בשלום און זאָל ברענגען א נאָמען נאָך איר יונג־פאַר־שטאָרבענער מוטער, זיין פרי־פאַרשטאָרבענער שרה־רבקה...

יידל וויגט זיך און הרייט זיך אויף דער לאַנגער הילצערנער באַנק, קאָרטשעט זיך ווי א קראנקער מענטש, אזוי ווי צען קראנקע מענטשן מיטאמאָל, וואַרט ער אף דער גליקלעכער מינוט...

נאָר די שעהן רוקן זיך ווי פארשאָלטענע יאָרן; די מינוטן גייען זיך ווי אומגליקלעכע שעהן... ס'איז שוין געוואָרן צוועלף אזייגער, איינס אזייגער, צוויי, ס'איז שוין באלד דריי. ער וועט שוין באלד דארפן גיין צו דער ארבעט, און מען הערט נישט און מען זעט נישט.

יידל שטעלט זיך אויף און הויבט אָן אַרומשפאַנען מיט שטילע, שפיץ־פינגערדיקע טריט, אהין און צוריק. ער שפאַנט פון דער טיר צו דער ווינדע און פון דער ווינדע צו דער טיר. ער שפאַנט לייכט און שטיל, און עס ווייזט זיך אים אויס, אז דאָס וואַרט ער נישט אין א שפּיטאָל נאָר ער איז נאָר א נאכט־שומר אין א באַנק. און דער גאַנצער שפּיטאָל־פאָיע איז טאקע ענלעך צו א ביוראָ פון א באַנק; די אייזערנע פייער־קאסע, דער לאַנגער בופעט מיט די געשלאָסענע פענצטערלעך, די טישן הינטערן בופעט מיט די פּאַרדעקטע שרייב־און־רעכן־מאשינקעס און די מעשענע קראַטקעלעך איבערן בופעט זיינען טאַקע באַנקמעסיק און ביוראָ־מעסיק; נאָר די ריחות פון פאַרשיידענע רפואות, וואָס טראָגן זיך אום אין דער לופט, וואָס פילט זיך פון די קראנקן־שוועסטערס און קראַנקן־וועכטערס, דערמאָנען אז מען איז אין א שפּיטאָל צווישן קראנקע, צווישן קימפעטאָרנס...

דער פאַרוואַלטער פון דער נאכט־טורנע, א הויכער, בלאָנדער מאנס־פּערשוין מיט רחמנותדיק־גוטע אויגן, אביסל אויסגעמאַטערטע פון אייביקן וואך־זיין אין די נעכט, רעדט אַלע ווײַלע דורכן טעלעפאָן, ענט־פערט אויף אַלע אָנפראַגן און באַרואיקט: מענטשן פרעגן וואָס עס מאכן חולאים, וואָס עס מאכן קימפעטאָרנס... דער פאַרוואַלטער פון דער נאכט־טורנע האָט טאַקע, איינער אליין, דעם גאַנצן שפּיטאָל אויפן קאָפּ. ער ענטפערט אַלעמען מיט געדולד און הארץ ווי אָן אייגענער... און אַז ער ווערט פאַרטיק מיטן טעלעפאָן, הייבט ער אָן צו קלינגען מיטן בינט שליסלען, כאַפּט ער שוין אַ קוק אויף דעם וואַרטנדיקן יידלען, דערנענ־טערט ער זיך צו אים:

— נו, איר וועט טאקע אזוי ווארטן די גאנצע צייט? גייט בעסער אהיים און שלאָפט זיך בעסער אוים. אז אייער ווייב וועט געבוירן, וועט מען אייך באלד צוויסן טאָן. פּאָלגט מיך: גייט אהיים און שלאָפט זיך גוט אוים. אז עס וועט זיין נייס, וועט מען אייך מעלדן.

יידל שמייכלט פארשעמט:

— ס'איז נישט מיין ווייב... ס'איז א טאָכטער מיינע... כ'האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געזאָגט און איר פארגעסט אלעמאָל.

— טאקע, טאקע... איר מיינט מ'קען אזוי אלץ געדענקען?... דער־פאר זאָג איך אייך טאקע: דאָס קען זיך אמאָל פארציען אויף נאָך א טאָג. אָט גיט א כאפּ א וויטיק, אָט לאָזט עס אָפּ. איך קען שוין אזעלכע זאכן.

יידל שאָקלט פארעקשנט מיטן קאָפּ:

— אז איך האָב שוין אזוי לאנג געווארט, וועל איך שוין נאָך אביסל צוווארטן.

— פאר מיינעטוועגן קענט איר ווארטן געזונטערהייט — זאָגט דער פארוואלטער — איך וועל אייך נישט שטערן, חס־וחלילה.

יידל זעצט זיך אוועק צוריק אויף דער באנק. עמיצער מאכט אויף א טיר וואָס פירט צום שפּיטאָל־גאָרטן. ריחות פון בלומען און פלאנצן גיבן א שלאָג אין דער נאָז און פארטרייבן אויף א ווײַלע די הארבע ריחות פון שפּיטאָל. יידל שפּארט אָן דעם קאָפּ אויף דער פּויסט, ווי ער וואָלט זיך געגרייט כאפּן א דרימל. אינדערעמתן איז ער גוט וואך. ער כאפּט אויף יעדן קלאנג, יעדן שאָרך, וואָס עס דערטראָגט זיך נאָר פון ערגעץ; פון דער הויך פאלן אראָפּ הוסטערייען, שאָרכערייען און קרעכצעניש. עס דערטראָגט זיך א געוויין פון א יונג איבערגעוועקט עופהלע. אין א מינוט ארום וויינען שוין עטלעכע עופהלעך אין א כאָר. זיי וויינען פּונקט ווי קליינע קעצעלעך וואָלטן געמיאוקעט. יידל גיט א שמייכל: צעוויינט זיך איינס, צעוויינען זיך באלד אלע, אָדער אלע מיטאמאָל ווערן זיי אנטשוויגן. א געזונט אין זייערעביינדעלעך — ווינטשט זיי יידל אין זיך מיטן גאנצן הארצן.

פון צייט־צו־צייט פאָרט די ווינדע ארויף אין דער הויך און פאָרט באלד צוריק אראָפּ אין דער נידער. קראנקן־שוועסטער, אָדער קראנקן־וועכטער איילן ערגעץ, שאָרכען מיט די גומענע סאנדאלן, שאָרכען מיט

די ווייסע פארטוכער, בלענדן אין דער טונקלקייט מיט די שניי־ווייסע כאלאטן, ריידן עפּעס שטיל מיטן פּארוואלטער און פאָרן צוריק ארויף אינדערהויף, מיט פלעשלעך אין די הענט, מיט פעקלעך וואטע, מיט פעק־לעך גאזע.

עס ווערט צוריק שטיל. יידל ווערט אויף אַן אמת אנדרימלט. א חלום פּלאָנטערט זיך אין קאָפּ: ער וואַרט אַפּ אין א פארנאַכט חנהלען ביים טויער פון דער שול. עפּעס געדויערט אזוי לאנג ביז זי קומט ארויס — שפּארט ער זיך דערווייל אָן ביי דער וואַנט און כאפט א דרימל שטיי־ענדיקערהייט.

— הערט נאָר, הערט נאָר — וועקט דער פּארוואלטער יידלען, פּאטשט אים לייכט אין די אַקסלען אריין — ס'איז דאָ נייס, ס'איז דאָ נייס!...

— וואָס? וואָס? — גיט אידל א שפּרונג אויף ווי אַן אויפגעריסענער — וואָס? וואָס?!

— פאָרט ארויף שטילערהייט מיטן אסענסאָר, וועט איר זיך שוין דערוויסן. מען האָט מיר נאָר וואָס אראָפּגערעדט דורכן טעלעפאָן, אז ס'איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן א קינד. וואָס? — ווייס איך נאָך נישט. פאָרט־זשע ארויף שטיל, וואַרט דאָרטן צו אין דער הויך, וועט ארויסקומען די קראַנקן־שוועסטער אָדער די אקושערקע, וועט מען אייך שוין זאָגן. נו, מזל־טוב אייך, רב ייד, מזל־טוב! — ווינטשט אים דער אָנגעשטעלטער.

— א דאנק אייך. לאנג לעבן זאָלט איר... — איילט יידל צו דערווינדע — א שיינעם דאנק... מיט מזל זאָלט איר לעבן!

יידל פאָרט ארויף אין דער הויך, און דאָס בלוט אין זיינע אָדערן, דאָס הארץ זיינס און זיין גאנץ לייב און לעבן, רוישט בשעת־מעשה, קלאפּט און שאָרכט פיל שטארקער, ווי דער מאָטאָר פון דער ווינדע, קלאפּט שטארקער פון זיינע טריט; ער דערנענטערט זיך צו דער טיר פון דער קימפּעטאָרן־סאלע און וואַרט מיט ברענענדיקן אומגעדולד, זיך שטעלנדיק אָט אויף איין פוס, אָט אויפן צווייטן פוס.

עס געדויערט א היפּשע ווײַלע ביז עס קומט ארויס די קראנקן־שוועסטער. ענדלעך קומט זי ארויס פון דער סאלע און יידל גיט א פאל צו צו איר:

— וואָס האָט זי געבוירן? וואָס?

— א מיידעלע, סעניאָר. א מיידעלע! א גאנצע סעניאָריטאַ...

— אזוי... אזוי... און ווי פילט זיך די קימפעטאָרן? — ווישט זיך יידל א קאלטן שוויים פון שטערן.

— גוט, זייער גוט. זי איז א גאנצע בריה, די יונגע מאמע... זי האָט געגעבן איין קוויטש און געהאט א פיינע סעניאָריטאַ, וואָס וועגט דריי מיט א האלבן קילאָ... — שמייכלט די קראנקן־שוועסטער א צופרידענע.

— אפשר וואָלט איך געקענט אריינגיין אויף איין מינוט? איין קוק בלויז טאָן... אויף איין מינוט... — שטייט צו יידל מיט א בעטנדיק קול.

— מען טאָר נישט, סעניאָר. מען טאָר נישט איצט. — דרייט די קראנקן־שוועסטער מיטן קאָפּ.

— טוט מיר די טובה — קוקט ער איר מיט פייכטע בליקן אין די אויגן אריין — איין קוקעלע, נישט מער...

— מילא — ווערט די קראנקן־שוועסטער גערירט און גיט א הילפס־לאָזן צעשפרייט די הענט — מילא, אויף איין מינוט. א קוק־טאָן און — געגאנגען זאָל ווערן!

יידל ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. ווען ער זאָל זיך נישט שעמען, כאפּט ער אָן די קראנקן־שוועסטער און גיט איר א קוש אין דער האנט... ער גייט איר נאָך מיט א קנוף אין האלדז און מיט פארנעפּלטע אויגן. זי פירט אים דורך לענגאויס דעם גאנצן האלב־טונקעלן זאַל צווישן די שלאָפנדיקע קימפעטאָרנס, לאָזט אים אריינגיין אין געבורט־צימער, וווּ זיין חנהלע ליגט נאָך אלץ אויפן „הארטן בעט”.

— מזל־טוב דיר, מיין טאָכטער! זאָלסט דערלעבן א סך נחת אין דיין ערשטער טאָכטער צוזאמען מיט דיין מאן — בייגט ער זיך אָן צו זיין קינד און גיט איר א צארטן קוש אין שטערן אריין.

— גראסיאס, פּאפּא. א דאנק. — ענטפערט חנהלע שוואך און קאלט — וועסט אָנזאָגן אַלפרעדאָן, ער זאָל מאָרגן מיטברענגען דאָס חתונה־ביכל אויף צו פארשרייבן דאָס קינד.

— אוודאי, אוודאי. נאָך היינט וועל איך זיין ביי אים. איך אליין וועל אים אָנזאָגן די גוטע בשורה...

— נאָ, נאָ, נאָ. — פּעסטעט זיך חנהלע — ער איז שוין צוויי נעכט נישט געשלאָפן. וועסט זיין ביי אים מאָרגן אינדערפרי.

— גוט, גוט, חנהלע, נו, אַ־ווו איז דיין טאָכטער? לאָמיר כאָטש אויף איר געבן א קוק...

— אָט, אָט, דאָס איז די סעניאָריטאַ! — וואקסט אוים די אקור־שאַרקע, א הויכגעוויקסיקע גרויע פרוי מיט טאָרבעלעך אונטער די אויגן — גיט איין קוק נישט מער און גייט געזונטערהייט. מיר האָבן נאָך דאָ וואָס צו טאָן.

— אוי, וואָס פאר א מיאוסע ניאָניע, א צעפּלעשטשע... — קוקט ער מיט אויפגעריסענע אויגן אויפן רויטן נפשל מיט א שווארצער קודלע האָר אויפן קעפּעלע; קוקט ער אויף זיין אייניקל מיט פריידיקע טרערן אין זיינע אויגן, — גיט ער א ריר אָן דאָס קינד מיט א פינגער, רירט עס אָן אַזוי לייכט, אז מען קען מיינען, אז ער האָט מורא, אז דאָס נפשל זאָל זיך נישט צעפאלן פון זיין באַרירונג — מורמלט ער מיט צארטקייט: — מיר פאַר דיין מאוסער ניאָניע...

— זי וועט שוין האָבן א שענערע נאָז פאר אייך. איר וועט שוין זען! — נעמט זיך די אַקושאַרקע אָן די קריוודע פון דער ניי־געבוירענער — זי וועט האָבן א קערפּערל ווי א ליאַלקע. נו, סעניאָר, טוט א טובה. מ'קען דאָ לענגער נישט זיין...

— א גוטע נאכט, א שיינעם דאנק — לאָזט ער זיך א צעשמייכלטער צו דער טיר — א גוטע נאכט חנהלע.

אביסל שפּעטער בלייבט יידל שטיין איינער אליין אויף דער פינצ־טערער, פארטאָגיקער גאַס. ער האָט נישט איצט, אין דער שעה, קיין טראמוויי אָדער אָמניבוס מיט וואָס אהיימצופאָרן; ער איז צעוואָרעמט און אין הארצן צאפּלט זיך א ניי־געבוירענע פרייד, ווי דאָס נאָר וואָס געבוירענע אייניקל וואָלט ביי אים אין הארצן געבוירן געוואָרן... עס שטייט אים נאָך פאר די אויגן דאָס געבורט־צימער מיטן פארבלוטיקטן ווייסן, הויכן בעט; דאָס גלעזערנע קעסטל, אזא אייוועלע, פאר פריצייי־טיק־געבוירענע קינדער; עס האקט אים נאָך אַלץ אינעם קאָפּ און אין דער נאָז ריחות פון עטער מיט אלקאָהאָל און אנדערע גערוכן יאָגן אים נאָך און די פארטאָגיקע לופט פארשיכורט אים שוין דאָס איבעריקע... ניין. ער וועט שוין היינט נישט גיין צו דער אַרבעט. לכבוד דעם, וואָס ער איז געוואָרן א זיידע, מעג ער זיך מאכן א יום־טוב.

יידל שפּאנט איבער דער פינצטערער גאַס און דרייט דעם קאָפּ אין

אַלע זייטן, אפשר איז ערגעץ־ווו נאָך אָפן א קאפע־הויז, וואָלט ער אַריינ־ געגאנגען אויסטרינקען א קאלט גלעזל ביר. ער האָט נאָך פונעם פריעם פארנאכט אָן גאָרנישט געהאט אין זיין מויל.

די גאסן זיינען נאָך אַלץ פוסט און פארשלאָפן. אויף די ראָגן שפּאנען אום, הין־און־צוריק, אייביק וואכנדיקע פּאָליציי־לייט; זיי קוקן נאָך מיט חשד אַלע שפּעטע פארבייגייער. יידל איז נאָך אַלץ צעוואַרעמט פון זיין גרויסער פרייד און ער הייבט זיך אָן אונטערצוברומען א ניגון, אָט ווי ער וואָלט איצט געשטאנען ביי זיין ארבעטס־טיש מיט זיינע צוויי פּרעסן אין די הענט; אָט וועט באלד ווערן טאָג. ער וועט אוועק אהיים צו זיין איידעם דעם מוזיקאנט, דעם טשעליסט, וואָס ארבעט אין א רייך־לוק־סוסדיקן קאפע־הויז אין צענטער, וועט ער אים אָנזאָגן די גוטע בשורה... איצט איז ער שוין מסתמא נישטאָ אין קאפע־הויז. ס'איז שוין נאָך פיר אזייגער און דער אָרקעסטער שפּילט נאָר ביז דריי פּארטאָג. אינגאנצן צופרידן וועט דער איידעם נישט זיין... ער האָט זיך געריכט אויף א יינגעלע איז גאָר געקומען א מיידעלע... מילא, ער וועט זיך שוין מוזן צופרידנשטעלן...

אז עס האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָט זיך שוין יידל דער פּרעסער געפונען ביי זיך אינדערהיים. אז ער האָט ליכטיק געמאכט און האָט געוואָרפן א בליק אויפן גרויסן בילד, האָט ער זיך באגעגנט מיטן צעשמייכלטן בליק פון זיין טויטער אָבער שטענדיק שמייכלענדיקער שרה־ רבקה; אָט זיצט זי ווי א לעבעדיקע און שמייכלט מיט אירע שיינע פּערל־ דיקע ציין... זי זיצט שוין אזוי יאָרן אויף דער זעלבער אויסגעבעטעטער שטול, און ער שטייט נעבן איר, האלטנדיק זיין רעכטע האנט ביי איר אויפן אַקסל...

יידלס אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט טרערן: — האָסט נישט דערלעבט אזא גרויסע פרייד. האָסט נישט דערלעבט צו ווערן א באָבע... אוי, שרה־ רבקה, שרה־רבקה, וואָס האָסטו געטאָן, פארוואָס ביסטו אזוי יונג גע־ שטאָרבן? — שרייט עס אין אים, שרייט עס אין זיין בלוט, שרייט עס אין זיין הארץ און אין זיין נשמה.

די טויטע שרה־רבקה שמייכלט אַלץ צו איר מאַן. יידל שטייט נאָך א ווייַלע א פארגליווערטער, דערנאָך גיט ער זיך א ריס די קאַלטענע־ וואטע געקרויזלטע, שוין פון לאנג גרוי־געוואָרענע האָר; ער גיט זיך א

וואָרף מיט די מלבושים אין בעט אריין און קוקט מיט פאַרחמט געוואָרענע אויגן און מיט א זינלאָז ווילדן קוק איבערן גאַנצן צימער, קוקט ער אויף חנהלעס צוגעבעט בעטל. אַלץ איז נאָך אַזוי געבליבן אין דעם צימער ווי שרה־רבקה האָט דאָס מיט אכט יאָר צוריק איבערגעלאָזט. כּל־זמן מען וועט נישט איינוואַלגערן דאָס הויז, וועט ער דאָ וווינען. אַז ער קומט אהיים צו זיך אין זיין צימער, פאַרגעסט ער אָפּטמאָל אין זיין אומגליק, געדענקט נישט אַז שרה־רבקה איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט. און אַז אַמאָל פּאַסירט, אַז זיין אייִדעם, אַלפרעדאָ, פאָרט אַוועק אויף עטלעכע טעג מיטן אָרקעסטער אויף קאָנצערטן אין אַ צווייטער שטאָט אַריין, קומט חנהלע נעכטיקן צו אים. זי לייגט זיך שלאָפן אין איר מיידלש־בעטל און ער, יידל, ווערט צעגאַנגען פון פרייד. ער גייט פּאַר איר אויף די שפּיץ פינגער און זיין פּנים ווערט צעהעלט. ער בעט אין זיך, אַז זיין אייִדעם זאָל זיך זוימען אונטערוועגנס נאָך א טאָג און נאָך א טאָג... און ביינאַכט פאַרן שלאָפן, פרעגט ער זיין טאָכטער, צי זי וויל זיך נישט אויסוואַשן דעם קאָפּ, וועט ער ברענגען די שיסל מיט וואַסער און וועט איר העלפן אַרויפגיסן דאָס וואַסער אויפן קאָפּ, אָט ווי דעמאָלט, ווען זי איז געבליבן א יתומהלע, אינגאַנצן דאָס עלפטע יאָר אַלט.

נאָר חנהלע איז א צעפּעסטעטע און זי האָט פיינט דעם טאַטן צו פאַרשאַפן אביסל קינדיש־נאַרישן נחת; אָבער א גוטע איז זי דאָך, זי האָט א גוט האַרץ...

אַז עס הייבט אָן ליכטיק ווערן אין צימער, ווערט יידל אַנטשלאָפן מיט א טויט־מידן שלאָף. און אַז ער וועקט זיך איבער אין א צוויי־דריי שעה אַרום, זעט ער ווי דער עלעקטרישער לאָמפּ לויכט זיך נאָך אַלץ און די זון שטייט שוין גאָר הויך אינעם הימל. א צעשויבערטער לויפט ער אַרום אויף דער גאַס, איילט זיך צום „אידישן קלייטל" ריידן דורכן טע־לעפאָן צום אייִדעם, אָנזאָגן אים די גוטע בשורה.

— האַלאָ, האַלאָ! רופט מיר צו צום טעלעפאָן דעם סעניאָר אַלפרעדאָ, — שרייט ער אַריין אינעם טעלעפאָן־טרייבל.

— דער סעניאָר אַלפרעדאָ, האָט נאָר־וואָס געקלונגען פון שפּיטאָל, אַז זיין פרוי האָט געבוירן א מיידעלע, א מיידעלע! — שרייט אים צוריק אין אויער אַריין א קול פון אַן עלטערער פרוי.

— אזוי, ער ווייסט שוין? ער ווייסט שוין? — פּאַלט ביי יידלען אַראָפּ דאָס קול, — דאָס האָב איך אים געוואָלט אָנזאָגן די בשורה...

— ווער רעדט עס? — ווערט דאָס ווייבערישע קול דורכן טעלעפאָן נייגעריק — ווער?

— איך, דער סעניאָרא כואַנאָס פּאַטער — שרייט יידל.

— מזל־טוב אייך, מזל־טוב, איר זאָלט דערלעבן אַ סך נחת — שרייט צוריק די יידענע.

— אַ דאַנק, סעניאָרא, דערלעבט אַלדאָס גוטס! — ווינטשט ער מיטן גאַנצן האַרצן דער באַלעבאָסטע פונעם הויז, וווּ זיין טאָכטער וווינט.

— נו, ווי פילט זיך די קימפּעטאָרן? ווי אַזוי זעט אויס דאָס קינד?

— גוט, סעניאָרא, אַ דאַנק גאָט. ווען איר גיט אַ קוק אויף דער קודלע האָר פון דער ניי־געבוירענער מויד, וואָלט איר... וואָלט איר... — פאַר־כליניעט זיך יידל.

— פאַר דעם האָט איר, נעבעך, געבערענט אונטערן האַרצן... פאַר דעם האָט איר געבערענט... אַז אַ קינד ווערט געבוירן מיט אַ סך האָר, פילט די מוטער בעתן שוואַנגערן אַ ברענונג אונטערן האַרץ... אַ...

יידל האָט שוין מער נישט געוואָלט אויסהערן דער יידענעס רייד. ער האָט זיך שנעל אָפּגעזעגנט און געבליבן שטיין אין אַפּהענגטיקער און צעשויבערטער אויף דער גאַס.

— פאַרן פאַרשלאָפן זיך בין איך ווערט אַ פּאַטש אין פּיסק אַריין, אַז די ציין זאָלן מיר אַרויספאַלן, — האָט ער זיך געגריזשעט די לעבער, דערפאַר וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט מיטן איבערגעבן די ידיעה זיין איידעם.

— איך בין ווערט, אַז מען זאָל מיך צערייסן אויף שטיקלעך — האָט ער זיך גענומען פאַרבעטן זיין בעט, — ס'וועט מיר זיין אַ חרפה צו קוקן אַלפּרעדאָן אין די אויגן אַריין...

זונטיק נאָכמיטיק האָט יידל, צוזאַמען מיט נאָך אַ הונדערט־קעפּיקן עולם, געוואַרט פאַרן גרויסן טויער מיט די אייזערנע שטאַכעטן נעבן יידישן שפּיטאָל. דער עולם האָט אַן אומגעדולדיקער געוואַרט. דער עולם, מיט פּעקלעך אין די הענט, האָט געקוקט אויף די זייגערלעך, און די וואָס האָבן קיין זייגערלעך נישט געהאַט, האָבן זיך געפרעגט ווי שפּעט עס איז שוין. ס'האָט נאָך געפעלט פופצן מינוט און די מינוטן האָבן זיך געצויגן

ווי שעהן. אַלפּרעדאַ איז א ווײַלע געשטאַנען נעבן זײַן יונגן שוועראון געשווינן. באלד איז ער פארשוווּנדן געוואָרן. ער, אַלפּרעדאַ, דער עלטער גאַנטער און פלינקער יונג, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שפּיטאָל אַרײַן מיט צען מינוט פריער פאַר גאַנצן עולם. שפּעטער אַביסל, ווען מען האָט אויפגעמאַכט דעם טויער און דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרײַנצופּלייצן אין שפּיטאָל אַרײַן, האָט יידל געכומען פלינק לויפן אויף די טרעפ פונעם צווייטן שטאָק, צום זאַל פון די קימפּעטאָרנס.

אַז יידל איז אַרײַן אין גרויסן זאַל, האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן מיט ווייסקייט און ציכטיקייט. די צוויי רייען בעטן מיט די קלײנע צוגעטשעפּעטע וויגעלעך ביי די זײַטן האָבן געבלאַנקט ווי ווײַסער שניי; דער שטיינערנער פּאָל האָט געשפּיגלט און אויף די וויגעלעך זײַנען געהאַנגען אויסגעבונדן ראָזע קאָקאַרדעס און בלויע קאָקאַרדעס, א ראָזע קאָקאַרדעלע פאר א מיידעלע, בלויע — פאַר יינגעלעך.

די קימפּעטאָרנס, פאַרקעמטע און באַשמינקטע זײַנען געלעגן אָדער געזעסן אין די בעטן און געשמייכלט. נעבן יעדן בעט האָבן זיך אַרומגעשטעלט אייגענע: מענער און טאַטעס, מאַמעס און שוועסטער און גוטע פרײַנט; מען האָט אַרויסגעשלעפּט די עופעלעך פון די וויגעלעך און זיך געשפּיגלט אין זיי און פון אַלעמען האָט געוויייעט מיט פרייד, מיט יום־טובדיקייט, מיט ניי־געבוירענע לעבנס...

אַז יידל איז צוגעקומען צו זײַן טאָכטערס בעט, איז שוין דער איידעם געשטאַנען אָנגעבויגן איבערן וויגעלע און זיך אײַנגעקוקט מיט א צעפלאַמט פּנים אין זײַן טעכטערל, וואָס האָט געגראַגערט. דעם טאַטן האָט דאָס הנאה געטאָן און ער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— שריי אַביסל, מיידעלע; שריי אַביסל, ראָצערן... שריי!!!

— וואָס מאַכסטו, טאָכטער — האָט יידל א קוש געטאָן זײַן טאָכטער אין די בלאַסלעכע באַקן, — ווי פילסטו זיך?

— גוט, פּאַפּאַ, גוט, — האָט די קימפּעטאָרן געשמייכלט.

— א דאַנק גאָט. נו, און דײַן טעכטערל?

— שרײַט. הערסט דאָך, זי וויל עסן. א נאַשערן. וויפל כ׳גיב איר איז איר ווייניק, זי וויל נאָך...

— זייער גוט טוט זי, — האָט אָנגעקוואָלן דער יונגער טאַטע, אַלפּרעדאַ, — זי וועט נישט זײַן קיין פאַרשלאָפענע...

— אפשר איז דאָס קינד טאַקע הונגעריק? — האָט זיך דער זיידע מצער געווען.

די קימפּעטאָרן האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן דעם פאָטער, נאָר מיט אַמאָל איז אויסגעוואַקסן די קראַנקן־שוועסטער, סעניאָריטאַ סאָניע, און אַריינגעוואָרפן שטרענגע ווערטער:

— אַז די קליינע וויינט, זאָל זי וויינען. ס'וועט איר גאָרנישט זיין. פריער ווי פיר דריי אזייגער, דאַרף זי נאָך נישט עסן. דער דאָקטער האָט שטרענג אָנגעזאָגט...

— הערסט, פּאַפּאַ? — האָט זיך די קימפּעטאָרן געווענדט צום פאָטער, — הערסט?

— מילא, אַז דער דאָקטער הייסט, — האָט זיך יידל צופרידנגע־שטעלט. — נו, לאָם איך נאָר אביסל נעמען מיין אייניקל אויף די הענט. איך האָב זי דאָך נאָך נישט געהאַלטן אויף די הענט — לאָזט זיך יידל צום וויגעלע.

— פאָרזיכטיק, פּאַפּאַ, קוק גוט ווי אַזוי דו נעמסט זי, — זאָגט די קימפּעטאָרן מיט מורא.

— האָב נישט קיין מורא, קינד וואָס דו ביסט! — גיט יידל, ווי אַ באַליידיקטער, אַ קוק אויף דער טאָכטער. — אויף מיר מעגסטו זיך פאַר־לאָזן. ווער האָט דיך געהאַלטן און געוויקלט, ווען דו ביסט געבוירן גע־וואָרן?... די מאַמע עליה־השלום איז אַלעמאָל געווען אַ שוואַכע און קראַנקע... פון איר קימפּעט אָן מיט דיר, האָט זי נעבעך געקרענקט...

— גוט, גוט, — ווילט זיך דער איידעם — נעמט זי, די פּישערן — איך שענק זי אייך אוועק...

די קימפּעטאָרן שיסט אוים מיט אַ הילכיקן געלעכטער פון איר מאַנס רייד און יידל בייגט זיך אָן איבערן וויגעלע, הייבט אַרוים זיין אייניקל אַזוי פאָרזיכטיק און ציטערדיק, ווי ער וואָלט אַ גאַנצע צאַרט־איידעלע וועלט גענומען אין זיינע הענט אַריין; דריקט ער לייכט דאָס קינד צו זיין ברוסט, צו זיין האַרץ און זאָגט הויך:

— טייער מיידעלע מיינס, טייער אוצרל. מיין איינציק אייניקל, מיין טייערע שרה־רבקהלע, שרה־רבקהשי... — זינגט ער אוים די לעצטע צוויי ווערטער.

— זי הייסט נישט שרה־רבקה — גיט די קימפּעטאָרן אַ פּאַרצי מיטן נעזל — מאַריאַ קריסטינאַ, הייסט זי...

— אַ פינצטער לעבן אויף מיינע שונאימס קעפּ — שמייכלט נאָך אַלץ יידל פּרעסער און דריקט זיין אייניקל שטאַרקער צום האַרצן — ווער מיר מאַריאַ־קריסטינאַ! וואָס מיר מאַריאַ־קריסטינאַ!? דאָס קינד הייסט ווי דיין מאַמע האָט געהייסן: שרה־רבקה! — פאַרשנאָבלט ער די ליפּן און דריקט זיי לייכט צו צום קינדס קעפּעלע — שרה־רבקה!

— אָבער פּאַפּאַ, — ווערט שוין די קימפּעטאָרן קאַפּריזנע פאַרביי־זערט — דאָס קינד איז דאָך שוין פאַרשריבן אינעם תּעודת־ביכל אַלס מאַריאַ־קריסטינאַ. קענסט געבן אַ קוק מיט דיינע אויגן. איך האָב נאָך דאָס ביכל אונטערן קישן. און צום מאַן גיט זי אַ זאָג: — אַלפרעדאָ, נעם מיר נאָר אַפּער דאָס ביכל פון אונטערן קישן און ווייז עס דעם פּאַפּאַ.

יידל ענטפערט נישט באַלד. ער לייגט דערווייל אַוועק דאָס אייניקל צוריק אינעם וויגעלע אַריין און אינגאַנצן אַ געענדערטער, אַ בלאַס געוואָ־רענער, מיט אַרויסגעזעצטע אויגן פון ווייטיק און כעס, פרעגט ער מיט פאַרקריצטע ציין:

— וואָס עפּעס מאַריאַ־קריסטינאַ? פאַרוואָס נישט שרה־רבקה, אָדער סאַראַ־רעבעקאַ? פאַרוואָס איז דיר נישט אָנגעשטאַנען דער מאַמעס נאָמען, האַ?

— ווייל, ווייל, איך וויל נישט, אַז מען זאָל באַלד דערקענען אויף מיין קינד, אַז זי איז אַ רוסאַ...

— אַזוי, ווילסט נישט, אַזוי, — קנאַקט יידל שפּאָטיש מיט דער צונג, — ווילסט נישט מען זאָל וויסן, אַז דיין קינד איז אַ רוסאַ? אַזוי, האָסט טאַקע נישט געוואָלט?!...

— אָבער שווער, פּאַפּאַ, — מישט זיך אַריין דער איידעם מיט זיין אייביק־וויליונגעריש און גוט־ברודעריש טאָן — אָבער ס'איז דאָך שוין פאַרפאַלן. מען קען עס דאָך שוין נישט איבערמאַכן... און דער נאָמען מאַריאַ־קריסטינאַ קלינגט פּאָרט שענער ווי סאַראַ־רעבעקאַ, — באַטאָנט ער מיט נאַרישן שפּאָט די לעצטע צוויי נעמען.

— אַזוי? ס'קלינגט? ס'קלינגט האָסטו געזאָגט!... — פאַרביילט יידל די פויסטן און ציטערט מיט זיי אין דער הויך איבער זיין איידעמס קאָפּ און איבער זיין טאָכטערס קאָפּ. — ס'זאָל אייך שוין קלינגען אין די

קעפ און אין די מוחות! ס'זאָל אייך שוין ביידע שטינקען פון די קעפּ! דיר מיין טייערער איידעם און דיר, מיין טאָכטער!

— וואָס, וואָס? — שטעלט זיך דער איידעם מעשה וווילער יונג אנטקעגן דעם שווער — מיך וועט איר נישט באליידיקן! מיך וועט קיינער נישט באליידיקן! היט זיך!

— אוועק פון מיר! — גיט יידל א שטופּ אָפּ דעם איידעם פון זיך, אז אלפרעדאָ פאלט שיר אום אויפן בעט פון דער שכנהדיקער קימ־פּעטאָרן, — שרייט יידל אריין זיין בלאַס געוואָרענער טאָכטער אין פּנים אריין און דראָעט איר מיט א פויסט אין די אויגן אריין — ווען איך וואָלט נישט געהאט גאָט אין הארצן וואָלט איך פון דיר געמאכט א שווארצן סוף... איך וואָלט דיך צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך, ווי מען צע־רייסט א הערינג... דו, דו שטיק דרעק! — שרייט אידל, דער טאטע מיט משוגע ווילדע קולות און שפּיזלט זי דורך מיט גזלנישע, מיט בלוט־פאר־גאָסענע אויגן.

אלץ אינעם גרויסן זאל פון די קימפּעטאָרנס ווערט פארגליווערט פון שרעק און אלץ ווערט פארשטומט און איידער אלפרעדאָ גלייכט זיך אויס און וויל זיך שטעלן מעשה בריה קעגן שווער, גיט זיך יידל א דריי־אויס און לאָזט זיך לויפן מיט א שוים אויפן מויל צו דער טיר. די שטילקייט אינעם זאל האלט נאָך אָן א ווײַלע. די קימפּעטאָרן ברעכט אוים אין א ספּאזמאטישן געוויין און דער מאן, אלפרעדאָ, א פארשעמטער, בארו־איקט זיין ווייב, גלעט זי און קושט זי אין שטערן.

— א חרפּה און א שאנד — רופט זיך אָן א קימפּעטאָרן.

— גאַנץ גערעכט איז ער, נעבעך, דער טאַטע...

— קוקט זי נאָר אָן, האָט מורא אז מען וועט וויסן, אז איר טאָכטער איז א רוסאַ, א יידיש קינד...

— א היץ אין באָד!

— פאַרשעמט א טויטע מאמע...

און יידל שפּאנט אויף דער גאס מיט שוים אין מויל און געזאלצן גאליקע טרערן אין די אויגן. ער רעדט צו זיך אליין: ס'גאַנצע לעבן האָט ער זיך און זי, זיין טויטע שרה־רבקה, זיך מקריב געווען פאר חנהלען. מען האָט איר געשיקט אין א יידישער שול, געהאלטן א לערער, געצאָלט פונעם לעצטן. ער אליין האָט זיך מיט איר געניאנטשעט... מענטשן האָבן גע־

הייסן אריינגעבן זי אין בית־יתומות, מענטשן האָבן געהייסן חתונה האָבן; ביסט נאָך אַ יונגער מענטש, יידל, קענסט נאָך וויסן פון אַ לעבן... אָבער ער האָט נישט געוואָלט קיין שטיפמאַמע פאַר זיין קינד. געזידלט די מענטשן, וואָס האָבן אים געגעבן עצהס. און איצט? איצטער פאַרשעמט די טויטע מאַמע, פאַרשעמט דעם לעבעדיקן טאַטן...

און יידל שפּאַנט אין דער שרעקלעכער זומערדיקער נאָכמיטיק־היץ, ווי אַ משוגענער אויף די גאַסן. ער שפּייט מיט גאַל און שלינגט אין זיך די שוים פונעם מויל. ער וואָלט אַהיימגעגאַנגען זיך אריינוואַרפן אין בעט אריין, נאָר ער שעמט זיך צו באַגעגענען מיט די בליקן פון זיין טויטער פרוי, וואָס אויפן בילד... שפּאַנט ער ווייטער. באַלד קומט אָן אַ טראַמוויי, שטייגט ער אריין. אפשר וועט אינעם פאַרנדיקן טראַמוויי זיין קילער אביסל, אפשר וועט ער אינעם טראַמוויי בארואיקן זיין געמיט, זיין צעפייניקט לעבן.

און דער האַלב־ליידיקער טראַמוויי איילט זיך איבער די זונטיקדיקע, האַלב־פאַרשלאָפענע גאַסן. אויפן ברוק פון מיטן גאַס שטייען כאַפּטעס און מחנות יינגלעך און יונגען און שפּילן אין פוטבאָל און קוויטשען מיט ווילד־ליידנשאַפטלעכע קולות; שכנים זיצן פאַר זייערע טירן, אָדער אינעם שאָטן פון די ביימער אויף די טראָטואַרן, זיצן זיי אין די פּיזשאַמעס און טרינקען מאַטע. דער טראַמוויי איילט זיך און ווערט וואָס אַמאָל פולער און אָנגעשטאָפּטער מיט פּאַסאַזשירן. דער טראַמוויי איילט צום מוניצי־פּאַלן פּלאַזש און יאָגט זיך גאַס־איין גאַס־אויס, און בלייבט שטיין ביים ברעג טייך, ביים ברעג פונעם לאַ פּלאַטאַ טייך — דעם ברייטסטן טייך אויף דער וועלט....

יידל שטייגט נישט ניחאדיק אויס. ער דערנענטערט זיך צו די שטיינערנע טרעפּ, וואָס פירן צו די וואַסערן פונעם טייך. דער טייך ליגט איצט אַ מנוחהדיקער און יאָגט ארויף קליינטשיקע כוואַליעלעך אויף די שטיינערנע טרעפּ און שווענקט פון זיי אומאויפהערלעך דעם שטויב; זילבער־בלייאיקע כוואַליעס לויפן אָן און פאַלן ארויף אויף די צעמענטענע ריזיקע דאַמבע־ווענט און צעשטויבן זיך. יידל זעצט זיך אוועק אין שאָטן אויפן סאַמע לעצטן טרעפּל גלייך־אויס מיטן וואַסער. ער בייגט אָן זיין מידן צעוויטיקטן קאָפּ מיט די צעשויבערטע, פאַר דער צייט גרוי־געוואָ־רענע האָר, בויגט ער אָן דעם נאַקן, ווי ער וואָלט געדרימלט, — טראַכט

ער פון זיין לעבן און פון זיינע טרויעריק פארגאנגענע טעג. דאָס האַרץ הערט נישט אויף צו קלעמען און א ביטערע אנטוישונג און שאנד ברימ אים אין דער נשמה. חנהלע זאָל אזוי פארשעמען א טויטע מאמע... די אויגן צעפענען זיך אים נאָכאמאָל אין פון זיינע וויעס הייבן אָן אראָפּ־קאפען הייסע טרערן, וואָס פאלן אריין אין די וואסערן פונעם טייך.

און דער יונגער זיידע זיצט און וויינט און זיינע טרערן פאלן אריין, קאפען אריין, צווישן די כוואליעס, שווימען זיי אוועק ווי גאָלדענע פישע־לעך אינעם זילבערנעם טייך, שווימען אום די גאָלדענע פישעלעך־טרערן און באהעפטן זיך מיט אנדערע גאָלדענע טרערן, צעקושן זיך מיט מיליאָנען און מיליארדן טרערן — מענטשלעכע טרערן...

שיינע מענטשן

דאָס פענצטערל פון לעאָנס צימערל, איז געווען פארהאָנגען מיט א ווייס פאָרהענגל. דאָס שטיקל ווייסע טוך האָט פארשטעלט די זון שטראַלן וואָס האָבן זיך באַלד אינדערפרי ארייגעריסן אין צימערל. דאָס פאָרהענגל האָט גרוי געמאכט די ליכט וואָס האָט ארייגעשיינט און לעאָן האָט אין זיך שטיל געשמייכלט; ער האָט געוואוסט, אז דאָס ליכט פון זיין צימערל איז די קאָליר פון זיין לעבן — א גרוי פאר־שטויבט לעבן.

לעאָן האָט קיינמאָל דאָס פאָרהענגל פון זיין פענצטערל נישט אראָפגענומען. דאָס פאָרהענגל איז פון טאָג־צו־טאָג געוואָרן שמוציקער און שווארצער. די ווירטן האָט זיך קיינמאָל נישט דערמאָנט דאָס אויסצו־וואשן. זי פלעגט דאָס פאָרהענגל בלויז אויסוואשן דעמאָלט ווען איר שכן פלעגט זיך ארויסציען. אבער אזוי ווי לעאָן האָט שוין דאָרטן געוווינט א לאנגע צייט האָט די באַלעבאָסטע אינגאנצן פארגעסן אינעם שטיקל טוך, וואָס איז געהאָנגען ביי איר שכן אין צימערל.

אָבער לעאָן האָט זיין פאָרהענגל געזען יעדע מינוט פון זיין לעבן. ער האָט געוווסט, אז זיינע טעג זיינען פארשטעלט מיט א שמוציקן טוך. שטויב איז געפאלן אויף יעדע שעה פון זיין לעבן און ער האָט געקוקט גלייכגילטיק מיט טרויעריקן צער אויף די ווענט פון זיין צימערל, אויף זיין בעטל און אז ער האָט זיך אָנגעקוקט אין זיין קליין ראזיר־שפיגעלע, האָט ער מיט זיין טרויעריקן בליק באדויערט זיין גאנץ וועזן.

אזוי האָט לעאָן אויף זיך געקוקט אין גרויע — מיטן שמוציקן פאַר־הענגל — פאַרשטעלטע טעג, נאָר ביינאַכט האָט ער זיך דערפילט אביסל בעסער. אָפטמאָל פלעגט ער זיך אין די נעכט דערפילן ממש גליקלעך.

ביינאַכט פלעגט זיך פאַר לעאָנען אויסטונקלען א נייע וועלט. א וועלט וואָס פלעגט אַרויסוואַקסן פון פּאַפּירענע ביכער בלעטער. פאַר־שידענע העלדן האָבן אָנגעפולט זיין קליין צימערל. אָפטמאָל האָבן שטורמישע מוזיק אָרקעסטערס געשאַלט אין זיין צימער, וואָס נאָר ער אַליין האָט געהערט; אָפטמאָל פלעגן זיך אויף זיינע ווענט צוהענגען די שענסטע בילדער וואָס די גרעסטע מייסטערס פון אַלע צייטן האָבן באַ־שאַפן און נאָר ער אַליין פלעגט זיי זען. אָדער זיינע אויערן פלעגן דער־הערן די קלוגסטע געדאַנקען פון די ליכטיקסטע מוחות וואָס האָבן אמאָל געלעבט אונטער דער זון. א סך מאָל האָט ער גאָר געלאַכט פון שלאָף, ווייל ער האָט געזען ווי דאָן קיכאָט טרייסט סאַנטשאָ פאַנסאָ נאָך א גרויסן דורכפאַל.

דערנאָך פלעגט צוריק אָנקומען דער טאָג. לעאָן פלעגט אויפמאַכן די אויגן, דערזען דאָס פאַרשטויבטע פאָרהענגל און ער פלעגט זיך צוריק אומקערן צו זיין גרוי לעבן.

איינמאָל אין א פרימאָרגן, ווען לעאָן האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך פלוצלינג דערמאָנט, אז פונקט היינט ביינאַכט וועט חתונה האָבן א מיידל, וואָס ער האָט שטאַרק ליב געהאַט און זי האָט אים נאָך מער ליבער געהאַט... דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער מיט איר שפּאַצירט דורך די נעכט. אַלע מאָל האָט זי אים געבעטן ער זאָל זי נעמען צו זיך אין זיין צימער, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט אָפטמאָל געוויינט און ער האָט געשמייכלט. זי האָט אים מיט טרערן אין די אויגן געוואָלט איבערצייגן, אז אַט אין זיין קליין צימערל וועלן זיי קענעןביידע לעבן צוזאַמען, נאָר ער האָט איר אָפּגעווענדט מיט א שמייכל. ער האָט געזאָגט אז עס איז נאָך דאָ צייט און אזוי זיינען אַוועק דריי יאָר.

לעאָן האָט זיך אויפגעהערט טרעפן מיט זיין מיידל. עס פלעגט אדורך חדשים און ער פלעגט זי נישט זען. און ווען זיי האָבן זיך שוין אמאָל יאָ באַגעגנט, האָט זי אים בלויז אָנגעקוקט מיט טרויעריקע אויגן. זי האָט אים שוין נישט געבעטן ער זאָל איר נעמען צו זיך אין צימערל, זי האָט אים נאָר בלויז א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און א זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— א שאָד, עס קריכן דיר אויס די האָר, האָסט געהאַט אַזעלכע שיינע האָר...

לעאָן פלעגט נישט ענטפערן. עס האָט זיך אין אים דערוועקט א פאַרדראָס, פאַרוואָס זי פלעגט אים דאָס זאָגן. אין זיך האָט ער געטראַכט, אַז ער איז דאָך טאַקטישער פאַר איר, אויך זי האָט זיך געענדערט פאַר דער צייט: זי האָט זיך אַ סך געעלטערט, נאָר ער זאָגט איר גאָרנישט, ער וועט דאָך איר נישט גיין ווי טאָן...

מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער זי ווייטער געטראָפן. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע רחמנותדיקע אויגן. זי האָט אים שוין נישט געגלעט איבערן קאָפּ, זי האָט בלויז פאַרבראָכן די הענט און אויסגעשריגן:

— גאָט מיינער, וואָס איז פון דיר געוואָרן? האָסט אַמאָל געהאַט אַזאַ שיינעם קאָפּ מיט האָר. ביסט געוועזן אַזוי שיין! גאָט מיינער...

לעאָן איז געוואָרן אויף אַן אמת בייז, דאָך האָט ער זיך איינגעהאַלטן, ער האָט געקוקט אויף איר מיט האַס און ער האָט זיך געקילט דאָס האַרץ, ער האָט געטראַכט אין זיך: אַך, זי האָט זיך אַזוי געעלטערט, זי זעט שוין באַלד אויס עלטער פאַר מיר... אָבער, אַז זי איז צו אים צוגעשטאַנען, ער אָל איר זאָגן „וואָס איז פון אים געוואָרן?" האָט ער זיך שוין געביי־זערט אָבער דאָך האָט ער נאָך אַלץ געשמייכלט.

— טו מיר אַ טובה טייערע... קוק אויף מיר אַביסעלע ווייניקער... קוק זיך ווייניקער צו!

זי האָט זיך צעלאַכט:

— נו, זיי נישט בייז...

לעאָן האָט זיך אויך צעלאַכט, נאָר באַלד איז זי געוואָרן ערנסט.

— ווייסט, איך גיי חתונה האָבן.

לעאָן האָט זיך נישט געוואונדערט.

— זאָל זיין מיט גליק.

זי האָט אים אַ גלעט געטאָן די האַנט.

— איך דאַנק דיר, ביסט נישט בייז?

— ניין!

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פייכטע אויגן, זי האָט אים געזאָגט דעם טאָג פון איר חתונה און דערנאָך האָבן זיי זיך געזעגנט.

לעאָן איז אַהיימגעגאַנגען צו זיך אין זיין צימערל. ער האָט געפייפט

א לידל און אז עס איז געקומען דער טאָג פון זיין מיידלס חתונה, האָט ער זיך עס דערמאָנט באַלד פאַרטאָג און עפּעס א שרעקלעכער ווייטיק האָט אים אָנגעהויבן צו דריקן. לעאָן האָט א ווײַלע געקוקט אויפן פאַרשטויבטן פּאַרהענגל, דערנאָך האָט ער זיך צוריק איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און איז אָפּגעשלאָפן א גאַנצן טאָג.

ביינאַכט האָט ער זיך אָנגעטאָן, ער איז אַראָפּ אויף דער גאַס, ער האָט שפּאַצירט, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטרונקען מיט שוואַרצע קאַווע, דערנאָך האָט ער זיך צוריק באַרואיקט, ער איז צוריק אהיימגעקומען און האָט זיך גענומען צוריק צו זיינע ביכער. זיין ביינאַכטיקע וועלט האָט אויפגעלויכטן מיט די שענסטע פאַרבן: יוליוס צעזאַר האָט זיך געראַנגלט מיט זיין קלוגער פרוי ווען ער האָט געוואָלט גיין אין סענאַט... דערנאָך האָט ער געביטן דאָס בוך און אָנגעהויבן צו לייענען פּלאַטאָנס „דיאַלאָגן", דערנאָך האָט ער ווייטער געביטן דאָס בוך און געלייענט די „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע". פאַרטאָג האָט ער איבערגעלייענט צום וויפלסטן מאָל שלום עליכמס „פונעם יאַריד". אין דער נאַכט האָט ער געלייענט דאָס קאַפּיטל „געשטאָרבן די מאַמע", דערנאָך האָט זיך דאָס פּאַרהענגל צע־לויכטן מיט גרויקייט און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אזוי האָט לעאָן אָפּגעלעבט א סך צייט. אפשר א יאָר און אפשר צוויי יאָר. ער האָט פאַרגעסן אין זיין מיידל וואָס האָט חתונה געהאַט, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געלייענט ביז שפּעט אין די נעכט. ער פלעגט אָפטמאָל פאַרשפּעטיקן צו זיין אַרבעט, זיין באַלעבאָס האָט אים שוין א סך מאָל געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער זיין באַלעבאָסטע האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט. עפּעס האָט ער אָן א פאַרוואָס, באַקומען חן אין אירע אויגן און אין איר זכות האָט ער ווייטער געקענט לייענען ביינאַכט, פאַרשפּע־טיקן צו דער אַרבעט און נישט בלייבן אַרבעטסלאָז.

לעאָן איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ מער אַריינגעטאָן אין לייענען. ער האָט אָן אויפהער גענומען ביכער אין דער ביבליאָטעק. באַזונדערס האָט ער זיך צוגעקויפט נייע ביכער פון זיינע קאַרגע פאַרדינסטן, און איינמאָל, ווען די באַלעבאָסטע פון צימערל האָט דערזען דעם שטויס ביכער, האָט זי געזאָגט גאָר ערנסט:

— יונגערמאַן, פאַר דעם געלט וואָס עס קאָסטן אייך די ביכער וואָלט

איר שוין געקענט אויסהאלטן אן אייגן ווייב. פון א ווייב קענט איר עפּעס האָבן א נוץ, פון די ביכער קענט איר זיך נאָר קאַליע מאַכן די אויגן...

לעאָן האָט געשוויגן, ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט, אַז זיין ווירטן זאָל שוין אוועקגיין. דערנאָך האָט ער אויסגעפּייפט א לידל און זיך ווייטער גענומען צו זיינע ביכער.

אין א פּאָר נעכט נאָך דעם ווי זיין ווירטן איז געוועזן ביי אים אין צימער האָט זיך לעאָן א רייב געטאָן די אויגן, די בוכשטאַבן אין בוך האָבן זיך אַלע ווײַלע פאַרמישט אין א שוואַרצער מאַסע, עפּעס האָט אים אָנגע־הויבן צו שווינדלען גרויסע פייערדיקע רעדער. לעאָן האָט געשפּיגן מיט בייזקייט:

— מיינע „קוקערס" טויגן שוין אויף כּפּרות! נישט גוט...

אין א וואָך אַרום איז לעאָן אוועק אין שפּיטאָל צו א דאָקטאָר. צו א פּריוואַטן דאָקטאָר האָט ער נישט געקענט גיין, ווייל עס האָט אים אויס־געפעלט געלט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין וואַרט־זאַל צווישן פרויען מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט. ער איז כּמעט געוועזן דער איינציקער מאַנספּערשוין צווישן אַלע קראַנקע. אין זאַל האָבן די קינדער געוויינט, עס האָט זיך געפילט א ריח פון עטער און מילך; ווייבער האָבן זיך אויסדערציילט די צרות פון זייערע קינדער. די קינדער האָבן זיך געריסן און א סך האָבן זיך צעשפּילעט די בלוזעס און געשטופּט די קינדער די ברוסט־וואָרצלען אין די מיילער אַריין.

לעבן לעאָנען איז געזעסן אן אַלטע פרוי און זי האָט אָן אויפהער געהוסט. לעאָן האָט זיך געוואָלט איבערזעצן אויף אן אַנדער פּלאַץ, נאָר די בענק זיינען געווען פאַרנומען מיט קראַנקע. די אַלטע פרוי האָט נאָך אַליץ אָן אויפהער געהוסט און געכראַקעט. לעאָן האָט געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט שוין געוועזן אַזוי אַלט ווי די פרוי, וואָלט ער זיך שוין אפילו נישט געגאַנגען היילן, ס'וואָלט זיך שוין נישט געלוינט...

די אַלטע פרוי האָט אויף א ווײַלע אויפגעהערט צו הוסטן, זי האָט זיך אויסגעדרייט צו לעאָנען און געפרעגט:

— איר זיינט אויך קראַנק?

— יאָ, — האָט לעאָן געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס איז אייך?

לעאָן האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף די אויגן.

— דער דאָקטאָר וועט אייך הייסן אָנטאָן ברילן.

— מילא...

די פרוי איז אנטשוויגן געוואָרן, נאָר באַלד האָט זי לעאָנען א לייכטן שטויס געטאָן מיטן אָרעם:

— יענע פרוי פון אנטקעגן רופט אייך. איר זעט?

לעאָן האָט זיך איינגעקוקט: אנטקעגן אויף אַ באַנק איז געזעסן זיין געוועזענע כלה מיט א קינד אויף דעם שויס. איר ברוסט איז געוועזן אָפּגעדעקט און דאָס קינד האָט געשמאַק געזויגן.

לעאָן איז צוגעגאַנגען. באַלד האָבן זיך די ווייבער צערוקט און לעאָן האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער מיט. זיי האָבן זיך שטיל צערעדט. זי האָט אים געוויזן איר זויגנדיקן זון. לעאָן האָט דאָס געלויבט, אז דאָס איז א שיין קינד, געגעבן דאָס א גלעט איבערן קעפּעלע און דערנאָך האָבן זיי זיך טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן און זיי זיינען אנטשוויגן געוואָרן.

שפּעטער האָט זי אַרויסגענומען די ברוסט פון קינדס מויל. דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט א שמייכל:

— האַלט מיר א ווייַלע מיין זון, איך וויל זיך אביסל ברענגען אין אָרדענונג. איבעריקנס וויל איך זען צי עס קליידט דיר... ווילסט? — און זי קוקט אויף מיט מיט געבעט.

לעאָן האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט גענומען פון איר דאָס קינד מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרזיכטיקייט, אַט ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ טייערן אוצר אין זיינע הענט אָדער ווי ער וואָלט געהאַלטן אַלע קראַנקע קינדער פון דער וועלט אין זיינע אָרעמס... און ער האָט אינערלעך געציטערט... זי האָט זיך דערווייל פאַרשפּילעט די בלוזע און מיט א קעמעלע, זיך פאַרקעמט אביסל די האָר. זי האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— עס קליידט דיר... איצט ביסטו אַזוי שיין, אַזוי שיין...

ער האָט געענטפערט:

— דו אויך... ביסט אַזוי שיין... ביסט קיינמאָל אַזוי שיין נישט געוועזן...

זייערע אויגן האָבן זיך געפּייכט, זיי האָבן זיך געשפּיגלט איינס אינעם אַנדערן מיט די בליקן א לענגערע צייט. די ווייבער האָבן אויף זיי געקוקט און געשמייכלט און צווישן אַלע, זיינען זיי באמת געוועזן די שענסטע בענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל.

טילע

יאַנושעס הויף, דער ריזיקער באַזאַר־מאַרק מיט די הונדערטער קראָמען און סטראַגאַנעס, האָט גערוט אין שבתדיקער מנוחה אַ פּוסטער, פאַרשלאָסענער, אַן אויסגעקערטער און אָפּגעוואַשענער; פון אַלע פאַרהעמערטע קראָמען און ליידיקע סטראַגאַנעס, האָבן ארויסגעהויכט פאַרדומפּענע ריחות פון פרוכטן און גרינוואַרג, פון געזויערט קרויט און געזאַלצענע הערינג, פון געזויערטע אוגערקעס און בלוט פון געשאָכטענע בהמות און עופות. די ריחות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן צעהעלטן שבתדיקן נאָכמיטיק, מיט די העלע זון־שטראַלן און זיך פאַרשפּרייט ווייט אַרום, אויף די אַרומיקע הויפן און גאַסן, זיך אויסגעמישט מיט די ריחות פון בוקעטן בעז און רויזן, בערג מיט אַקאַציע־צוויט, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין גרויסע קופּעס אויפן מיראָווסקי־פּלאַץ, צווישן די האַלעס. די קריסטלעכע בלומען־הענדלער האָבן אַריבערגעקוקט צום שבתדיקן יאַנושעס־הויף, געקוקט מיט אומעט אויף די געציילטע פאַרבלאָנדזשעטע קונים און זיך געטראַכט, אַז שבת איז פאָרט נישט קיין טאָג צום האַנדלען: אַז די „זשידקעס" האַנדלען נישט, איז דער האַנדל קיין האַנדל נישט...

און יאַנושעס־הויף גענעצט זיך מיט פּוסטקייט און מנוחה; אויסגעפּוצטע פּורמאַנעס און טרעגערס שפּאַצירן אַרום אויפן פּוסטן מאַרק, אָנגעטוענע אין די שענסטע שבתדיקע אַנצוגן, מיט לאַקירטע שיך, נאָר אָן קעלנער און קראַוואַטן, וואָס דאָס פּאַסט זיך פאַר יאַלדן, טראָגן זיי גאָלדענע ספּינקעס אין די קלאָר־ווייסע, אָנגעקראָכמאַלעטע ברוסט־הערצלעך

נעבן די גאַרגלען; שפּאַצירן זיי אַרום מיט ברייט־באַלעבאַטישע, אייזן־פעסטע טריט, שפּאַצירן אַרום צווישן די פּאַרמאַכטע קראָמען, זעצן זיי זיך אוים אויף די ליידיקע סטראַגאַנעס־טישן מיט אַראָפּהענגענדיקע פּיס, דערציילן זיי זיך מעשׂות וועגן העלדישע געשלעגן, וועגן אויסגעכאַפּטע כּלות, וועגן „וואָלקעס" אין די צירקן און — גענעצן.

נעבן שעכט־הויז בלאָנקען זיך אַרום מחנות הונגעריקע הינט און ברודיק־אָפּגעריסענע יינגלעך. די קינדער קריכן אַרום און קלעטערן אַרויף אויף די פּאַרמאַכטע פּעסער הערינג, קריכן אַרום צווישן די אויסגעליידיקטע „קולקעס", אין וועלכע מען ברענגט צופירן פון די סטאַוון לעבעדיקע פיש — לעבעדיקע קאַרפּן, לעבעדיקע שלייענס; הינטערן שעכט־הויז, אין די ריזיקע קאַכלנע באַסיינען, פאַרדעקטע און פאַרשלאָסענע מיט גראָב־דראָטיקע סעטקעס, שווימען אום גאָלדן שיפּיקעס קאַרפּן, וואָס זיי־נען ערב שבת נישט פאַרקויפט געוואָרן. אינעם באַסיין גיסט זיך אַריין דורך אַ גרויסן מעשענעם קראַן, אַן אומאויפהערלעכער שטראָם וואַסער, אַז די פיש זאָלן נישט „אָפּשטיין"...

עס קומט אָן „נטע סטרוזש", דער נאַכט־וועכטער. ער קלאַפּט מיט זעלנערישע טריט, טופּעט מיט זיינע שטיוול אויפן ברוק און די יינגלעך צעלויפן זיך. אַלע האָבן זיי מורא פאַר נטע סטרוזש, וואָס קען דערלאַנגען אַ קלאַפּ, אַז מען זאָל שוין מער נישט אויפשטיין... אַלע האָבן דאָך גע־הערט די מעשׂה, ווי אַזוי נטע סטרוזש האָט זיך געשלאָגן אַמאָל אין דער מלחמה מיט די יאַפּאָנטשיקעס; ער, נטע, האָט אַרויסגעריסן, איינער אַליין, אַ פאָן פון די הענט אַרויס פון אַ יאַפּאַנישן גענעראַל און האָט זי געבראַכט צום קיסר. דער קיסר האָט צוגענומען די פאָן און האָט אָנגע־האָנגען נטען אַ גאָלדענעם מעדאַל אויפן מונדיר און האָט אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ טובֿה וואָלט ער, נטע, געוואָלט זאָל מען אים טאָן?... נטע האָט נישט געטראַכט קיין איין מינוט און גלייך געענטפערט, אַז ער וואָלט געוואָלט זיין באַזאָרגט מיט אַ שיינע און פיינע פּרנסה... און אַזוי ווי ער איז אַ ייִד און קיין ייִדן קיין פּאַזוואָליעט מען נישט צו זיין קיין סטרו־זשעס, זאָל מען אים פּאַזוואָליען צו זיין דער איינציקער ייִדישער סטרוזש אין דער שטאָט וואַרשע... דער קיסר האָט נישט אויסגערעדט ס׳צווייטע וואָרט, האָט אים געגעבן אַ פּאַטש אין אַקסל אַריין און האָט אים גע־ענטפערט: יאַך פּאַזוואָליע דיר צו זיין אַ ייִדישער סטרוזש און — שוין!...

נטע סטרוזש מאַרשירט פֿאַרביי מיט זיין זעלנערישן גאַנג דעם מאַרק און קוקט נאָך בייז די יינגלעך, די „לאָבוזעס" און „לאַטקעס", די „דרעקישע יאַטן" מיט נישט אויסגעשלאָפֿענע רויטלעכע אויגן. אַ גאַנצע וואָך וואַכט ער אין די נעכט און בייטאָג שלאָפֿט ער; שבת, אָבער, מוז ער אויף־זיין בייטאָג און ביינאַכט. אַז ער גייט פֿרייטיק פֿאַרנאַכט אַרום צווישן די סוחרים און סוחרטעס צונויפֿגענעמען „פּיאָנטקאָווע", בעט מען זיך ביי אים: למען השם, נטע, מאָרגן איז שבת — זאָלסט האָבן דעם קאָפּ אויפֿן קאַרק! און דאָ נישט לאַנג, איז נטען אַוועקגעפֿגרט זיין הונט, זיין שוואַרצער פּודעל, וואָס האָט אים באַגלייט פֿערצן יאָר נאָכאַנאַנד און פֿון אים נישט אָפּגעטראָטן אויף איין מינוט. שוין אַ צייט ווי נטע זוכט אַרום אַ הונט פֿאַר אַ באַגלייטער און קען נישט געפֿינען עפּעס רעכטס. און אָן אַ הונט איז נטע ווי אָן אַ האַנט...

נטע זבענקעט מיט זיינע זעלנערישע שטיוול איבערן גאַנצן מאַרק. דעם גרויסן פּירקאַנטיקן גמאָך, וואָס איז אַ ריזיקער קאַסטן אָן אַ דאַך; אַז ער האָט שוין דורכמאַרשירט דעם גרויסן קאַסטן, מאַרשירט ער אַריין אינעם קלענערן קאַסטן, וואָס שטייט אין מיטן פֿונעם ריזיקן מאַרק־הויף — דאָס איז דער קאַרטאָפֿל־און אייער־מאַרק; נטע גייט דורך צווישן די געסלעך מיט די סטראַגאַנעס און ביידלעך, שמעקט ער און זוכט: מען טאָר די פֿאַרמאַכטע, פֿאַרהאַמערטע טירן נישט אָפּלאָזן פֿון די אויגן... אומעטום ווימלט מיט גנבים און גנבימלעך!

אַז נטע איז שוין דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן מאַרק, רוט ער זיך אָפּ אַ ווייַלע און פֿאַררייסט דעם קאָפּ צום ליכטיקן, קלאָר־בלויען הימל; טויבן און פֿייגעלעך פֿליען אַרום, שוועבן איבער די דעכער פֿון יאַנושעס הויף. אַ גאַנצע וואָך זיינען זיי פֿאַרזאָרגט מיט עסן. עס פֿאַלט פֿאַר זיי אַראָפּ אויף דער ערד גענוג האָבער און גערשטן, וואָס עס וואַלגערן זיך אונטער די וועגענער און פֿערדישע פֿיס. שבת, נעבעך, קומען זיי אָפּ און הונגערן. נישטאָ קיין וועגענער און קיין פֿערד. די פֿייגעלעך און טויבן פֿליען אום הונגעריקע און טרויעריקע. אויף די גרויסע בוידעמער איבער די קלייטן, ווו עס געפֿינען זיך די לאַגערן פֿון פֿעדערן און פּוך, האַלטן זיך אויף הונ־דערטער פֿייגעלעך: זיי פֿליען אַריין דורך די קליינע פֿאַרגראַטעוועטע פֿענצטערלעך, און אינעווייניק, אויף זעק מיט פֿעדערן, וואָס זיינען שוין צענדליקער יאָרן אַלט, האָבן זיי זייערע נעסטן. אין מיטן וואָך פֿליען

זיי אָן מורא אַרום די קעפּ פון די „פליקערנס", אַלטע, איינגעהויקערטע יידענעס מיט פאַרבונדענע קעפּ, וואָס זיצן דאָרטן גאַנצע טעג און נעכט און פליקן און שלייסן פעדערן. אַז די פליקערקעס גייען פאַרביי דעם מאַרק צום שעכטהויז, רוקן זיך די מענטשן אָפּ אין אַ זייט. די פליקער־קעס זעען אַליין אויס ווי אַלטע אויסגעדאַרטע פייגל, באַפּעדערטע און אויסגעשמירטע אין בלוט פון עופות. אַז די באַפּעדערטע ווייבער באַ־ווייזן זיך אינעם שעכטהויז, צעקרייען זיך די הענער, צעבלאָזן זיך די אינדיקעס און אַלע עופות צעשרייען זיך מיט מוראדיקע קולות און הויבן אָן צו פאָכען מיט די פליגל. נאָר די פייגעלעך האָבן נישט קיין מורא פאַר די באַפּעדערטע ווייבער און פליען אום איבער זייערע קעפּ און כאַפּן אַרויס קרישקעס פון זייערע הענט.

די זון שטייט נאָך הויך איבערן הימל און די גאָלדענע שטראַלן פלייצן איבער יאַנושעס הויף און קרימען זיך אויס אונטער די משופּעדיקע דעכער איבער די קלייטן, איבער די סטראַגאַנעס; די זון־שטראַלן גיסן זיך אַריין דורך די דראָטענע נעצן אין די קאַכלנע פיש־באַסיינען. די קאַרפּן ווערן וויאָלעט־בלוילעך און אינעם קוועלנדיקן וואַסער מישן זיך קאָלירן פונעם רעגנבויגן. פליגן זשומען אום אין גאַנצע חמרים און באַ־לייגן די שטאָלענע האַקעס פון די יאַטקעס; פונעם שעכטהויז קרייען אַרויס מחנות מיט הענער און ערגעץ בייסן זיך אַרום אַ מחנה הונגעריקע הינט.

נטע גייט פאַרביי לעבן אַ סטראַגאַן אויף וועלכן עס זיינען אויס־געזעצט עטלעכע פורמאַנעס, טרעגער און קצבים.

— אַ גוט שבת, נטע. יאַקשיע מאַש?

— אַ גוט שבת, אַ גוט יאָר! — שטעלט זיך אָפּ נטע און פאַררייסט די בייזע קאַלטענעוואַטע באָרד צום הימל — וואָס האָט זיך דען צו הערן?

— פּאַרצייל עפּעס, נטע, פאַרצייל עפּעס פון דער מלחמה. אַ גאַנצע וואָך אַרבעט מען ווי די בעלגישע פערד און אַז ס'קומט שבת — איז סמוטנע... — זאָגט דער הויכער איטשע, דער וואָס טראָגט אַראָפּ דריי שווערע קאַסטנס מיט אייער אויף איין מאָל — זיי אַ פּשיאַטשעל, פּאַר־צייל עפּעס — שאָקלט ער מיט די אַראָפּגעהאָנגענע פּיס אין דער לופטן און דער גאַנצער סטראַגאַן, אויף וועלכן ער זיצט, סקריפּעט און קרעכצט.

— פּאַרצייל עפּעס, לאָז זיך נישט בעטן — צערוקן זיך די יונגען

אויפן סטראַגאַן־טיש, כדי נטע זאָל זיך אַריינזעצן צווישן זיי אין מיטן — זיי אַ פּשיאַטשעל...

נטע זעצט זיך אַריין אין מיטן און דער הילצערנער סטראַגאַן מיטן דעכל הויבט זיך אָן וויגן ווי אַ שיפל אויפן ים, און נטע הויבט אָן צו דערציילן:

— ...מיין ווייב האָט אין היינטיקן טשאָלנט אַריינגעלייגט אַ געפילטע קישקע, האָב יאָך נאָך אַזעלכעס צייט כ׳לעב נישט געזען! אַז יאָך האָב געגעבן אַ קוק אויף דער געפילטער קישקע, האָב יאָך באַלד געזאָגט אַזוי: אָדער די קישקע וועט מיך אָוועקליינן, אָדער יאָך וועל זי אָוועקלייגן... נו? כ׳האָב זי צורעכט געמאַכט איינס און צוויי...

— ביסט טאַקע אַ העלד, נטע!... — פּאַטשט מען אים אין דער פּלייצע אַריין.

דורכן טויער פון דער קראָכמאַלנע גאַס קומען אָן בעקער־יונגען און שוסטער־יונגען געאָרעמטע מיט זייערע כלות. די מיידלעך — דינסט־מיידלעך, מיט שבתדיקע פאַרפּלאָכטענע צעפּ, מיט פאַרפּלאָכטענע קאָקסלעך, מיט גלאַנציק־געלע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן און מיט הויכע פאַרשנורעוועטע כאָלעוועס ביז צו די קניען; זיי שפּאַצירן אום פּאָרנווייז צווישן די פּוסטע מאַרק־געסלעך און זעצן זיך אוים אויף די אָפּגעליידיקטע מאַרק־טישן. עס קומען אָן אויסגעפּוצטע סוחרים, וואָס קומען כאַפּן אַ קוק צו די קראָמען. עס קומען אָן פּרוכט־הענדלער מיט בינטן שליסלען אין די הענט; זיי שליסן אויף די קראָמען, שליסן אָפּ די טירן מיט די פאַרהאַמערטע אייזערנע פּרענטן און לייגן זיך אָפּ גרויסע פּאַפּירענע טאָרבעס מיט שבת־אויבס, בראַקאָוונע, איבערצייטיקטע עפּל און באַרן, וואָס וואָלטן צעפוילט געוואָרן ביז זונטיק; עס שטעלן זיך אַרום ביי די טירן אָפּגעריסענע יינגלעך און קוקן מיט בעטנדיקע אויגן. אין די שבתים זיינען די פּרוכט־הענדלער ברייטהאַרציקע און גוטהאַרציקע: אַז מען גיט נישט יעקבן גיט מען עס אָוועק עשון; איין צוגעשלאָגענער עפּל אָדער באַר קען איבערפירן אין אַ זומערדיקער נאַכט, אַ גאַנצן קויש מיט פּרוכטן. זאָל־זשע זיך בעסער אַ יידיש קינד דערכאַפּן ס׳האַרץ... יעדער סוחר, וואָס קומט אין זיין קראָם נאָך שבת־אויבס, טיילט טאַקע מיט אַ ברייטער האַנט צוגעפוילטע פּרוכטן צו די אָרימע פּענטאַקלעך...

עס הויבט אָן אָניאָגן דער פאַרנאַכט. יאַנושעס הויף איז פול

מיט פרייל־עכע פאָרלעך, וואָס שפּילן אין ליבעס, און אָפּגעריסענע, אָפּגע־שליסענע קינדער, וואָס דערכאַפּן זיך די הערצער מיט די איבערגעצייי־טיקטע, געשעגקטע פּרוכטן. שמשון הגבורדיקע טרעגערס פּאַטשן זיך אין די פּלייצעס און פאַרמעסטן זיך מיט זייערע כוחות און גבורות. מען ברעכט איינער דעם אַנדערן אויס די פאַרגליווערטע שבתדיקע ביינער. אַ גאַנצע וואָך זיינען זיי די טרעגערס, פורמאַנעס און קצבים געזונט און שטאַרק. נאָר אַז ס׳קומט שבת אָדער יום־טוב, ברעכט זיי די הענט און די פיס... הייבט מען אויף אַ חבר הינטן־אַרומער. אַרומגענומען מיטביידע הענט אַרום זיין ברוסט, און מען שאָקלט אים אַ ווײַלע אין דער לופטן, ביז די ביינער גיבן אַ קנאַק און אַ טרעשטשע... יינגלעך שפּילן זיך אין יאַגעלעך און לויפן אום פאַרשוויצטע, צעהיצטע און צעפּלאַמטע. די יינגלשע קולות הילכן אָפּ איבערן פאַרהאַמערטן מאַרק און מישן זיך אויס מיטן פלינלען־פּלאַטער פון מחנות הונגעריקע טויבן.

עס קומט אָן ראַצע די פּרוכט־הענדלערן געאַרעמט מיט איר עלטסטן זון נח. זי שפּאַנט מיט שבתדיקע, לאַנגזאַמע טריט צו איר פאַרשלאָסענער קראָם נאָך שבת־אויבס און מאַכט זיך אַלע ווײַלע צורעכט דעם שוואַרצן זיידענעם טול־שאַל אויפן קאָפּ. זי גייט אָנגעטאָן אין אַ קלייד פון טונקל־בלויען פּליוש, און אויסגעהאַפּטנס און געפאַלדעוועטס. אַלע קוקן איר נאָך: ווער וועט זאָגן, אַז די פרוי איז אָן עפּל־פאַרקויפערן אין יאַנושעס הויף? אַ גאַנצע וואָך זעט טאַקע אויס ראַצע אַזוי ברייט און נידעריק און שבת זעט זי אויס שענער און העכער, און עס ווייעט פון איר מיט שבתדיקער פרומקייט און גאַטספאַרכטיקייט. אָנעם וואָכעדיקן מאַרק־פאַרטוך איז ראַצע אַן אַנדערע, וואָס געהער זיך נישט אָן מיטן מאַרק, מיטן האַנדל און מיט די געשרייען און קולות פונעם מאַרק. אַלע באַקאַנטע פורמאַ־נעס, טרעגער און קצבים שמייכלען צו איר פרייַנטלעך מיט חברשאַפט, וואָס ראַצע שעמט זיך נישט אום שבת מיטן מאַרק, מיט יאַנושעס הויף, ווי דאָס טוען אַנדערע, וואָס גיבן זיך שבת נישט צו דערקענען.

— אַ גוט שבת איהן, (אייך), ראַצעלע.

— אַ גוט שבת, אַ גוט שבת — ענטפערט ראַצעלע מיט ווירדע און גייט ווייטער מיטן שטאָלצן גאַנג.

ראַצע מיט איר זון בלייבן שטיין נעבן דער פאַרמאַכטער קראָם. זי באַטראַכט אַ ווײַלע די פאַרמאַכטע טיר מיט די גרויסע שלעסער, זעט

אז אלץ איז אין אָרדענונג, דערלאַנגט זי דעם זון אַ בינט שליסלען אין די הענט אַריין:

— נאַ, נחשי, שליס־אויף.

דער זון שליסט אויף די שלעסער, נעמט אַראָפּ דעם אייזערנעם פּרענט, וואָס ער לייגט אַוועק אויף דער ערד און די מוטער קאָמאַנדע־וועט אַ פאַרשמעקטע פון די פּרוכטן־ריחות, וואָס ווייען אַרויס דורך דער אָפענער טיר:

— גיי דו אַריין אינעווייניק, נעם אַ גרויסן בייטל און קלויב אויס אַביסל אויבס. כ׳וויל נישט אַריינגיין אינעווייניק, ווייל כ׳האָב מורא כ׳זאָל זיך נישט צערייסן ס׳קלייד.

נח ווערט פאַרפאַלן אין דער קראָם. באַלד שרייט ער אַרויס פון אינעווייניק:

— מאַמישי, די סחורה האַלט זיך גוט. ס׳איז כמעט נישטאָ קיין בראַק...

— קיין עין הרע, אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען... — רעדט די מוטער אַריין דורך דער צעעפנטער טיר, מיט אַ פרום תחינהדיק קול.

— אַ גוט שבת איהן, ראַצעלע — וואַקסט אויס נטע סטרוזש ביי דער קלייט — אַז מען זעט איהן מיט אייער זון, קען מען מיינען, אַז ס׳איז אַ ברודער מיט אַ שוועסטער...

— טאַקע? אַזוי ווייזט זיך איהן אויס? — שמייכלט ראַצע פאַר־שעמט — ס׳פרייט מיך זייער צו וויסן...

— און ווי לאַנג איז עס ערשט, אַז אינס נחל איז געווען אַזאַ פּי־צעלע אינגעלע? — ווייזט נטע מיט דער האַנט אויף דער ערד, ווי גרויס נח איז אַמאָל געווען און שפּאַרט זיך אָן מיט דער ברייטער פּלייצע אין דער וואַנט — אַזוי ווי עס וואַלט אייערנעכטן געווען..

— נח, דערלאַנג אַרויס אַ ביסל שבת־אויבס פאַר ר׳ נטע, נחשי, — שרייט די מוטער צום זון.

נח, אָן אַדורכגענומענער מיט ריחות פון עפּל, באַרן, קאַרשן און פלוימען, שטופּט אַרויס דורך דער טיר צוויי הענט מיט באַרן און עפּל. ראַצע גיט איבער די פּרוכטן צו נטע סטרוזש אין די ריזיקע הענט אַריין, אַז נטע הויבט אָן פינטלען מיט די אויגן:

— מ׳דאַרף נישט, מ׳דאַרף נישט... אַ שיינעם דאַנק. גאָט זאָל איהן געבן אַלדאָס־גוטס!

שפּעטער אַביסל גייט שוין ראַצע מיט איר זון צוריק איבערן שבת־דיקן פאַרשלאָסענעם מאַרק־הויף. די מוטער גייט אָן אָנגעלענטע אינעם זון און נח טראָגט אַ שווערע טאָרבע מיט פּרוכטן.

— זיי אָפּטראַזשנע, — וואָרנט די מוטער — זע אַז דער בייטל זאָל זיך נישט צערייסן: — אי וועסט אויסשיטן ס׳ביסל אויבס, אי וועסט האָבן אַן עבירה. ס׳איז שבת אויף דער וועלט..

מוטער און זון גייען אַרויס פון יאַנושעס הויף און פאַרנעמען זיך מיט די האַלעס, דורך די מיראָווסקע צו דער סאָלנע גאַס. די טראָטוארן זיינען פול מיט שפּאַצירנדיקע מענטשן: יונגעלייטלעך, פּאַצעטן מיט גלאַנציק פּאָלירטע שטעקעלעך אין די הענט שפּאַצירן געאַרעמטע מיט מיידלעך צום זאַקסישן גאָרטן, צו דער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס, צו די קינאָס און טעאַטערן, צו דער ווייסל און צו די „לאַזשיענקעס"; יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט אויסגעגלעטע בערד און בערדלעך, ציען זיך צו די חסידים־שטיבלעך, בתי־מדרשים און שילן. אַלעמענס פּנימער זיינען שבתדיקע און מנוחהדיקע, מיט פאַרווישטע דאגות און זאָרגן, מיט אָנגעקליידעטן בטחון, אויסגערוטע און זאַטע... אַלדאָס וואָכעדיקע איז אוועק, אַלץ וואָס איז וואָכעדיק איז פאַרשטעקט און באַהאַלטן, פאַרהאַנגען און פאַרשטעלט, פּונקט ווי אום שבת די ניי־מאַשינען, אין די שטיבער פון אידישע שניידערס, שוסטערס און אַנדערע בעלי־מלאכות...

אַ טראַמוויי פאָרט פאַרביי מיט אַ געקלינגעריי, כמעט אַ לײדיקער מיט עטלעכע בידנע פּאַסאַזשירן. אַ אידענע מיט אַ בלאָנד שייטל, וואַרפט צו אַ בייזן בליק צו אַ פּאַסאַזשיר: זי דערקענט, אַז ס׳איז אַ איד און שרייט צום טראַמוויי־פענצטער: — אום שבת!... אום שבת... דו, רשע מרושה!

די צעגלאָדיקטע ברענענדיקע זון זעצט זיך אַביסעלע אַראָפּ עטוואָס נידעריקער צו דער ערד, רוקט זיך אַביסל אַרונטער הינטער די קוימענס, פון וועלכע עס רויכערט נישט אום שבת אַרוים קיין ביסעלע רויך פאַר אַ רפואה; די רויט־גיהנומדיקע זון־שטראַלן בלענדן און פלאַמען אויף די שויבן פון מויזנטער פענצטער, באַזוימען מיט גליישטן גאָלד די פאַר־האַנגען און גאַרדינען, זון־פלאַמען שטעכן זיך אָן אויף די צלם־שפּיצן

פון די קלויסטערס, פון די צעוואקסענעביימער אויף די גאסן און סקווערן, און טויזנטער און טויזנטער מענטשלעכע קולות פלאטערן אום אין דער לופט באוווירצטע מיט זון־שטראלן, באשמעקטע מיט שבת־לופט — שבת...

— וועסט זען — זאגט ראצע צו איר זון — אז די מומע צירל וועט זיך מיט אונדז דערפרייען, ווי מיט גוטע מלאכים. און דאס וואס זי וועט האבן מיט וואס זיך אונטערצוזעלנען ס'הארץ, וועלן מיר פארדינען די אמתע מצוה.

נח ענטפערט נישט. ער שמייכלט אין זיך ווי רייך ער איז מיט מומעס און עלטער־מומעס. יעדן שבת געפינט שוין די מאמע אויס א מומע אדער אן עלטער־מומע, פעטערס און עלטער־פעטערס, און טראגט זיי אוועק בייטלען מיט שבת־אויבס. די מאמע האט פון אזעלכע זאכן א סך פארגעניגן... אט די מומע צירל איז דאך גאר עפעס דער מאמעס אן עלטער־מומע... מילא.

— אז כ'גיי מיט דיר שפאצירן, האב יאך נישט מיט וועמען אויס־צורײדן א וואָרט — איז די מוטער בייז, וואס נח גייט נעבן איר א שווייגנדיקער...

— ווי אזוי איז די מומע צירל מיר א מומע? — שמייכלט נח מיט שפאט.

— אז דו ווייסט נישט ווער ס'האט דיך געשלייערט, בין יאך דאך נישט שולדיק... די מעשה איז אזוי:

מאמע און זון פארנעמען זיך מיט דער קארמעליצקע גאס. ביים קינא איז א געדרענג פון יונגוואַרג און קינדער. די שמאלע טראטוארן זיינען אנגעשטאפט מיט שפאצירנדיקע. די פרומע יידן גייען פארביי דעם קינא און שאקלען די בערד מיט צער: „אום שבת! אום שבת!...” מענטשן און קינדער דרענגען זיך צום קינא־אריינגאנג, יינגלעך קוקן אריין דורך די שפאלטן פון די טירן, וואס זיינען פארהאנגען מיט גראבע רויט־פליור־שענע פארהאנגען. אויף דער גאס ארוים פליען אפגעהאקטע פיא־נא־טענער. אויסגעפוצטע דאמען מיט ברייט־אויסגעשניטענע דעקאלטן מיט ברייטע הוטן מיט אנגעשטעקטע קאלירטע פעדערן גייען געארעמטע מיט מענער; חסידישע יונגעלייטלעך מיט סאמעטענע קיילעכדיקע היטע־לעך ווארפן גנבישע בליקן. אידן מיט אטלעסענע קאפאטעס, פארגארטל־

טע מיט זײדענע שנורן, דרײען אװעק די קעפּ און מורמלען: „הפקרות... הפקרות..."

אויפן מראָטואר בײם קינאָ שפּאַצירן אום אויסגעפּוצטע מײדן מיט קורצע קלײדלעך ביז די קניען, מיט גאָר הויכע אַפּצאַסן און רויט־גע־פאַרבטע פּנימער, מיט גרויסע צוגעקלעפּטע װיעס און אָנגעפאַרבטע בלוי־שוואַרצע רעדלעך אַרום די אויגן. זײ שפּאַצירן מיט אויסגעלאַסענעם גאַנג און פאַרשטעלן די מענער דעם גאַנג און װינקען מיט די אויגן, שפּאַצירן זײ אום אַהין און צוריק און לאַכן צו זײערע חברטעס מיט אויסגעלאַסן הפקרדיקן געלעכטער. עס קומט אָן אײנע פון זײ, אַ הויכע מיט אַ צע־שויבערטן קאָפּ שוואַרצע קרײזלעך. זי גײט פאַריסן אין איר שטאָלצער אויסגעלאַסנקײט. אַז זי גײט פאַרבײ ראַצען מיט איר זון, גיט ראַצע פּלוצים אַ שלעפּ צו זיך דעם זון און הײבט אָן רײדן שנעל צו אים:

— זעסט די־אָ, װאָס איז נאָר פאַרבײגעגאַנגען? קוק איר גוט אָן און נעם זיך גוט אין זינען אַרײַן װי אַזוי זי זעט אויס: ביסט שוין אַ דערװאַקסענער און איך װיל זאָלסט װיסן... קוק זיך נישט אום — הײבט אָן די מוטער צו פאַרשנעלערן אירע טריט — אָט די־אָ, דאָס איז טילע, טילע דײַן געװעזענע אַם... זי האָט דיך אויסגעזויגן און אויפגע־כאָװעט. זי איז געװען בײ אונדז אין שטוב דרײ יאָר נאָכאַנאַנד. זי, טילע, האָט דיך אַזױ שטאַרק ליב געהאַט, אַז דו ביסט אַמאָל געװען שטאַרק קראַנק, איז זי אויף־געװען בײ דײַן װיגל גאַנצע נעכט און זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ... זי האָט בײ זיך אַרומגעטראָגן אַ פלעשעלע סם און געסטראַשעט גאָט אין הימל, אַז אויב, חס־וחלילה, דיר זאָל עפּעס שלעכטס געשען, װעט זי זיך ס'לעבן נעמען...

— אָט דאָס איז טילע, טילע, װעגן װעלכער די מאַמישי רעדט שטענדיק מיטן טאַטעשי? — װיל נח אומדרײען דעם קאָפּ אין דער זײט אין װעלכער טילע איז אַװעק.

— קוק זיך נישט אום, זאָג איך דיר! — באַפעלט די מוטער דעם זון און ציט אים פעסט בײם אָרעם צו זיך — װען זי װאָלט אונדז דער־קענט, װאָלט זי מסתמא אַריבערגעלאָפן אויף דער צװײטער זײט גאַס, זי װאָלט זיך פאַרשעמט... זי װאָלט זיך, נעבעך, אויסגעגראָבן אַ גרוב און װאָלט זיך אַלײן באַגראָבן! כ'בין טאַקע שטאַרק צופרידן, װאָס זי האָט אונדז נישט דערקענט...

— זי איז אַזאַ שיינע... — ענטפערט נח מיט טרויער אין קול, ווי אַ פאַרחלומט געוואָרענער — כ'האָב אויף איר אַ גרויסן רחמנות...

— יאָ, זי איז שיין ווי אַלע וועלטן... ווען כ'זע זי אַמאָל, שניידט מיר ס'האַרץ ווי מיט מעסערס... נאָר אַמאָל איז טאַקע נישט געווען אין איר פּנים אַריינצוקוקן, פּונקט ווי מען קען נישט אַריינקוקן אין דער זון אַריין...

— און איך דערמאָן זיך אין איר גאָרנישט, גאָרנישט. — ענטפערט נח מיט נאָגנדיקן באַנג.

— ווי קענסטו זיך דערמאָנען, נאַריש קינד, אַז דו ביסט אינגאַנצן דריי יאָר אַלט געווען, אַז זי איז פון אונדז אַוועק? יאָ, אַז זי איז אָנגעקומען צו אונדז איז זי אַלט געווען אַ פופצן יאָר. אַ געמיינער יונג, אַן אויסוואורף האָט זי פאַרפירט... זי האָט פון אים געהאַט אַ קינד, איז עס איר געשטאָרבן... זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומשלעפּן און אַרומצושלאָנדרעווען אַלע מאָל מיט אַן אַנדער יונג און כ'האָב איר געוואָרנט: טילע, האָב גאָט אין האַרצן, גייסט אויף אַ שלעכטן וועג! מײַנע רייד האָבן נישט געהאָלפן. זי פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג און נעכט און מיר האָבן איר געמוזט אָפּזאָגן... נאָכדעם איז זי אָפט געקומען צו אונדז. זי האָט געבענקט נאָך דיר און האָט דיך געוואָלט זען. כ'האָב זי שוין נישט צוגעלאָזן צו דיר, נישט געלאָזט דיך קושן, ווייל מ'האָט געזאָגט, אַז זי איז קראַנק... פאַרשטייסט?

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי, — ענטפערט דער זון אַזאַ מרה־שחורהדיק געוואָרענער.

— ס'איז דיר אפשר שווער צו טראָגן? — גיב זשע דאָס מיר — וויל די מוטער צונעמען די טאָרבע פרוכטן ביי איר זון.

— ניין, ס'איז מיר נישט שווער. — וויל נח נישט אַרויסלאָזן די טאָרבע מיט די פרוכטן פון די הענט.

— פאַרשטייסט שוין? — זאָגט די מוטער מיט אַ באַהאַלטענער כוונה — נעם זשע זיך טאַקע גוט אין זינען אַריין, ווי אַזוי טילע זעט אויס. יאָך בין זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן זי באַגעגנט... זי איז דיר אפשר מער דיין מאַמע ווי יאָך בין עס... זי האָט דיך אויסגעזויגן און אויפגעהאָדעוועט... יאָך בין שטענדיק געווען צוזאַמען מיטן טאַטן אין מאַרק צוליבן ביסל פּרנסה, גאָט ווייסט דעם אמת... — צעכליפּעט

זיך פּלוצים שטיל די מוטער אין מיטן גאַס — זאָלסט כאָטש געדענקען ווי אַזוי זי האָט אויסגעזען!... זי האָט נישט פאַרדינט פון גאָט אין הימל אַזוי געשטראָפט צו ווערן...

די מוטער שפּאַצירט מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ נעבן איר זון און ווישט זיך אויס די אויגן, אַז מענטשן זאָלן עס נישט באַמערקן. נח גייט נעבן זיין מאַמען מיט אַ פול פּנים מיט אָנגעלאָפענעם טרויער און צער. פאַרויס פאַר זיינע אויגן, טראָגט זיך די שיינע הפקרדיקע געשטאַלט פון טילע די אַם, זיין צווייטע מאַמע, — טראָגט זיך אום און שוועבט אין דער לופטן, די שיינע געשטאַלט מיטן געקרויזלטן קאָפּ שוואַרצע לאָקן און נאָך שוואַרצערע אויגן, אין וועלכע עס ברענען און טליען פייערלעך פון הפקרות צום אייגענעם לעבן איינגעפּאַסט אין אַ ראַם פון שוואַרצן טרויער, וואָס זיינען ווי די שוואַרצע רעדער אונטערגעשמירט אַרום טילעס אויגן...

נח טוליעט זיך צו נענטער צו דער מוטער און מיטאַמאָל גיט ער אַ זאָג מיט בייזקייט און פאַרוואורף:

— די מאַמישע האָט עס מיר נישט געדאַרפט דערציילן, נישט געדאַרפט...

די מוטער ענטפערט נישט. מוטער און זון שפּאַצירן ווייטער אויף די שבתדיקע גאַסן און פאַרויס, פאַר זיי, שוועבט טילע מיטן צעבראָכע־נעם, אַ תל־געוואָרענעם לעבן...

טרערן אינעם שנײ

אין מיטן דער נאַכט, האָט די לבנה אָנגעהויבן אַרײַנלײַכטן צו אסתרן אין שטוב אַרײַן. אויף די פענצטער־שײַבלעך האָבן אויפֿגעבליט אײַז־װעלדער, באַשאָטענע מיט בריליאַנטענע בלומען און מיט דימענטן באַשאָטענע בלעטער; װילדע משונהדיקע חיות, שלענג און רויב־פֿייגל, האָבן אַרײַנגעקוקט אין דער פֿאַרפֿרוירענער שטוב. אײַז־צעפּלעך האָבן געפֿינקלט מיט לבנה־ליכט און אָנגעצונדן אַ פּחד, געסטראַשעט מיט אַ קאַלטן טויט, מיט געפֿרוירענע מיתה־משונהס; בלויז אויפֿן דאַך איז רואיק געשלאָפֿן אַ שװאַרצע קראָ, געשלאָפֿן אויפֿן שפּיץ קוימען און פֿאַר גאָר־נישט מורא געהאַט.

אַ שנײדיקע קעלט האָט געהוליעט בײַ אסתרן אין שטוב. די אויסגעבראָכענע שויב, װאָס האָט געפֿעלט אין אײנס פֿון די פֿענצטער, האָט צוגעהאָלפֿן דער קעלט; דער פֿאַרקלאַפּטער טאָװל, אַנשטאָט אַ שויב, אַ באַלײגטער פֿון אײַז, האָט דורכגעלאָזן די שנײדיקע װינטלעך, װאָס האָבן דורכגעיאָגט מיט אַ װאָיעריי און צוגעפּײפֿט אַ שדים־געזאַנג.

אסתר איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן. זי האָט געטראַכט װעגן איר מאַן, װאָס איז אַװעקגעפֿאָרן אַרבעטן צום „יעקע“־דײַטש קײן בערלין. שוין באַלד אַ האַלב יאָר, װי ער אַרבעט ערגעץ, דאָרטן אין אַ פֿאַבריק, און די פּאָר מאַרק, װאָס ער שיקט פֿון דאָרטן יעדן חודש, גענוגענען נישט צו קויפֿן עטלעכע פֿונט ברויט; זי מאַטערט זיך אַליין מיט דרײַ פּיצלעך קינדער, האַנדלט מיט עפּעלעך אין מאַרק; גאָט װײסט װאָס עס װעט זײַן

דער סוף?... דער מאַן וויל צוריק קומען קיין וואַרשע, ווייל אים דער יעקע־דייטש נישט אַפּלאַזן. און געלט אויף אַ באַן־בילעט האָט ער נישט! וואָס־זשע וועט טאַקע זיין דער סוף?

אסתר קוקט אַריין מיט שרעק אינעם שוואַרצן חושך פון דער נאַכט. דער פראָסט רייסט זיך און וואָיעט ווי אַ ווילדע חיה. אַלע ווילע רוקט זי פון זיך אַראָפּ דאָס איבערבעט און דעקט מיט דעם איין די קינדער. זי באַטאַפּט זיי און אַ קאַלטער שווידער דרינגט איר אַריין אין האַרץ: די קינדער האָבן די פיסלעך ווי שטיקלעך אייז; וויפל שמאַטעס זי האָט נאָר פאַרמאָגט, האָט זי אַלץ אַרויפגעלייגט אויפן איבערבעט און די קינדער דערוואַרעמען זיך נישט...

אינעם צווייטן בעט, אינעם „טאַטנס בעט", שלאָפט איינער אַליין מאָטעלע, איר עלטסטער צען־יעריקער זון. ציט זיין פאָטער איז אַוועקגעפאָרן, שלאָפט ער איינער אַליין אין פאָטערס בעט; ער שלאָפט דאָרטן איינער אַליין, כאָטש עס איז אים דאָרט, אין בעט, שרעקלעך קאַלט. וויפל די מוטער בעט אים נישט, ער זאָל שלאָפן מיט אַלע צוזאַמען אין איין בעט — זאָל כאָטש זיין צופוסנס — וויל ער נישט. ער שעמט זיך צו שלאָפן מיט דער מוטער אין איין בעט... אין דער אמתן, וויל ער נאָר שלאָפן אין טאַטנס בעט, אויס בענקשאַפט צום פאָטער. אַז ער שלאָפט אין טאַטנס בעט, ווייזט זיך אים אויס, אַז דער טאַטע פעלט נישט פון דער היים. ביינאַכט, אַז ער קריכט אַריין אין בעט, דוכט זיך אים אויס, אַז ווען ער וועט זיך איבערוועקן אין מיטן דער נאַכט, וועט ער פּלוצלונג דערפילן ליגן נעבן זיך דעם טאַטן... ביז איצט האָט אים נאָך אַזאַ גליק נישט געטראָפן; איינמאָל, אין אַ פאַרטאָג, האָט ער נעבן זיך אין בעט דערפילט עמיצן ליגן, נאָר דאָס איז געווען די מאַמע, וואָס איז אין איר עלנט אַריינגעקראָכן צו אים אין בעט אַריין און האָט זיך צוגעטוליעט צו איר עלטסטן זון, אָט ווי דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער, נאָר באַלד האָט ער זיך אָפּגערוקט פון איר, אָנגעהויבן דרינגען מיט די פיס און געשריגן:

— זאָל די מאַמישי גיין צו זיך אין בעט אַריין... זאָל די מאַמישי שוין גיין!

אסתר האָט געמוזט אַרויסגיין פון בעט. זי האָט געקרעכצט און געזיפצט, טרערן האָבן איר געשטיקט. ציט דער מאַן אירער איז אַוועק־

געפֿאָרן, איז מאָטעלע קראַנק פֿון בענקשאַפֿט: ער שווייגט אָפּ אַ פֿאַר־טראַכטער גאַנצע טעג. שוין זייער לאַנג ווי זי האָט אים נישט געהערט לאַכן. דערצו האָט ער נאָך פֿון שטענדיק אָן, אַן אומרואיקן שלאָף: ער דעקט זיך אָפּ ביינאַכט און זי מוז אַלע מאָל אַראָפּגיין פֿון איר בעט, אים צודעקן. זי האָט נאָר מורא, אַז ער זאָל זיך פֿאַרקילן. נאָך דאָס וואָלט איר געפֿעלט צו אירע צרות!

פֿאַרטאָג, אַז דער קאַלטער פֿרימאָרגן גרויעט אַריין אין שטוב, הייבט זיך אסתּר אויף פֿונעם געלעגער. זי ציט אויף זיך אַרויף אירע אָרעמע קליידער און וואַשט זיך נעבן קיכל,ביים ווינקל פֿון דער טיר. זי מורמלט עפּעס שטיל מיט די ליפּן. דאָס איז נישט קיין תּפֿילה צו גאָט, וואָס זי מורמלט, נאָר קללות אויף איר ברודערס קאָפּ, דער זעלבער ברודער, וואָס פֿאַר דער מלחמה איז ער געווען אָרים ווי דער טויט, און איצט, נאָך דריי יאָר מלחמה, אינעם יאָר 1917, איז ער אַ גבֿיר: וווינט אין זעקס צימערן מיט דריי באַלקאָנען צו דער גאַס און מיט אַ פּאַראַדנעם אַריינגאַנג; אַז ער איז געווען אָרעם, האָט אים אסתּר אַלע וואָך אַריינגעשטופּט עטלעכע קערבלעך „אויף שבת”. אים אוועקגעגעבן, ווו נאָר אַן איבעריקן גראָשן, וואָס זי האָט פֿאַרמאָגט, אים אוועקגעגעבן דאָס גאַנצע „קניפּל”, די עט־לעכע קערבלעך, וואָס זי פֿלעגט אָפּשפּאָרן, אַז דער מאַן זאָל נישט וויסן, אים אויסגעבאָרגט אירע בריליאַנטענע אויריינגלעך, אַ מתּנה פֿון איר חתן צו דער חתונה, אַז ער, איר ברודער, זאָל זיי פֿאַרזעצן, אויף צו באַצאָלן דירה־געלט, און דערציילט דעם מאַן, אַ מעשה, אַז טילע, די דינסט, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן מיט עטלעכע וואָכן פֿאַר דער מלחמה צו איר חתן קיין אַמעריקע, האָט זיי צוגעגנבֿעט... די אויריינגלעך זיינען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, אַליץ וואָס זי האָט אים געבאָרגט איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן... און אַז דער ברודער, דער מלחמה־שפּעקולאַנט, ווייסט, אַז זי הונגערט מיט די קינדער, האָט ער פֿאַרגלאָצט מיט די אויגן און געזאָגט: „וואָס בין יאָך שולדיק, אסתּר, אַז דו האָסט נישט געוואוסט ווי אַזוי צו לעבן? אַז מע לעבט ניש׳ מיט חשבון, שטאַרבט מע ניש׳ מיט קאָ׳ ווידוי...” זי האָט אים אַפֿילו דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּיסק אַריין, אַז די ציין זיינען אים שיר נישט אַרויסגעפֿאַלן. נאָר פֿון דעמאָלט אָן, אַז זי איז מיט זיך אַליין, ריידן איר איר שדים און רוחות, ראַיען אַרום ווי ווערעם אינעם האַרץ און אין דער נשמה און זי האַלט זיך אין איין פֿרעגן:

— „יאָך האָב נישט געוווסט ווי אַזוי צו לעבן? יאָך?!"

אסתר קוקט זיך ארום איבער דער שטוב. די קינדער שלאָפן געשמאַק. זי טרייבט פון זיך אַוועק דאָס נמאסע, אַנגעפרעסענע געשטאַלט פונעם רייכן ברודער און כאַפּט אַ בליק צום פאַרפרוירענעם קראַן: שוין באַלד צוויי וואָכן, ווי דאָס וואַסער איז פאַרפרוירן און קומט נישט אַרויף צו איר אין שטוב, אויפן פערטן שטאָק; זי וואַרפט זיך אַרויף אויף די אַקסלען די שוואַרצע, אָפּגעריבענע „דערע", שליסט שטיל אויף די טיר און זי לאָזט זיך גיין מיטן גרויסן בלויען טשייניק אין דער האַנט, אַראָפּ אויפן צווייטן אָדער ערשטן שטאָק, צו די שכנים נאָך אביסל וואַסער.

אביסל שפּעטער, אַז זי קומט צוריק, רייבט זי זיך די אַנגעפרוירענע הענט, הויכט אויף זיי מיטן מויל, בלאָזט פון זיך אַרויס אַ פּאַרע און הייבט אָן וועקן איר ייִנגל, מאָטעלע:

— מאָטעלע, מאָטעלע, שטיי אויף, טו זיך אָן. כ'דאַרף שוין באַלד אַוועקגיין אין מאַרק אַריין, אפשר וועל יאָך פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט... טו זיך אָן: דאָ האָב יאָך דיר אָנגעגרייט אָפּגעשיילטע קאַרטאָפלעס, שוין אַריינגעלייגט אין טאָפּ אַריין, שוין צעשניטן און געזאַלצט; וועסט זיך אָנטאָן, וועסט מאַכן פייער, וועסט געבן די קינדער עסן. דיר זאָלסטו נעמען אַ סך און זאָלסט לאָזן אביסעלע פאַר מיר. הערסט? אַז כ'וועל נאָר עפּעס לייזן, מאַכן אַ פּאַטשאָנטעק — קויף יאָך אַ ברויט מיט אַ פּאָר לויט פוטער און קום אהיים. מאָטעלע, הערסט?

מאָטעלע נורעט זיך אין איבערבעט און ענטפערט נישט, ער מאַכט זיך נישט הערן. צייט ער איז געבליבן אָן אַ טאַטן, האָט פון אים די מאַמע געמאַכט אַ דינסט, אַ ניאַנקע... ער גייט שוין נישט אין חדר אַריין און מוז אָפּהיטן די שוועסטערלעך. אַ סך מאָל ווייזט זיך אים אויס, אַז ער איז נישט קיין ייִנגל, נאָר אַ מיידל...

— מאָטעלע — זעצט זיך די מוטער אַוועק אויפן ראַנד פונעם בעט און הייבט אים אָן צו טרייסלען — האָב רחמנות... כ'האָב שוין נישט קיין כוח צו ריידן... פאַרוואָס ביסטו אַזוי שלעכט צו דיין מאַמען? אַז כ'וועל קראַנק ווערן, וועט דיר שוין זיין בעסער, האַ?...

מאָטעלע דערפילט אונטערן איבערבעט דער מאַמעס פייכט-געוואָרענע אויגן און פילט אירע ציטערנדיקע ליפּן, וואָס רייסן זיך און ראַנגלען זיך אויסצוברעכן אין אַ געוויין. מאָטעלע ווערט גלייך וואַך און ער גיט זיך

א האסטיקן זעץ אויף. ער צעעפנט א פּאָר פאַרשלאָפענע, פאַרשעמטע אויגן און הייבט זיך אָן בעטן:

— זאָל די מאמישי גיין. כ׳וועל שוין אַלץ טאָן. כ׳וויל נאָר בלויז שלאָפן א קליין ביסעלע.

— אזוי? — שאָקלט די מוטער בייז און נערוועאיש מיטן צעשויבערטן קאָפּ — און אַז די קינדער וועלן פאַרחלשט ווערן? פון ווען אָן האָבן זיי שוין נישט געהאט אין זייערע מיילער?...

מאָטל האָט נישט וואָס צו ענטפערן. ער שטעלט זיך אויף אין בעט, הייבט אָן ציטערן פון קעלט, עס קלאפּט אים א צאָן אין א צאָן און הייבט זיך אָן ארויפצוציען די הייזלעך. די מוטער גייט צו צום קיכל, לייגט אריין עטלעכע שטיקלעך האָלץ אין פייער־לאָך און רעדט צו זיך אליין:

— אַלע יידישע שונאים זאָלן אזוי לעבן, ווי דאָס האָלץ וועט זיך אָנצינדן... ס׳איז דען האָלץ? — שטיקלעך אייז איז דאָס! ווייַ איז צו מיין לעבן...

מאָטעלע שוין אָן אָנגעטוענער שטעלט זיך אוועק נעבן דער מוטער, כאַפּט א קוק צום פייער־לאָך און זאָגט:

— זאָל די מאמישי שוין גיין. כ׳וועל שוין מאכן פייער.

— גוטע מלאכים זאָלן דיר צוהעלפן — זיפצט די מוטער מיט פרומ־קייט, וואָס איז אויסגעמישט מיט צער — דאָ האָסטו די זאַפּאַלקעס. זאָלסט נישט רייבן גלאַט אין דער וועלט אריין...

— זאָל זיך די מאמישי אויף מיר פאַרלאָזן; כ׳וועל נישט אויסרייבן די זאַפּאַלקעס גלאַט אין דער וועלט אריין...

די מוטער גיט איר זון א קוק גלייך אין די אויגן אריין. זי זעט פּאַר זיך דעם מאנס ערנסט, געטריי פּנים; זי גיט א זיפץ און גייט צו צום בעט, וווּ עס שלאָפן איינגענורעט אירע טעכטערלעך חייהלע און נענעלע: זיי ליגן איינגענורעט איינע אין דער אַנדערער. די מוטער לייגט אויף זיי ארויף נאָך עפּעס א זאַך, וואָס עס קומט איר צו דער האנט — דעם מאנס א צעריסן רעקל; דערנאָך גייט זי צו צום קיכל־ווינקל, וווּ עס שטייט דאָס קוישל מיט די פאַרפרוירענע עפּל, איבערגעדעקט מיט א צעריסענעם זאַק — הייבט זי אויף דאָס קוישל און לאָזט זיך צו דער טיר:

— א גוטן טאָג. גיב אַכטונג אויף די קינדער און פאַרשליס די טיר. זאָלסט קיינעם נישט אריינלאָזן. טאָמער קלאפּט ווער אין דער טיר, זאָלסטו

זאָגן, אז ס'איז קיינער נישטאָ. הערסט? — גיט זי א ריר אָן מיט די פינגער די מזוזה און גיט א קוש — פאַרשליס די טיר.

מאָטעלע בלייבט אַ ווײַלע שטיין און הערט זיך איין ווי די מוטער נידערט אַראָפּ מיטן שווערן קוישל פון די טרעפּ. אירע טריט דערווייטערן זיך וואָס אמאָל אלץ ווייטער און טיפער. דערנאָך ווערט אלץ שטיל. די שטילקייט פילט אָן דאָס גרויסע צימער מיט טרויער און עלנט. דער טיש מיט די שטולן צווישןביידע בעטן, דערציילן וועגן נישט געגעסענע מיטיקן און וועטשערעס... דאָס פאַרפרוינקייט פון די שויבן לייכט אַריין מיט מילך־ליכט און שניי־ליכט. פון דער וואנט איבערן טאטנס בעט, קוקט אראָפּ דעם טאטנס בילד: דער טאַטע קוקט אַרויס פון דער רויטלעכער ראָם א שמייכלדיקער, מיט א פּאָר פאַרדרייטע, שפּיציקע וואָנצעלעך; די מאמע קוקט אַרויס פון איר ראָם — פון איר בעט אַנטקעגן — גלייך צום טאַטן און לאַכט מיט שיינע ציין און אויפן קאָפּ טראָגט זי אַ ברייטן הוט מיט פּאַווע־פעדערן; זי איז באַצירט מיט א שנירל פּערל אויפן האַלדז און א בריליאנטענער בראָש אויף דער ברוסט; דאָס אלץ איז שוין לאנג פארקויפט געוואָרן, אפילו דעם גרויסן הענג־זייגער, האָט די מאמע פאַרקויפט באלד נאָכן טאטנס אַוועקפאָרן קיין דייטשלאנד. א שאָד דער זייגער, ס'בענקט זיך נאָך אים ווי נאָך א מענטש...

מאָטעלע קוקט אויף דער וואנט, אויף דעם אָרט, ווו עס איז אַמאָל געהאנגען דער זייגער מיט די לאנגע קייטן און שווערע מעשענע געוויכטער, וואָס האָבן זיך געהאלטן אין איין אַראָפּלאָזן צו דער ערד; איצט איז פארבליבן א שטיקל נישט־אָפּגעבליאקעוועטע וואנט, וואָס האָט אויף זיך אָפּגעשטעמפּלט די פּאָרעם פונעם פאַרקויפטן זייגער; און דער זייגער, הענגט איצטער, מסתמא, אין א צווייטער שטוב און בענקט נאָכן אָרט, ווו עס איז געווען אַזוי פיל יאָרן, און אויך דאָס שטיקל וואנט בענקט, מסתמא, נאָכן זייגער... אין ליכטיקע לבנה־נעכט, ווייזט זיך טאקע אוים, אז דער זייגער הענגט צוריק אויף זיין אָרט; אז די מאמע וויל נאָך הײַנט ווימן ווי שפּעט עס איז, דרייט זי אוים, נישט־ווילנדיק, דעם קאָפּ צו דער וואנט...

מאָטעלע דרייט זיך אַרום איבער דער שטוב און נישטערט מיט די בליקן אויפן טיש. דערנאָך גייט ער צו צום פענצטער און הייבט אָן רייבן מיטן פינגער אויף דער פארפרוירענער שויב. אן אייז־בלימעלע הייבט זיך אָן אויפטייען, צעשמעלצט זיך, און דורכן שטיקל גלאָז וואָס איז אָפּגע־

רייניקט געוואָרן פונעם אייז, זעט זיך דורך די ווינטערדיקע וועלט: דער גרויסער פירקאַנטיקער הויף ליגט א ווייסער, א פאַרשנייעטער; דער מיסט־קאַסטן אין מיטן הויף איז פאַרדעקט מיט א פּלאַכטע שניי, ווי א קלאָר, ווייס טישטעך; די דעכער, די קוימענס און די געזימסן, זיינען פאַרדעקט מיט שניי־לייַלעכער און באַצירט מיט שניי־סטענגעס; שוואַרצע קראָען שטייען אויף די קוימען־שפּיצן און ציען די קעפּלעך צום שיטערן בלויען רויך. אויפן הויף ציען זיך אויס און קרייצן זיך סטעזשקעלעך אינעם שניי און שפּורן פון שיך און שטיוול טרעטן און פאַרטרעטן איינס דאָס אַנדערע; מען קען געגוי איבערציילן וויפל מענטשן עס זיינען דורכגעגאַנגען דעם הויף: מאָטעלע דערקענט פון דער הויך דער מוטערס טריט — קליינע, דראָבנע טריט; דער הויף הייבט זיך אָן וועקן: פאַרשיידענע קולות רייסן זיך צום הימל און יאָגן זיך דורך דורכן טאָוול פונעם צעבראָכענעם שייבל. ערגעץ צעקלאַפּט ווער אַ שטיקל האַרטן קויל; ערגעץ שטעפּט אַ מאַשין; קינדער וויינען; ערגעץ דאַווענען אַ מנין יידן; עמיצער וויגט איין א קראַנק קינד.

מאָטעלע גייט צו צום קעכל און קוקט אַריין אין פייער־לאָך. ער נעמט דאָס שאַכטעלע מיט די שוועבעלעך אין האַנט און זוכט א דין שטיקל האָלץ, מיט וואָס צו צעברענען דאָס פייער. מיטאַמאָל דערטראָגט זיך א געזאַנג פונעם הויף. מאָטעלע לויפט צו צום פענצטער און הייבט אָן רייבן מיט א פינגער אין דער שויב. דאָס געזאַנג רייסט זיך אַריין אין שטוב אַריין, און די ווערטער — שוואַרצע ווערטער — הייבן אָן אַרומשוועבן איבער דער שטוב:

„דאָס פאַרצעטע (פּערצנטע) יאָר איז אָנגעקומען —
אוי, וויי, אוי, וויי...
פּאַר א זעלנער האָט מע מיך גענומען,
אוי, וויי, אוי, וויי...
שוואַרצער פויגל, קום צופליען,
אוי, וויי, אוי, וויי...
זעץ־זיך אַנידער אויף מיין קבר רוען...
אוי, וויי, אוי, וויי..."

מאָטעלע קוקט אַראָפּ פון פענצטער שטאָק צום מענטש, צום בעטלער, וואָס זינגט איצט שטייענדיק אין מיטן הויף נעבן מיסט־קאַסטן; עס איז אַ

מענטש איינגעהילט אין שמאַטעס, אַ באַוואַקסענער און אַ קוויטיקער; ער טופּעט מיט די אָנגעפּרווירענע פיס אינעם שניי און זינגט. מאַטעלע קען דאָס גאַנצע ליד אויף אויסנווייניק און ער זינגט מיט מיטן בעטלער.

דער בעטלער הערט אויף זינגען. ער דרייט דאָס אָנגעשוואָלענע פּנים אין אַלע זייטן און קוקט מיט טריבע אויגן אין אַלע פענצטער אַריין. קיינער זעט זיך נישט פון הינטער די אָנגעפּרווירענע שויבן. דער בעטלער צעשרייט זיך מיט אַלע כוחות:

— ליבע מענטשן: שענקט עפּעס... יאָך בין שוין געשוואָלן פון הונגער... קוקט מיך אָן... ווארפט עפּעס אַראָפּ. כ'האָ' שוין דריי טעג ניש' געגעסן... טייערע מענטשן... האָטס גאָט אין האַרץ!...

דער בעטלער דרייט דעם קאָפּ אין אַלע פיר זייטן פונעם גרויסן פיר־קאַנטיקן הויף, קוקט מיט די הונגעריקע אויגן אין אַלע זייטן פון דער ווייס־געפרוירענער וועלט און וויינט:

— ליבע מענטשן... שענקט עפּעס... ווארפט עפּעס אַראָפּ...

מאַטעלע קען שוין מער נישט קוקן. דער בעטלער דערפילט אים שטיין הינטער דער ווייסער שויב און צו אים שיקט ער אַרויף זיין וויינענדיק קול. מאַטעלע שפּאַרט זיך אָן אינעם פענצטער־געלענדער און לאָזט אַראָפּ דאָס קעפּל. אַלעמאָל ווען ער זעט אַ בעטלער, ווייזט זיך אים אויס, אַז דאָס איז דער טאַטע... דער טאַטע דרייט זיך ערגעץ אַרום אַ הונגעריקער און בעטלט... אין זיינע חלומות זעט ער אָפט דעם פאָטער אַן עלנטן און אומגליקלעכן. אין פערצנטן יאָר האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. היינט — זאָגט די מאַמע — איז שוין דאָס זיבעצנטע יאָר. שוין דריי יאָר ציט זיך די מלחמה... אַ מלחמה קען זיך דאָך אַלעמאָל ציען אייביק... אייביק...

מאַטעלעס הערצל ווערט צוזאַמענגעדריקט. ער וואָלט איצט אוועק־געלייגט דעם קאָפּ ביים טאַטן אויף דער ברוסט און געוויינט און געוויינט.

חייהלע און נענעלע וועקן זיך איבערביידע מיטאַמאָל. זיי שטעקן אַרויס די צעשויבערטע קעפּלעך פונעם איבערבעט און הייבן אָן זשמורען מיט די פאַרשלאָפענע אויגעלעך:

— מאָטל, מאָטל, וואָס שטייסטו לעבן פענצטער? וועמען זעסטו דאָרטן?

— צ'ווילט זיך אָנטון? — גייט ער צו צום בעט — צ'ווילט זיך שוין אָנטון?

— ניין, כ׳וויל נישט. כ׳וויל עפּעס עסן. — זאָגט חייהלע.

— יאָך וויל אויך עסן. — זאָגט נענעלע.

— באַלד וועל יאָך אָפּקאָכן, וועט זיין עסן — זאָגט מאַטעלע א בייז־געוואָרענער.

— און שוין,— האָסטו גאָרנישט?

— דאָס שטיקעלע ברויט, וואָס די מאַמישע האָט פאַר אונדז איבער־געלאָזט — זאָגט חייהלע מיט גאַנצע פּרעטענזיעס און פאַרשייטקייט.

מאַטעלע ווערט אויפגעקאָכט און הייבט איר אָן צו טייטלען מיט א פינגער אין די אויגן אַריין:

— דו האָסט געזען, אז די מאַמישע האָט מיר איבערגעלאָזט ברויט?... זאָלסט אַזוי לעבן? — שטורכעט ער איר מיטן פינגער אינעם נעזל — שווער זיך!

— יאָ, יאָ! — שרייט חייהלע מיט איינגעגלויבטקייט — יאָך האָב געזען ווי די מאַמישי האָט דיר געגעבן ברויט! יאָך האָב געזעען!...

— יאָ, יאָ! — האַלט אונטער נענעלע מיטן פאַרפּעדערטן קעפּל — יאָ, יאָ, די מאַמישי האָט דיר איבערגעלאָזט א גאַנץ ברויט!...

— זעסט, וואָס דו האָסט מיר געטאָן, זעסט? — שאָקלט מאַטעלע כמעט וויינענדיק מיטן קעפּל — דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז כ׳האָב נישט קיין ברויט... יעצט וועט זי — ווייזט ער אויף נענעלען — אָנהייבן וויינען, ביז זי וועט ווערן הייזעריק, זעסט, וואָס דו האָסט געטאָן, זעסט?...

חייהלע פאַרויטלט זיך פאַר חרפּה און חרטה. זי באַהאַלט דאָס קעפּל אונטערן איבערבעט און ענטפערט שוין גאָרנישט. נענעלע שטעלט זיך אויף כמעט א נאַקעטע, מיטן קורצן אויסגעוואַקסענעם העמדל ביז צום נאַפּל, און הויבט אָן שרייען און וויינען:

— געב אהער ס׳ברויט! כ׳על דערציילן דער מאַמישי! געב אהער...

מאַטל גיט זי א נעם אַרום מיטביידע הענט און וויל זי צוריק אַרונטערלייגן אונטער דער פּערענע. נענעלע דריגעט מיט די פיסלעך און שרייט:

— אז וועסט מיר געבן ס׳ברויט, וועל יאָך מיך צודעקן.. א ניש׳ — ניש׳!...

מאַטעלע פאַרבראַכט מיט די הענט, ווי די מאַמע טוט דאָס, בשעת זי איז שטאַרק פאַרצווייפלט און ער שרייט ווי אַ ווילדער:

— דעק זיך צו! וועסט זיך פאַרקילן! וועסט קראַנק ווערן... דעק זיך צו... נענישי... — קושט ער איר שוין אין קעפל אַריין און אין די גרויסע טרערן, וואָס האָבן זיך איר געשטעלט אין די אייגעלעך.

חייהלע שטעקט צוריק אַרויס דאָס קעפל פון אונטערן איבערבעט און ציט דאָס שוועסטערל ביי אַ פיסל צו זיך:

— כ'האָב געזאָגט אַ ליגן! ר'האָט ניש קאַ' ברויט... קריך אַרונטער — שרייט חייהלע.

נענעלע צעעפנט אַ פּאָר גרויסע אַנטוישטע אייגעלעך. זי קריכט אַרונטער אונטערן איבערבעט און העשעט:

— די מאַמישי האָט טאַקע ניש' געלאָזן?

— טאַקע... — שאָקלט מאַטעלע מיטן קאָפּ — טאַקע ניש' גע־לאָזן...

— פאַרצייל זשע מיר עפּעס אַ שיין מעשהלע, אַ שיינע זאַך — ציטערט שוין דאָס קינד פונעם געכאַפּטן דראָזשדזש און עס קלאַפּט איר אַ ציינדל אין אַ ציינדל.

— יאָך וועל באַלד מאַכן פייער און אָפּקאָכן ס'עסן. די מאַמי־שי וועט קומען, וועט זי ברענגען גוטע זאַכן.

— פאַרצייל, פאַרצייל... וואָס 'עט זי ברענגען?

— לאָמיך שוין אָפּ, לאָמיך! — פאַרלירט שוין מאַטעלע ס'גע־דולד — כ'וועל דיר געבן אַ פּאַטש וועסטו געשעדיקט ווערן!

— די מאַמישי וועט דיך דערהרגענען, אז דו וועסט אונדז שלאָגן — סטראַשעט אים חייהלע.

— דו רעדסט נאָך? שווייג! — גיט ער מיטן גאַנצן כוח אַ פּאַטש אין דער פּערענע אַריין — כ'וועל דיר געבן אַ זבענק, וועסטו האָבן!

חייהלע גראָבט איין די נאָז אין קישן און הויבט אָן וויינען — כ'וועל פאַרציילן די מאַמע, אַז דו האָסט אונדז געשלאָגן...

— פאַרצייל, פאַרצייל, — אַז ס'זאָלן דיר אַרויס די ציין!...

איידער מאַטעלע האָט נאָך באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין געגראַמטע קללה, האָט זיך געגעבן אַ פּראַל אויף די טיר און עס האָט געגעבן אַ יאָג אַריין אַ קאַלטער ווינט צוזאַמען מיט אַ כוואַליע שניידיקן פראָסט;

באַלד גיט זיך אַ רוק אַריין אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ לאַנגער אָפּ־געשליסענער קאַפּאָטע, מיט ווייסע שטיקער שמאַטעס אַרומגעוויקלט אויף די צעריסענע שטיוול; ער זעט אויס ווי אַ הויכער, פאַרשנייטער סלופּ; די ווייסע באָרד זיינע און די וואָנסעס — אַ ברייטע און לאַנגע באָרד — איז פול מיט שנייאיקן מאָך און דינע צעפּעלעך אייז; פון זיין מויל און נאָזלעכער יאָגט אַ נעפּלדיקע פּאַרע. ער פאַרמאַכט לאַנגזאַם הינטער זיך די טיר, קוקט מיט הונגעריקע אויגן צו דער קיך און הייבט אָן בעטן מיט בעטלערישער געפאַלנקייט:

— שענקט עפּעס אָן אָרעמאַן... שענקט אַ פּיצל ברויט...

מאָטעלע גיט אַ האַסטיקן שפּרונג צו האַרט נעבן אָרעמאַן, ווי ער זאָל וועלן דעם אָרעמאַן פאַרשטעלן דעם וועג, ער זאָל נישט גיין ווייטער. ער שטעלט זיך נעבן אים אַוועק ווי אַ וואַנט, און רעדט שנעל, קוקנדיק אים מיט אַביסל מורא אין די גרויסע בלויע אויגן פונעם אָרעמען ייד:

— גייט געזונטערהייט. מיר האָבן אַליין ניש' קאַ ברויט... גייט זיך געזונטערהייט — זאָגט מאָטעלע שטרענג און רוקט זיך נענטער צו צום בעטלער פון וועמען עס יאָגט מיט אָרעמקייט, פראָסט און ווינט.

— מאָטעלע, יאָך האָב מורא — שרייט חייהלע פון בעט אַרויס.

— יאָך האָב אויך מורא — נורעט זיך נענעלע אַלץ טיפער אונטערן איבערבעט.

— גייט שוין, גייט! — ווערט מאָטעלע אומגעדולדיק — איר זעט דאָך, אַז יאָך האָב אייך גאָרניש' וואָס צו געבן!...

דער בעטלער שפּאַרט זיך אָן מיט דער ביינערדיקער פּלייצע אין דער טיר. קוקט זיך אַרום איבערן פאַרחושכטן צימער, קוקט אויף די צוויי נישט פאַרבעטע בעטן, וואַרפט אַ בליק צום קאַלטן קעכל און זאָגט:

— מילא, מילא, גאָט זאָל אייך, קינדערלעך, העלפן, אַז ס'זאָלט יאָ האָבן וואָס צו געבן אָן אָרעמאַן... לאָז מיך כאָטש, אינגעלע, זיך אָנוואַרעמען דאָ אַביסל. כ'וועל חס־וחלילה, קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן, און, באַהיט גאָט, גאָרנישט צונעמען באַ דיר — בעט זיך מיט תחנונים דער ייד.

מאָטעלע טרעט צוריק אָפּ אַ שפּאַן אויף הינטערוויילעכץ פונעם

אָרעמען ייד. די ווערטער רירן אים און דער אומצוטרוי און די מורא צום בעטלער הייבט אָן אויסוועפּן. דער אַלטער ייד הייבט זיך אָן ארויפ־הויבן זיין אייגענעם, ווארעמען אָטעם, אויף די פון קעלט פארשטארטע הענט; ער טופּעט בשעת־מעשה מיט די פיס און די שמאטעס ארום זיינע צעריסענע שטיוול הויבן אָן זיך אויפצוטייען און אונטער דעם ייד הייבט אָן פייכט צו ווערן די פּאָדלאָגע. ער טרעט ארויס פונעם נאָס געוואָרענעם אָרט, און מאכט, נישט דרייסט, אַ טריט ווייטער אין שטוב אריין.

— אַז כ׳וועל זיך נאָר אביסל דערווארעמען, אָפּכאָפּן דעם אָטעם, גיי יאָך מיר מיין וועג.

— דאָ איז דען ווארעם? — פרעגט מאַטעלע מיט שטוינונג — מיר ווערן דאָ געפרוירן, ווי אין אַ לודאָווניע...

— ס׳איז דאָ גאַנץ ווארעם. זינדיק נישט, ייִנגעלע...

מאַטעלע גיט אַ טראָציקן צי מיט די אַקסלען. דער ייד גיט נאָך אַ טריט נעָנטער צום קיכל און זאָגט:

— כ׳מעג זיך אַוועקזעצן, ייִנגעלע, לאָזט?

— זיצט, זעצט זיך — רוקט אים מאַטעלע צו אַ בענקל — זיצט.

דער ייד זעצט זיך אַוועק. לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און קוקט פארטראַכט צו זיך אין דער ווייסער באָרד אריין. מאַטעלע שאַרט זיך צו צו דער קיך און וואַרפט אַלע ווײַלע אַ באַהאַלטענעם בליק אויפן בעטלער און צינדט אָן אַ שוועבעלע.

— ס׳עסן איז שוין פארטיק? — בויגט זיך חייהלע ארויס פון בעט — שוין פארטיק?

— ס׳האָט זיך נאָך נישט אָפּגעקאָכט. זעסט דען נישט, אַז כ׳האָב נאָך אפילו קיין פייער נישט געקענט מאַכן — קוקט ער צו איר מיט אַ פּאָר פייערדיק־צערייצטע אויגן.

— ס׳הונגערט מיך אָבער...

— מיך הונגערט אויך... — שרייט ארויס נענעלע פון אונטער דעם איבערבעט.

— באַלד, באַלד וועט זיין צו עסן, באַלד! — פאַרהוסט זיך דער ייִנגל און קוקט מיט רויט־געוואָרענע, פארטרערטע אויגן, אויפן שי־טערן, בייסיקן רויך, וואָס הייבט אָן ארויסזעצן דורך די פייערקעס —

אזוי ווי ס'וועט זיך נאָר אָפּקאָכן, וועל יאָך אייך געבן צו פרעסן — שרייט ער אַ בייזער און שטיקט זיך פונעם בייסיקן רויך.

דער בעטלער הייבט אויף דעם אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און גיט אַ פרעג:

— וואו איז ערגעץ דיין טאַטע און דיין מאַמע, יינגעלע?

— די מאַמע איז געגאַנגען אין מאַרק אריין האנדלען. און דער טאַטע איז אין דייטשלאַנד.

— דיין טאַטע איז אין פּלען?

— ניין. דער טאַטע איז געפאָרן ארבעטן?

— אזוי, אזוי, און מיט וואָס האנדלט די מאַמע?

— מיט אויבס, — מיט עפּל.

דער בעטלער ווערט אנטשוויגן. ער לאָזט צוריק אראָפּ דעם טרויעריק אַלטן קאָפּ אויף דער ברוסט. מאָטעלע כאַפּט אַ קוק צום פייער. די עטלעכע שטיקלעך האָלץ טליען און צעברענען זיך נישט. מאָטעלע הייבט אָן בלאָזן מיט ביידע באַקן אָנגעשוואָלענע, אויפגעבלאָזענע, איינעם פייער־לאָך פונעם קעכל:

— פוּף, פוּף, פּו־רו־רוּף!

— ווילסט, יינגעלע, כ'זאָל דיר העלפן מאַכן פייער — שטעלט זיך אויף דער ייד און גייט צו צום קעכל — גיב מיר נאָר די זאַפּאַלקעס.

מאָטעלע דערלאַנגט אים די שוועבעלעך און זאָגט מיט אַ פאַרצווייפלט פּנים: — ס'האָלץ איז נאַס, פּיטש־נאַס.

— טאַקע, טאַקע, — באַטאַפּט דער ייד די פּאָר שטיקלעך האָלץ אינעם פייער־לאָך — אַ שאָד די זאַפּאַלקעס, ס'וועט זיך נישט אָנצינדן.

מאָטעלע בלייבט שטיין אַ פאַרפינצטערטער, אַן אדורכגענומענער מיט זאָרג. דער בעטלער גיט אים צוריק די שוועבעלעך און קוקט אויף אים מיט רחמנות. ער נעמט שאָקלען מיט דער ווייסער פאַרפרוירענער באָרד:

— נו, איך וועל שוין גיין. גאָט זאָל דיר באַצאָלן פאַר דיין גוט יידיש האַרץ. גאָט זאָל זיך אויף ענק מרחם זיין, קינדערלעך, און ענק צושיקן אַ גרויסע ישועה — צעוויגט זיך דער ייד ווי בשעת אַ תפילה און שאָקלט מיטן קאָפּ אין אַלע פיר זייטן פון דער שטוב.

— גייט געזונטערהייט! — ווינטשט אים מאָטעלע.

איין טריט פאַר דער טיר, גיט זיך פּלוצים דער בעטלער אַ שטעל אָפּ, גיט אַ מעסט אָפּ דעם יינגל פונעם קאָפּ ביז די פיס, און זאָגט נישט דרייסט:

— מילא, עפּעס מיט וואָס צו דערכאַפּן ס'האַרץ האָסטו מיר נישט צו שענקען... צ'האָט, נעבעך אַליין נישט... אָבער, אַז דו ווילסט, קענסטו מיר שענקען אַ קוש: ווילסט מיר געבן אַ קוש? — בויגט צו אים צו דער בעטלער דעם קאָפּ מיטן פאַרמעטן געלן פּנים און ווייסער באָרד.

מאָטעלע טראַכט אַפילו נישט אַ סעקונדע און נויגט צו זיינע ליפּן צום בעטלערס פּנים און גיט אים אַ קוש אין דער באַוואַקסענער באַק; ער ציט אוים דאָס העלדזל און די הענטעלעך האַלט ער אויף הינטערווײלעכץ, אויף נישט אָנצורירן זיך מיט זיי אינעם פרעמדן, משונהדיקן בעטלער. זקן און קינד קוקן זיך אָן מיט פייכטע אויגן, אין וועלכע עס ברענען פלעמלעך פון רחמנות און עלנטקייט, אַן אויפגעטויכטע ליבשאַפט, אַן אָנגעצונדענע פון שניידיקן פראָסט, פון שניי און הונגער. מיטאַמאָל גיט דער בעטלער אַ האַסטיקן נעם אַוועק דעם קאָפּ און הייבט אָן פינטלען מיט די אויגן. ער גיט אַן עפן די טיר און געגעזנט זיך מיט אַ געבראָכן קול:

— זייט געזונט קינדערלעך, גאָט זאָל אויף ענק רחמנות האָבן...

דער בעטלער ווערט נעלם הינטער דער פאַרמאַכטער טיר. ערשט איצט דרייט מאָטעלע איבער דעם שליסל אינעם שלאָס. ער בלייבט שטיין אַ פאַרויטלטער פונעם קוש, וואָס ער האָט געשאָנקען דעם בעטלער און קוקט מיט צעמישטע אויגן צו דער טיר. ער הערט נישט דעם בעטלערס אַראָפּגיין פון די טרעפּ. די שוועסטערלעך, חייהלע און נעכעלע, קוקן ארויס פון בעט און בליקן צו דער פאַרמאַכטער טיר, שווייגנדיקע און פאַרטראַכטע, אָנגעפּולטע מיט קינדערישער נאַאיוועטקייט.

מאָטל לייגט צו זיין אויער צו דער פאַרמאַכטער טיר און הערט זיך איין: דער בעטלער שטייט נאָך מסתמא אין פאָדערהויז און קוקט אַראָפּ דורך די פענצטער, אָן שויבן, אויפן הויף. וואָלטן די שויבן באַ מאָטעלען אין שטוב נישט געווען פאַרפרוירן, וואָלט מען דורך זיי געקענט זען ווי דער בעטלער שטייט באַם פענצטער פונעם פאָדערהויז,

וואָס גרעניצט זיך אין דער קרום מיט די פענצטער פון מאָטעלעס היים; ער וואָלט געזען ווי דער בעטלער שטייט טאַקע ביים פענצטער און קוקט אַראָפּ פון דער הויך אויפן גרויסן פאַרשנייעטן הויף און ער וואונדערט זיך אַליין, פונוואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען אַזוי פיל כוח אַרויפצוקריכן אויפן פערטן שטאָק און פונוואַנען וועט ער איצט נעמען אַזוי פיל כוח אַראָפּצוקריכן?...

שטייט דער בעטלער אַ פאַרשטאַרטער באַם אָפענעם פענצטער. ער זעט פאַר זיך הונדערטער פאַרמאַכטע, בייזע טירן, וואָס ווילן זיך קיינמאָל נישט עפענען, הונדערטער שוועלן טרייבן מיט רשעות און האַס דעם אָרעמען און אומגליקלעכן... בלויז דער ווייסער שניי ווינקט מיט לויטערער פריינטשאַפט און גוטסקייט... ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַ הונגעריקער מענטש זאָל קענען אָננעמען אַ זשמעניע שניי, אויפעסן און שטילן דעם הונגער... ער וואָלט אַריינגעטראָגן אין דער־אָ אָרימער שטוב פולע זשמעניעס און וואָלט געזאָגט: „עסט קינדערלעך, עסט פייגעלעך... עסט!...”

און דער בעטלער פּלאַצט פּלוצלונג אויס אין אַ געוויין. ער צעיאָמערט זיך ווי טויזנט הונגעריקע קינדער מיט איין מאָל; זיין געוויין רייסט זיך צום הימל. ער בויגט אָן זיין קאָפּ איבערן געלענדער פונעם אייביק אָפענעם פענצטער און זיינע הייסע טרערן רינען אַרויס פון זיינע אויגן און פאַלן אַראָפּ פונעם פערטן שטאָק גלייך אין ווייסן שניי אַריין. ער צענעמט זיינע הענט ווי פליגל און ווײנט אַריין אינעם ווינטערדיקן הימל:

— גאָט, גאָט, ווי אַזוי האָסטו אַזאַ יאַנדעס (יהדות) דאָס צוגעזאָגט?..

און דאָס געוויין פונעם בעטלער רייסט זיך צוריק אַריין צו מאָטעלען אין שטוב אַריין, רייסט זיך דורך דורך דער פאַרשלאָסענער טיר, קריכט אַריין צום יינגל אין האַרצן, אין דער יונגער נשמה אַריין... און מאָטעלע ווייסט פונדעסטוועגן נישט פאַרוואָס דער בעטלער וויינט: צי דערפאַר וואָס ער, דער בעטלער, איז הונגעריק, אָדער גאָר דערפאַר, וואָס ער, מאָטעלע, מיט זיינע שוועסטערלעך האָבן נאָך היינט נישט געגעסן...

מאָרגן...

סאָפּיאַ זיצט אינעם קליינעם הייפל, אויף דער שוועל פון איר צימער. זי האַלט אַביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, צום פאַרנאַכטיקן הימל, וואָס האָט אין זיך דעם אָפּשיין פון אַן אונטערגייענדיקער זון, — דערמאָנט דאָס סאָפּיאַן אַלע אומפאַרמיידלעכע זאַכן וואָס מוזן פּאַסירן, אַלע געשעענישן וואָס מוזן געשען, אַז אַלץ איז אַזוי פּשוט, פּשוט ווי דער זון־אונטערגאַנג.

סאָפּיאַ געפינט אינעם פאַרנאַכטיקן הימל אַן ענטפער אויף אַלע געננג, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען אין איר לעבן. זי געפינט אַ טרייסט אויפן גרויסן אומגליק וואָס איר האָט געטראָפן, אַז איר מאַן איז געשטאָרבן און זי איבערגעלאָזן אַן עלנטע אַלמנה, מיט אַ קינד.

עס ווערט וואָס אַמאָל פינצטערער. אויפן הימל פלעקט זיך נאָך דער אָפּשיין פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג. אַ שטערן, אַ ליכטיקער, אַ גרויסער שטערן פינקלט שוין ביי דער זייט פון אַ קליין וואָלקנדל, — אַ רויט פאַרפלאַמט וואָלקנדל, וואָס וואַרעמט נאָך אין זיך אַביסל הייסן אָטעם פון דער שוין לאַנג פאַרשוווּנדענער זון; קוקט סאָפּיאַ אויפן שטערן, זעט זי פאַר זיך אַזאַ אויגן פון אַ גוטן מענטשן, אָדער פון עפּעס אַ גוט באַשעפעניש; דאָס אויג ווינקט צו איר מיט טרייסט, מיט פאַרשטאַנד און מיט חכמה; דערמאָנט עס איר, אַז אָט, סאָפּיאַ, ביסטו געווען אַ פּשוטע פרוי און דיין לעבן האָט באַדאַרפט אויסטראָגן אַ צווייטער מענטש אויף זיינע פּלייצעס... ביסט שטענדיק געווען אַ שעפעלע, וואָס האָט באַדאַרפט האָבן אַ פּאַסטוך; און איצט, קוק: פון אַ הילפלאָז שעפעלע ביסטו אַליין געוואָרן דער פּאַסטוך, — דיין אייגענער פּאַסטוך!..

איבער סאָפּיאַס קאָפּ, אויפן הימל, האָבן זיך שוין צעפינקלט אַ סך שטערן. זי זיצט נאָך אַלץ אַליין אויפן פינצטערן הויף און איר ווייזט זיך אויס, אַז אַרום איר איז עפּעס שטאַרק ליכטיק געוואָרן. די ליכטיקייט וואָס האָט אויפגעלויכטן אין איר געמיט לייכט אין דער פינצטער, לייכט מיט שטערן־ליכט, שימערט מיט שיינען פון אַ ליכטיקער זומער־נאַכט.

אַ לייכט ווינטל האָט אַ ווייַע געטאָן אויפן הויף, אַ גלעט געטאָן איר אין פּנים אריין און איר מיטגעברענגט אַ קרעכץ פון צווייטן, שכנהשן צימער.

דער קרעכץ צוזאַמען מיטן ווינט האָט אַדורכגעיאָגט איבער איר קאָפּ, ווי אַ שוואַרצער וואָלקן שוועבט דורך, אין אַ זוניקן טאָג, איבער אַ פעלד מיט צייטיקע זאַנגען; סאָפיאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז אינעם צווייטן צימערל ליגט אַן אַלטע פרוי פון אַן אכט צענדליק יאָרן, קרעכצט זי זייער אָפּט און וואַרט אויפן טויט.

זיפצט זי דערוויַיל אַזוי וואַרטנדיק, און טעג גייען אַוועק, פאַרשווינדן, און די אַלטע קרעכצט. זי וויל שוין שטאַרבן און קען נישט...

סאָפיאַ האָט שטאַרק רחמנות אויף דער אַלטער פרוי. זי באַדויערט זי וואָס זי קען נעבעך נישט שטאַרבן. באַהיט זאָל מען ווערן.

פון צימער דערטראָגן זיך ווערטער. עמיצער זיפצט. סאָפיאַ דערקענט די שטימען און צעשמייכלט זיך.

באַלד ווערט שטיל. סאָפיאַ שטעלט זיך אויף פון איר אָרט און גייט צו צו דעם צימער פון דער שכנה. עס פאַלט אויף איר אַ טונקעלער שטראַל פון אַ בלאַסער, מאַטער שיין. זי זעט ווי די אַלטע ליגט, ווי אַ לעבעדיקער מת, אויף איר ווייסן בעטל. נעבן איר שטייען צוויי פרויען און שאָקלען טרויעריק מיט די קעפּ.

סאָפיאַ שאָקלט מיטן קאָפּ. זי שמייכלט נאָך אַלץ מאָדנע, אויסטערליש: עפּעס לאַכט אין איר אַזאַ מאָדנער געפיל. זי איז שטאַרק צופרידן פון דעם וואָס זיי, די רייכע, קענען אַלץ נישט אָפּקויפן, אָדער קריגן פאַר זייער געלט... אָט האָט די אַלטע מוטער צוויי טעכטער: איינע איז רייך און די צווייטע איז אָרעם. די אַלטע מאַמע האָט ליבער די אָרעמע טאָכטער און האָט פיינט די רייכע טאָכטער. זי וווינט אַלע יאָרן צוזאַמען מיט דער אָרעמער טאָכטער. אין די גוטע, רואיקע מינוטן, וואָס זי האָט אַמאָל, הייבט זי אויף די דאַרע, טויטע הענט צום הימל, און דאַנקט גאָט, וואָס זי וועט אַמאָל אויסהויכן די נשמה ביי דער אָרעמער טאָכטער אין שטוב. סאָפיאַ ווייסט אויך, אַז די אַלטע מאַמע איז ביי דער אָרעמער טאָכטער, ווייל ביי דער רייכער וואָלט זי נישט געקענט וווינען. זי וואָלט זי נישט געלאָזט זיין ביי זיך אין דער רייכער, אַריסטאָקראַטישער שטוב... לעצטנס קומט די רייכע טאָכטער אָפטער געוויר ווערן וואָס די מוטער טוט. ווי האַלט עס מיט איר... זי קרעכצט אָפּ, שאָקלט מיטן פעטן גוידער און פינטלט מיט די אויגן. די אַלטע קוקט כמעט קיינמאָל נישט אויף איר רייכער טאָכטער, און די אָרעמע שוועסטער בעט זיך שטענדיק ביי דער רייכער שוועסטער, אַז זי זאָל שוין גיין, זאָל זי מיט איר אַריינגיין אין קיכל, ווייל די מאַמע וויל אביסל שלאָפן. זי שלאָפט נעבעך נישט גאַנצע נעכט... די רייכע שוועסטער כאַפּט זיך

מיטאמאָל, אַז זי דאַרף שוין טאַקע גיין. דער מאַן אירער האָט נאָך נישט געגעסן קיין וועטשערע, און די אָרעמע שוועסטער באַגלייט, אָן ווערטער, די רייכע שוועסטער צו דער גאַס.

היינטיקן ביינאַכט, איז דאָרט די רייכע שוועסטער געזעסן לענגער ווי געוויינלעך. סאָפּיאַ האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט פאַר דער שוועל פון איר צימער. זי האָט זיך צעגענעצט. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זי וועט גיין זוכן איר טעכטערל, איר חנהלע, וואָס שפּילט זיך ערגעץ ביי אַ שכנה. פאַרטאָג דאַרף זי אויפשטיין און אָפּקאָכן און פאַרגרייטן עסן פאַר חנהלען און פאַר זיך. חנהלע איז קוים אַלט ניין יאָר און פירט זיך שוין ווי אַ דערוואַקסענע. זי גייט אַליין אין שול און ווען זי קומט צוריק, וואַרעמט זי זיך אַליין אָן דאָס עסן און רוימט אויף דאָס צימער. אַז סאָפּיאַ קומט פאַרנאַכט אַהיים, טרעפט זי איר טאָכטער וואַרטנדיק ביים טויערל פון שטוב און אין צימער שטייט שוין אָנגעגרייט פאַר איר דער מיטיק. וואָס זי דאַרף עסן ווען עס איז שוין פינצטער, — ווען אַלע מענטשן עסן שוין וועטשערע...

סאָפּיאַס געדאַנקען ווערן איבערגעשלאָגן פון אַ שנעלן, פלינקן געלויף. איר טעכטערל יאָגט זיך אַריין אין הויף מיט אַ טומל. זי גיט אויף איר אַ פאַל אַרויף אַ פאַרסאָפּעטע, אַ פאַרשוויצטע, און כאַפּט זי אַרום מיט אַ געבעט:

— מאַמע...

— וואָס ווילסטו? פאַרוואָס לויפסטו אַזאַ פאַרשוויצטע, ווילסט זיך פאַרקילן?

די טאָכטער גראָבט איין דעם קאָפּ אין דער מאַמעס ברוסט.

— קום שפּאַצירן, קום אַביסל אַרויס, קום...

סאָפּיאַ נעמט אַרום איר טאָכטער. זי גיט איר אַ קוש אין קאָפּ און ענטפערט מיט אַ בעטנדיק קול, מיט אַ קול, וואָס בעט זיך און איז אויך פול מיט תרעומות:

— ווילסט איך זאָל גיין שפּאַצירן מיט דיר? גוט... נו, און צי איך האָב איצט כוח צו גיין, דאָס פרעגסטו נישט... דו ווייסט, אַז איך האָב מיך שוין היינט גענוג אָנגעמאַטערט... איך וואָלט זיך שוין באַדאַרפט לייגן שלאָפן. איך וועל דאָך שוין באַלד דאַרפן אויפשטיין... נו, וואָס זשע ווילסטו פון מיר?...

די טאָכטער גראָבט זיך נאָך שטאַרקער איין אין דער מוטער. זי בעט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי זי וואָלט אויסגעבעטן אַ שיינעם חלום:

— שפּאַצירן אַ קליין ביסעלע... וועסט באַלד צוריק אַריינגיין אין שטוב, באַלד...

סאָפּיאַ שטעלט זיך אויף. די טאָכטער נעמט זי אונטערן אָרעם און

פירט איר, סאָפיאַן, אַט ווי זי, די קליינע חנהלע, וואָלט דאָס געווען די מאַמע און די גרויסע סאָפיאַ וואָלט געווען איר קינד. זיי גייען לאַנגזאַם אַדורך דאָס הייפל, און ווען זיי קומען שוין צום טויערל, עפנט זיך די טיר פון דער שכנהס צימער און ביידע שוועסטער, די רייכע און די אָרעמע, לאָזן זיך אויך צו דער גאַס. זיי גייען הינטער סאָפיאַן שווייגנדיקע; נאָר דער רייכער שוועסטערס טריט, הילכן אָפּ אויפן פינצטערן הייפל, ווי אַ שווערע, אַ פעטע קו, וואָלט געגאַנגען אויף די צוויי הינטערשטע פיס ווי אַ מענטש; די רייכע שוועסטער פּאַכעט זיך גייענדיק מיט איר גרויסן האַנט-בייטל פון קראָקאָדיל-לעדער; דער זילבערנער שלאָס גלאַנצט אין דער פינצטערניש מיט שטערן-ליכט. זי זאָגט צו דער שוועסטער מיט אַזאַ אָפּגעמאַטערט קול:

— הערסט, אז ס'וועט ביי עפּעס האַלטן, זאָלסטו מיר אָנקלינגען דורכן טעלעפאָן, זאָלסט אָנקלינגען, זאָלסט נישט פאַרגעסן!...

סאָפיאַ בלייבט שוין שטיין פאַרן טויער און רירט זיך נישט פון אָרט. זי לאָזט פאַרבייגיין ביידע שוועסטער, וואָס פאַרנעמען זיך ביים ראָג גאַס. די אָרעמע שוועסטער באַגלייט שטענדיק איר רייכע שוועסטער צום טראַמוויי און העלפט איר אַרויפקריכן אויפן וואַגאָן-טרעפּל. די רייכע שוועסטער איז דיק און שווער, — קוים וואָס זי גייט.

די קליינע חנהלע וואַרט די מאַמע זאָל מיט איר גיין שפּאַצירן, און דאָ איז זי פּלוצלונג שטיין געבליבן פאַרן טויער. זי הייבט אָן דער מוטער רייסן ביים אָרעם:

— קום שוין! אַזוי גייסטו מיט מיר שפּאַצירן?...

סאָפיאַ גיט איר פּלוצלונג אַ העפטיקן שטופּ אָפּ פון זיך. נאָך קיינמאָל אין איר לעבן האָט זי נאָך איר קינד פון זיך אַזוי נישט אָפּ-געשטויסן. זי איז עפּעס מיטאַמאָל ווילד געוואָרן פאַר כעס און זי לאָזט זיך צוריק אַריינגיין אין הייפל אריין. זי רופט איר טאָכטער מיט באַ-פעלערישקייט און אירע אויגן זיינען ווילד צעפינקלטע, צעלויכטענע מיט אויפגעפלאַמטן האָס און ביטערער שנאה. זי צעשרייט זיך:

— אַריין אין שטוב! זאָלסט שוין אַריינגיין אין שטוב!... וואָס, ווילסט איך זאָל מיט דיר גיין שפּאַצירן און מאָרגן אפשר, ועסטו הייסן,— „אז ס'וועט ביי עפּעס האַלטן" — זאָל מען דיר אָנקלינגען אין טעלע-פאָן... דו, קליינער הונט!... אַריין אין שטוב, אַריין!...

חנהלע שטייט מיט ברייט צעעפנטע אויגן, גרויסע קינדישע אויגן, וואָס זעען צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, אַ צעווילדעוועטע מאַמע חנהלע פאַרשטייט גאַרנישט. פאַרוואָס רופט זי די מאַמע „הונט"? פאַר-וואָס באַליידיקט זי איר? ווען וועט זי דאָס הייסן קלינגען דורכן טעלעפאָן? צו וואָס וועט זי ווען הייסן קלינגען דורכן טעלעפאָן? פאַרוואָס?... פאַרוואָס?...

חנהלען פאַרקלעמטביים האַרץ און זי זעצט זיך אַראָפּ אויפן טראָטואַר פון דער גאַס. פאַרן טויער פון איר שטוב און זי בריעכט אויס אין אַ יאָמערלעך געוויין: זי וויינט פאַר אַלע אומזיסט באַליידיקטע קינ־דער פון דער גאַנצער וועלט; זי וויינט פאַר זיי אַלעמען!... פון אירע אויגן פליסן הייסע, קאָכיקע טרערן: פאַרוואָס?... פאַרוואָס?... פאַרוואָס?..

סאָפּיאַ וואַכט אויף פון איר כעס. דאָס וויינענדיקע, דאָס יאָמער־לעכע קול פון איר טעכטערל, רייסט איר אין קאָפּ, שניידט איר אינעם האַרצן. זי לויפט צוריק צו דער גאַס, בייגט זיך אָן איבער איר טעכטערל, שטעלט זיך פאַר איר אויף די קני, גלעט איר טעכטערל די האָר, קושט איר אין די אויגן און פאַרענטפערט זיך מיט אַ בעטנדיק און צאַרט געוואָרן קול:

— וויין נישט... טו מיר די טובה און הער אויף וויינען... זוויין נישט, ווייל כ'וועל משוגע ווערן; כ'וועל אראָפּ פון זינען! ניין, — כ'ווייס אַז דו וועסט נישט הייסן קלינגען דורכן טעלעפאָן; דו וועסט אַזוי נישט טאָן! אפשר, מאָרגן, וועט קיינער נישט דאַרפן אַזוי טאָן... אפשר וועלן שוין מאָרגן נישט זיין קיין אָרעמע מאַמעס... אפשר, מאָרגן, וועלן שוין נישט זיין קיין רייכע טעכטער... אפשר מאָרגן, וועט שוין אזוי נישט זיין! שטיי אויף חנהלע... זיי מיר מוחל...

חנהלע פאָלגט. זי שטעלט זיך אויף. די מאַמע גיט זי אַ הייב אויף און הייבט זי אָן צו טראָגן ווי זי וואָלט געווען אַ קליין קינד, א פּיצעלע פאַרוויינט קינד... טראָגט זי זי איבער דער גאַס, קושט איר אין קעפּל און פאַרכלינעט זיך מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— מאָרגן וועט שוין אַזוי נישט זיין! — מאָרגן... מאָרגן...

און חנהלע כליפּעט נאָך אַלץ און ווייסט נישט וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט...

די האַנט

**אין אָנדענק פון מיין פריצייטיק־פאַר־
שטאָרבענעם פריינט שכנא רעזניק ע״ה.**

דער העלער נאָכמיטיק־טאָג איז געווען פארגאָסן מיט זון־בלענדעניש און מיט זון־בראַנד. די נאָענטע פעלדלעך און וועלדלעך, געסלעך און גערטנדלעך, האָבן געשרפהט מיט היץ און גאָלדיקע ליכטיקייט. דער הימל און די ערד און די גאַנצע שמעקנדיקע לופט איז געווען איין שטיק צעברענטע חמימה.

זיידל דער סטאָליער, האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער פּאָרשטאָ־טישער באַן־סטאַנציע, געשפּרייזט אַהין־און־צוריק איבער דער לאַנגער און שמאָלער באַן־פּלאַטפאָרמע, געזוכט אַ שטיק שאָטנדיק אָרט, ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון דער זון און נישט געקענט געפינען. ער איז אַריין אַ ווײלע אין וואַרט־צימערל מיטן בלעכערנעם דעכל, נאָר באַלד איז ער פון דאָרט ארויסגעלאָפן אַן אָפּגעשרפהטער ווי פון אַ גיהנום אַרויס; אין צימערל אונטער אַ באַנק, איז געלעגן אַ גרויסער געלער הונט. דער הונט איז געלעגן אַן איינגענורעטער אף די פאָדערשטע לאַפּעס און גע־פרייכט מיט אַן ארויסגעשטעקטער צונג. דער הונט האָט אַביסעלע, קוים־קוים, אָנגעשפּיצט די אויערן און זייטיק אַ קוק געטאָן מיט אַביסל מורא אויפן אַריינגעקומענעם און באַלד צוריק אַרויסגעגאַנגענעם מענטש.

אַז הונט און מענטש האָבן זיך אַ רגעלע אָנגעקוקט — האָבן ביידע — מענטש און הונט איינצייטיק געטראַכט און אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן

זיך איינס דעם אנדערן קיין שלעכטס נישט טאָן; זיידל דער סטאָליער, האָט אפילו באַלד אַ קלער געטאָן מיט רחמנות, אַז דער הונט זעט נעבעך אויס צו זיין זייער דורשטיק. ס'איז אַ גרויס רחמנות און אַ צער אויף אַ שטום, דורשטיק באַשעפעניש, אויף אַ שטומער צונג, וואָס קען, נעבעך, נישט בעטן אַ ביסעלע וואסער... אָבער באַלד טרייסט ער זיך אַליין, זיידל דער סטאָליער, אַז דער־אַ הונט, אָט דאָס שטומע באַשעפעניש, האָט נאָך, פונדעסטוועגן, געפונען מער איינזעעניש בא גאָט, ווי עס האָבן דאָס געהאַט אזוי פיל מיליאָנען יידן, וואָס זיינען אזוי אומדערבאַרעמדיק פארברענט געוואָרן דורך די נאַצישע מנוולים... אָט, ליגט זיך אַ הונט, אַ גאָטס באַשעפעניש, און קיינער וויל דעם קיין שלעכטס נישט טאָן און וועט דעם קיין שלעכטס נישט טאָן. האַ? האַ? האַ?...

זיידל סטאָליער קען נישט איינשטיין אויף אַן אָרט. ער הייבט אָן שפּרייזן איבער דער באַן־פּלאַטפאָרמע און ווישט זיך מיטן טיכל דעם שוויים, וואָס רינט אים פון שאַרבן אין קאַרק אריין. עס איז קיינער אין ערגעץ נישט פאראַן, וואָס זאָל אים קאָנען אָפּענטפערן אויף זיינע מחשבות און טענות; אין דעם שטילן נאָכמיטיק גרילצן און זעגן אָן אויפהער די פעלד־גרילן. עס זשומען ווילדע פיטער־בינען, עס פליען אום איינצלנע היישעריקן, אָפּגעריסענע און פארטראָגענע פון ווייטע מחנות און חמרים, און עס פלאַטערן אום אין דער לופטן העל־געלבלעכע שמעטערלינגען, ווי פליענדיקע בלימעלעך.

פון דעם ווייטן מזרח־האָריזאָנט דעריאָגט זיך אַ שטיל געריוש: פון רגע צו רגע ווערט דאָס געריוש שטאַרקער און העכער. באַלד פאַרוואַנדלט זיך דאָס געריוש אין אַ מין סאָפּען, ווי עפּעס אַ ריזיקע חיה וואָלט שווער געאָטעמט פון אַ פארמאַטערטן געלויף; אַ לאָקאָמאָטיוו, בלאָזנדיק וואָלקנס רויך צום הימל, האָט געשלעפּט נאָך זיך אַ גאַנצע קייט מיט פראַכט־וואַגאָנען, פארשלאָסענע און פארהעמערטע, — פאָרט דער קאָנוואָי, לאַנגזאַם, אָן אָפּשטעל פארביי דער סטאַנציע. אַ היפּשע ווײַלע נעדויערט ביז דער לאַנגער צוג ציט פארביי, און די באַן־פּלאַטפאָרם און די סטאַנציע און די גאַנצע געגנט ארום, ווערט פארפויקט און פאַרטויבט פונעם רעדער־געקלאַפּעריי איבער די רעלסן, פונעם שווערן אָטעמען פונעם לאָקאָמאָטיוו; אזוי האָט דער גאַנצער צוג פארבייגעצויגן טיפער אַוועק, ווייטער אַוועק אין דער ווייטקייט צו מערב, צו דער טיפעניש

פון לאנד. זיידל האָט נאָכגעקוקט דעם פאַרשווונדענעם צוג און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ: אוודאי, אוודאי, אָט אַזוי, נאָר אַזוי און טאַקע אַזוי, מיט אַזעלכע באַנען, מסתמא אין אַזעלכע פּראַכט־וואַגאָנען האָט מען זיי אַריינגעפּאַקט... אַזוי־אָ, אין אַזעלכע צוגן, האָט מען זיי אָפּטראַנספּאָר־טירט דאָרט אַהין... דאָרט אַהין!... דאָרטן!

א יונגע פרוי, אַ שלאַנקע און אַ הויכע, געקליידט אין אַ בלענדיק ווייס קליידל, מיט טונקעלע ברילן אויף די אויגן, האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן אויפן פּעראָן, אַהין און צוריק. עס האָט פון איר פאַרשמעקט מיט ריחות פון פּאַרפיום און בלומען; זיידל האָט אויף איר אַ קוק געטאָן און האָט זיך אויגנבליקלעך דערמאָנט אין זיין איינציקער בת־יחידה רייזעלע — ראָסיטאַ. טאַקע צוליב איר, צוליב זיין טאָכטער, בלאָנקעט ער זיך אַרום אין דער משוגענער היץ... ווען נישט זי, וואָלט ער דאָך איצט נישט געפאָרן אין שטאָט אַריין. די גרויסע געשעפטן, מישטיינסגעזאָגט, וואָס וואַרטן אויף אים אין שטאָט, וואָלטן אויף אים לאַנג געקאָנט וואַרטן... נאָר ער מוז אַוועקגיין פון שטוב, ווייל היינט איז דאָנערשטיק, היינט קומט רייזל מיט איר מאַן אָטאָ קיסין, צו גאַסט צו אירע עלטערן. יעדן דאָנערשטיק קומט זי צו גאַסט. הלוואי וואָלט זי בעסער נישט געקומען... גאָט, וואָס האָט אים שוין אַזוי פיל מאָל געשטראָפט, האָט אים אַלס צולאָג צוגעגעבן פאַר אַן איידעם אַ דייטשישן איד, אַן אמתן „יעקע", וואָס האָט נישט אין זיין פּנים קיין איין טראָפּן יידישן חן: אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט גרינע שלאַנגישע אויגן, גויאישע אויגן, וואָס עס כאַפּט אָן אַן אימה אין זיי אַריינצוקוקן... דערצו האָט ער אַן אָקסישן און בלוט רויטן אָנגעלאָפּענעם קאַרק; אַלץ איז ביי אים „קוואַטש": אַ יידישע צייטונג — קוואַטש! יידישע שולן — קוואַטש! יידיש לשון — קוואַטש! ס'גאַנצע יידישע לעבן אומעטום — קוואַטש! אַז קוואַטשען זאָל אים שוין דעם גוי!... און די מחותנעסטע, דעם איידעמס מוטער, האָט דווקא אַ יידישע נאָז ווי אַ שופר. דער בענאָק אירער איז גאָרנישט ענלעך צו דער מוטער: זי איז פרום און זי לויפט אַלע שבתים און יום־טובים „אין טעמפּעל, צום יודישן דאַפנען". און אַליין גייט זי אום אין אַ קורץ קליידל ביז איבער די קניען, רייכערט פּאַפּיראָסן, ליגט איבער גאַנצע טעג און נעכט אין די קאַפעען און אין די קאַבאַרעטן, און זי גייט אום אַ פאַרשמינקטע און פאַרפיומירטע ווי אַ „מאַדזשנאַר"... און רייזל, די

שנור, גייט נאָך דער שווינגער אין אַלע גענג... און ער, זיידל סטאָליאַר, דער געוועזענער מינסקער חסיד, אַז ער איז מיט פּופּצן יאָר צוריק געקומען קיין אַרגענטינע, האָט ער דאָך אַלץ געטאָן, ער זאָל בלייבן פּונקט אַזאַ ייִד, ווי געוועזן. ער האָט נישט געוואָלט, בשום אופן נישט געוואָלט אַרבעטן אום שבת. און דווקא די ייִדישע באַלעבאַטים, וואָס ער האָט געהאַט, האָבן דערפאַר אויף אים געקוקט מיט קרומע אויגן. איינער פון זיינע באַלעבאַטים וואָס איז נאָך צו די צרות געווען אַ קאָמיסיע־מיטגליד פון דער חברה קדישא, האָט זיך ממש אָנגעצונדן ווי אַ ליכט: „דאָ האַלט מען נישט פון אַזעלכע „מאַקאַנעס", איר נאַרישער ייִד!..." האָט אים גאָט צוגעשיקט אַן איטאַליענישן קריסט, דאָן אַרמאַנדאָ קאַנטאַריני, און יענער האָט נישט אויסגערעדט דאָס צווייטע וואָרט: „איר ווילט היטן אייער רעליגיע? מיטן שענסטן פאַרגעניגן! מיר געפעלט דאָס... גייט מיט גאָט... קיין איין וואָרט נישט מער... שטעלט זיך שוין אַרבעטן!"

צען יאָר האָט זיידל אָפּגעאַרבעט ביי דאָן אַרמאַנדאָ קאַנטאַריני און איצט אַרבעט ער פאַר זיך אַליין. אַז ער מאַכט אַ צוויי אָדער דריי ביבליאָטעק־שאַפקעס אַ וואָך, האָט ער אויך צום לעבן, וואָס, ער דאַרף דען מער ווי אַ שטיקל ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ? איז וואָס זשע נאָך דאַרף ער צוזאַמען מיט זיין ווייב האָבן?...

די באַן־סטאַנציע הייבט זיך אָן אָנפילן מיט פּאַסאַזשירן, וואָס שפּאַצירן אום הין־און־צוריק, באַגאַסענע מיט שוויים; אויף דער אַנטקעגנדיקער באַן־ליניע קומט אָן אַן עלעקטרישער צוג פון בוענאָס איירעס. עס שטייגן אויס און שטייגן איין עטלעכע פּאַסאַזשירן. עס צעקלינגט זיך אַ גלאָק. באַלד גיט עמיצער אַ פייף און דער צוג הייבט זיך אָן אַוועקרוקן לאַנגזאַם פון דער פּלאַטפאָרמע.

זיידל שטעלט זיך אַוועק אַביסל אָן אָנגעשפּאַרטער אין אַ יונג, נישט־לאַנג פאַרפלאַנצט ביימעלע, וואָס איז כמעט אַזוי הויך און דאַר ווי ער אַליין איז דאָס. זיידל דרייט זיך אום מיטן פּנים צום ביימעלע, און הייבט אָן צו גלעטן דעם יונגן שלאַנקן שטאַם און שעפּטשעט מיט די ליפּן:

— עס זאָלן נאָר נישט אָנקומען קיין שטורעם־ווינטן און דיך נישט איבערברעכן, אָדער אויסרייסן מיטן וואָרצל... מען האָט דיך

פארפלאנצט אויף א גוט ארט. זאלסט וואקסן געזונט און שיין און זאלסט זיך צעוואקסן... זאלסט דערלעבן צו ווערן א שיינער פעסטער בוים און זאלסט זוכה זיין, אז אין שאטן פון דיינע צווייגן, זאלן זיך קענען אוועקשטעלן מענטשן און זיך אפקילן פון דער היץ אין אזעלכע הייסע, חמימהדיקע טעג!...

זיידל סטאליאר האט זיך צעשאקלט און צעוויגט, אט ווי אמאל, מיט יארן צוריק אינעם מינסקער חסידים־שטיבל; ער האט בשעת־מעשה געגלעט דעם שטאם פונעם ביימעלע מיט זיינע אויסגעארבעטע הענט, מיט מאזאליעם אנגעוואקסענע אויף די דלאניעס; עטלעכע וואר־טנדיקע פאסאזשירן האבן זיך פונדערווייטנס צוגעקוקט, ווי זיידל שאקלט זיך מיט האלב־פארמאכטע אויגן און מורמלט עפעס מיט די ליפן, — האבן זיי צום ערשטן געקוקט אויף אים מיט חידוש און דערנאך אנגעהויבן צו שאקלען מיט די קעפ, ווי מען קוקט מיט באדויערן אויף א מענטש א בעל־מום, א צועשלאגענעם נעבעך...

זיידל האט זיך א כאפ געטאן, וואס דא קומט פאר: ער האט זיך א גלייכגילטיקער אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צום ביימעלע, האט אנגעהויבן צו זוכן עפעס אין די קעשענעס. ער האט ארויסגענומען א פאפיראס, פארויכערט, און נישט מאכנדיק זיך קיין וועזן ווע־גן דעם וואס מענטשן קענען וועגן אים טראכטן, האט ער אנגעהויבן בלאזן מיט רויך צום הימל.

דער עלעקטרישער צוג איז אנגעקומען. די באן איז שטיין געבליבן מיט צעעפנטע פענצטער און צעפראלטע טירן. די פאסאזשירן זיינען איילנדיק איינגעשטיגן און זיידל צוזאמען מיט זיי. דער קאנדוקטאר, מיטן פייפל צווישן די ציין, האט געפאכעט מיט א גרין שטיקל טוך צום מאשיניסט און אויסגערופן:

— שנעלצוג ביז ליניערם! שנעלצוג ביז ליניערם! ביז ליניערם שטעלט זיך נישט דער צוג!

דער קאנדוקטאר האט נאך אפגעווארט א סעקונדע, געקוקט אין אלע זייטן, געזען אז עס לויפן נישט אן קיין פרישע פאסאזשירן, האט ער געגעבן א גרילצנדן צעצויגענעם פייף, און דער צוג האט זיך לאנג־זאם אנגעהויבן רירן פון ארט.

זיידל האט אנגעהויבן שפרייזן איבער די ערשט־קלאסיקע, כמעט

לײדיקע װאַגאָנען, אין דער ריכטונג צו די צװײט־קלאַסיקע װאַגאָנען. אַז ער איז דורכגעגאַנגען כמעט אַלע ערשט־קלאַסיקע װאַגאָנען מיט די זיך שנעל־דרײענדיקע װענטילאַטאָרס, האָבן אים אָנגעהױבן צו באַבלאָזן קילע, מחיהדיקע װינטעלעך. אײנצלנע, צעװאָרפענע פּאַסאַזשירן האָבן געדרימלט בײ די אָפענע פענצטער.

דער צוג האָט זיך װאָס אַמאָל שנעלער און האַסטיקער צעיאָגט און צעגליטשט איבער די רעלסן, װאָס האָבן זיך אַװעקגעצױגן גלײך אין דער װײטקײט, געשימערט מיט זילבער און פאַרפאַלן געװאָרן דאָרטן, װוּ דער הימל באַהעפט זיך מיט דער ערד; און אַז עס איז אָנגעקומען פון דער צװײטער זײט אַנטקעגן אַ צװײטער צוג, האָבן זיך אױף אַ װײלע בײדע צוגן װי באַהאַפטן און זיך צונױפגעגאָסן און צונױפגערוקט װי צװײ פינצטערע װענט; דורך די אָפענע פענצטער האָבן פאַרבײגעשװינדלט אומצאָליקע װאַגאָן־פענצטער און װאַגאָן־טירן און עס איז נישט מעגלעך געװען צו דערזען אַ מענטשלעך געשטאַלט אין די פענצטער; אַז זײדל האָט זיך אַװעקגעזעצט אַ מידער אױף דער האַרטער באַנק אין אײנעם צװײט־קלאַסיקן װאַגאָן, האָט ער פאַרמאַכט די אױגן און אַרױסגעשטעקט אַביסל דעם קאָפּ דורכן פענצטער, אַז דאָס װינטל, װאָס שאַפט זיך פונעם אימפּעט דורכן לױפנדיקן צוג, זאָל אים אָפּקילן, איז ער געבליבן זיצן אַן אָנגעשפּאַרטער אין פענצטער, װי אַ פאַרחלשטער.

— פּאַפּיטאָ, — האָט זיך מיט אַ הױך־קלינגענדיק קולעכל צערעדט אַן אַכט אָדער נײן־יאָריק ייִנגעלע צו זײן פאָטער, אַזאַ דיקלעכער פאַרשױן מיט אַ שטרױענעם פּאַנאַמאַ־הוט אױפן קאָפּ; — פּאַפּיטאָ, פאַרװאָס, װען די באַן פאָרט שנעל, װײזט זיך אױס, אַז זי שטײט, און די הײזער, און די בײמער, און אַלץ לױפן אַװעק, פאָרן אַװעק דאָרטן, אַהין? — װײזט דאָס ייִנגעלע אין דער ריכטונג, װוּ עס אַנטלױפן די הײזער.

— װײל דאָס אױג נאַרט אָפּ! — ענטפערט דער פאָטער.

— און פאַרװאָס נאַרן אָפּ די אױגן? — פרעגט נאָכאַמאָל דאָס ייִנגעלע און שאָקלט מיט זײנע פיסלעך, װאָס הענגען אַראָפּ פון דער באַנק, אין דער לופטן.

— הער מיר אױף צו מאַטערן דאָס געדולד, טיטאָ! — װערט דער פאָטער בײז — שטעק מיר נישט אַרױס דעם קאָפּ דורכן פענצטער

און זיץ מיר גלייך, ווי א מענטש! — ציט דער פאָטער זיין יינגעלע ביים אקסל.

דאָס יינגעלע ווערט אנטשוויגן אָן אָנגעברוגזטער מיט א ביטערער מינע אין פנימל און מיט אָנגעבלאָזענע בעקלעך; עטלעכע פּאַסאַזשירן דרייען אוים די קעפּ צום יינגל און שמייכלען מיט איינגעהאַלטענע געלעכטערס. זיידל סטאָליאַר צעשמייכלט זיך אויך און טראַכט: אָט איז א קינד, א שיין חנעוודיק קינד; אַלץ וויל עס וויסן... א נחת א קוק צו טאָן אויף אַזא קינד... ס'איז א פריידן צו קוקן אויף קינדער... אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם, אַז ערשט נישט לאַנג האָט מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט אין די הונדערטער טויזנטער אַזעלכע קינדער... א מיליאָן יידישע קינדערלעך! נו, ווי אַזוי קען מען דאָס פאַרשטיין? ווי אַזוי קען מען דאָס באַגרייפן? האָ?

דער צוג טראָגט זיך מיט רוחישער שנעלקייט. די רעדער קלאַפּן, שאַרכן און רוישן. אַזוי קלאַפּט, שאַרכט און רוישט שוין באַלד זיבן יאָר ביי זיידלען אין קאָפּ און אין די געהירן. דאָס זיינען נישט קיין זיבן יאָר, נאָר גאַנצע זיבן מיליאָן יאָר! און אַמאָל, מיט זיבן יאָר צוריק, האָט נאָך זיידל געהאַט אַן אַלטע מאַמע, וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט געוועזן איבער אַכציק יאָר; ער האָט געהאַט ברידער און שוועסטער, שוואָגערס און שווענערנס — געהאַט אפשר צוויי טוץ יידישע משפחות, ערגעץ אין א שטעטעלע לעבן ראָדעם... און אין א טאָג, אין א שווארצן טאָג, האָט מען זיי אַלעמען, צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידן, אוועקגעפירט צו די ליים-גריבער הינטערן גויאישן צמענטאַרזש און זיי אַלעמען דערהרגעט און צעשטיקלט. און די קינדער האָבן זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט. און זיין אַלטע מאַמע איז געגאַנגען די ערשטע פאָרויס און געטראָגן דאָס יינגסטע אור-אייניקל אין אירע הענט און האָט אַזוי געשריגן: „אידן, האָט נישט קא מורא פאַר די ראַזבאָיניקעס... נאָר פאַר גאָט זאָלט עטץ יעצט מורא האָבן... נאָר פאַר גאָט אין הימל!...״

אַזוי האָט זי געשריגן און אַזוי האָט זי געזאָגט, און אַזוי האָט דאָס שפּעטער באַשריבן, אין אַלע יידישע בלעטער, חיים-אַלטער סאָדאָווניקס זון, וואָס איז דער איינציקער ניצול געוואָרן פון די רוצחים און געפינט זיך היינט אין ארץ-ישראל; נו, פאַרוואָס זשע זאָל נישט

קלאַפּן און העמערן ביי זיידלען אין קאָפּ? פאַרוואָס זאָל נישט זידן און קאָכן ביי זיידלען אין האַרצן?

זיידלס אויגן ווערן אָנגעלאָפן מיט בלוט. ער נעמט זיך הייבן פון דער באַנק. ער הייבט זיך אָן קאַרטשען, ווי פון אַן אָנגעכאַפּטן שניידיקן ווייטיק. ער שטעקט טיפער אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער און באַמערקט פּלוצים, ווי מיטן וועג, וואָס ציט זיך לענגאויס די באַן־שינעס, יאָגט זיך אַ גרויסער, אָפענער לאַסט־אויטאָ, וואָס וויל איבעריאָגן דעם לויפנדיקן צוג.

„אַ סך האָט מען אָנגעפּאַקט אין אַזעלכע אויטאָס — רעדט זיידל צו זיך אַליין — אָט אין אַזעלכע לאַסט־אויטאָס! און מען האָט זיי אָפּגעשיקט אַהין צו די קאַלך־אויוונס. אין אַנדערע האָבן געהאַט זייער שוואַרץ מזל אָן די קאַלך־אויוונס, און" —

— פאַרשטייסט, אהרן, ברודערקע — אַזוי איז שוין דאָס מזל פון איינעם — דערהערט פּלוצלונג זיידל אַ יידיש קול ריידן הינטער זיינע פּלייצעס — ביי מיר אויפן פעלד, אויף דער טשאַקרע, האָט געגעבן אַ קנאַק אַראָפּ אַ האָגל און האָט אין געציילטע מינוטן אַ תּל געמאַכט פון מיין גאַנץ ביסל אַרבעט, און — אַנטקעגן, ביי מיין שכן, האָט עס אַפילו קיין זאַנג נישט אָפּגעקלאַפּט... פאַרשטייסט אַזאַ מזל!

— אַנטדעקסט אַמעריקע! — האָט אַ צווייט קול אָפּגעענטפערט.

זיידל דרייט אויס דעם קאָפּ און קוקט זיך אום: הינטער אים, הינטער זיינע פּלייצעס, זיצן צוויי מענטשן, זיצן צוויי יידן, מיט אָפּגעברענטע פאַרוויטלטע פּנימער; איינער איז אַ בלאָנדער און דער צווייטער איז אַ רויטער. זעען זיי אויס ווי צוויי ריזיקע שמשון הגבורס, וואָס קענען אַ וועלט צעליינגן און איינוואַלגערן...

„אָט אַזעלכע יידן, אַזעלכע פעסטע ריזיקע יידן, האָט מען אַזוי גרינג אין די אויוונס אַריינגעוואָרפן!.. — טראַכט זיך זיידל דאָס זייניקע — אַזעלכע גבורים האָט מען אַזוי לייכט געקענט פאַרברענען אָדער גאָר באַגראָבן לעבעדיקערהייט!... ווי אַזוי קען מען דאָס באַגרייפן? ווער קען מיר אויף דעם ענטפערן, און וואָס קען מען מיר אויף דעם ענטפערן?..."

עס לויפט אָן דער קאָנדוקטאָר. ער מאַרקירט אין איילעניש די בילעטן און רופט אויס:

— ליניערס, ליניערס! ביז אַנסע שטעלט זיך נישט דער צוג!

און דער צוג יאָגט זיך און איילט זיך. באַלד הייבט ער אָן לויפן אביסעלע לאַנגזאמער. דורך די אָפענע פענצטער ציען זיך פאַרביי אָן ענדלאָזע קייט פון ווילִיעס, הייזלעך און פּאַלאַצלעך איינגעטונקענע אין גרינס און אין בלומען. ביימער באַגרינען און באַשאָטענען א מנוחהדיקע וועלט. וועלדלעך און פעלדלעך באַגרינען די גאָלדענע האָפענונגען פון אַ זאַט און פרידלעך גן־עדנדיק לאַנד. עלעגאַנטע, גלאַנציקע אויטאָ־מאָבילן פון אַלע קאָלירן, איילן זיך און גליטשן זיך איבערן געפּלאַס־טערטן שפּיגלדיקן שליאַך. מחנות ייִנגלעך און מיידלעך איילן מיט פלינקייט און גראַציעזקייט אויף ביציקלעטן, בריהן זיך איבער־צויאָגן איינער דעם אַנדערן, און אַלע צוזאַמען, ווילן איבעריאָגן דעם שוועבנדיקן צוג, אַריינזאָגן וואָס טיפער אינעם זוניקן נאָכמיטיק, וואָס איז פול מיט גאָלדיק גליק, מיט זאַטקייט און מנוחה.

„אזאַ שיינע וועלט — קלאַפּט עס זיידלען אין מוח — אַ שיינע וועלט, אַ ריזיקע וועלט... וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז אויך די וועלט איז פאַרשלאָסן פאַר די, וואָס האָבן זיך קוים דורך טויזנטער נסים געראַטעוועט פון טויט... פאַר וואָס האַלט מען אָפּגעשלאָסן די וועלט און מען וויל אין ערגעץ נישט אַריינלאָזן אַ געראַטעוועטן, אויסגעפּיי־ניקטן ייִד?... פאַרוואָס?”

די רעדער פונעם צוג קלאַפּן צו צום טאַקט פון זיידל סטאָליאַרס גע־דאַנקען. זיי זשומען און רוישן פון צאָרן, וואָס צו זיידלען ווערט קיין ביסעלע יושר נישט געגעבן... זיידל גאַפט מיט אויפגעריסענע אויגן אין דער ריכטונג צום ייִדישן בית־עולם פון ליניערס. דורכן פּאַרקן זעען זיך דורך עטלעכע שפּיצן פון מצבות. יאָ, אויף דעם הייליקן אָרט ליגן אַ סך פון זיינע לאַנדסלייט און פריינט. אַז ווייל איז צו זייערע נשמות, וואָס זיי האָבן כאָטש געהאַט די זכיה צו שטאַרבן ווי מענטשן, אַרומגערינגלטע אין זייערע לעצטע מינוטן פון זייערע משפחות און פריינט, און זיינען געקומען צו קבר ישראל... און עס איז אויך פאַרבליבן ווער עס זאָל קו־מען און זיך אויסוויינען אויף זייערע קברים... דער גאַנצער בית־עולם איז פאַרשאָטן מיט בלומען, וואָס די קרובים ברענגען. מעשה־ייִד איז דאָס אפילו נישט, נאָר מענטשלעך איז עס יאָ, זייער מענטשלעך. מילא...

טרערן פון פרייד שטעלן זיך זיידלען אין זיינע אויגן, וואָס יידן האָבן געפונען אייביקע רו און אייביקע מנוחה.

דער צוג שטעלט זיך אָפּ. עס ווערט אַ געקלינגעריי און אַ געפּייפעריי. עטלעכע פּאַסאַזשירן קומען אַריין אין וואַגאָן. אַן עלטערע פרוי אָנגעטאָן אין שוואַרצן זעצט זיך אַוועק אויף דער באַנק לעבן זיידלען. אין איינעם פון די צעפּראַלטע טירן שרייט דער קאָנדוקטאָר און פּאַכעט מיטן גרינעם שטיקל טוך אין דער האַנט:

— ביז אָנסע שטעלט זיך נישט דער צוג! ביז אָנסע שטעלט זיך נישט דער צוג!

עס דערטראָגט זיך אַ שניידנדיקער פייף און דער צוג הייבט זיך אָן ווידעראַמאָל אועקרוקן פון דער סטאַנציע. אין אַ ווײַלע אַרום טראָגט זיך שוין דער צוג, ווי געיאָגט פון אַ טייוול, רייסט זיך דער צוג אָפּ פון דער פּראָווינץ און שניידט זיך וואָס אַמאָל טיפער אַריין אין דער שטאָט, איילט צו די אינגעווײידן פון דער שטאָט בוענאָס־איירעס. עס הייבן אָן דורכצושווינדלען קרייץ־גאַסן מיט אַראָפּגעלאָזטע באַריערן, מיט מחנות וואַרטנדיקע אויטאָמאָבילן און טראַמווייען, לאַסט־וועגענער און פוס־גייער; באַריערע־היטער פּאָכען מיט גרינע פענדלעך, אָנזאָגנדיק און סיגנאַליזירנדיק, אַז דער צוג פאָרט אויף אַ זיכערן וועג און דער טומלדי־קער גערויש פון דער באַן מישט זיך אויס מיטן טומל פון דער ריזיקער זיך צאַפּלדיקער שטאָט.

— פּאַפּאַ, פּאַפּיטאָ — צעקלינגט זיך ווייטער דעם יינגעלעס גלעקלדיק קולעכל — גיב אַ קוק אויף דער זון, ועסטו זען אַ שוואַרצן פלעק! — ווייזט דאָס יינגעלע מיט עטוואָס פאַרזשמורעטע אייגעלעך צו דער זון, דורכן פענצטער.

— קוק נישט אין דער זון אַריין, וועסט זיך קאַליע מאַכן די אויגן... אויף דער זון איז קיין פלעק פאַרהאַן. מסתמא איז דאָס אַ וואָלקנדל, נאַרעלע!

— ניין, פּאַפּיטאָ, ניין. אַ פלעק איז יאָ פאַרהאַן אויף דער זון. אַ שוואַרצער פלעק איז דאָ. גיב אַ קוק, וועסטו אַליין זען. אַ שוואַרצער פלעק אויף דער זייט פון דער זון. איך שווער דיר! — הייבט דאָס קינד אויף זיין הענטל און ווייזט אין דער ריכטונג צו דער זון, וואָס געפינט זיך שוין אַביסל נידעריק אין צפון־מערב זייט.

— באַסטאַ! — בייזערט זיך דער פֿאָטער אַ נערוואָישער — עס ווייזט זיך דיר אויס, קינד...

— ניין, פּאַפּאַ, — הייבט זיך אָן צאַפּלען דאָס קינד אין זיין טיפֿסטער איבערצייגונג, אַז ער איז גערעכט — ניין, פּאַפּיטאַ — גלעט ער דעם פֿאָטער איבערן פּנים — דריי אויס דעם קאָפּ און גיב כאָטש אַ קוק...

— אָבער וואָס ווילסטו פֿון מיר, ליבער — רייסט דער פֿאָטער אַוועק דעם קינדס הענטל פֿון זיין באַק — איך קען אָבער נישט קוקן אין דער זון אַריין.. ווילסט כ׳זאָל בלינד ווערן, קינד?...

— אָבער בלויז איין קוק — צאַפּלט זיך דאָס יינגעלע מיט טרערן און עקשנות — איין קוק און וועסט זען דעם פֿלעק!

אַן עלטערער הער, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַנטקעגן, מיטן פּנים צום יינגל, אַ פֿאַרטיפֿטער אין אַ צייטונג, אַ גרויער מענטש מיט אַ צעשפּילעטן קראַגן, מיט אַ געלבלעכע מראה אין פּנים און מיט גרוי־געלבלעכע אָפּגעבליאַקעוועטע האָר — הייבט אויף דעם בליק צום יינגל און דערנאָך ווענדט ער זיך צום יינגלס פֿאָטער און זאָגט:

— זייט מיר מוחל מיין אַריינמישן זיך, סעניאָר. אייער קינד איז גערעכט: אויף דער זון איז איצט טאַקע פֿאַראַן אַ שוואַרצער פֿלעק. אַלע צייטונגען האָבן נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק פֿאַרעפֿנטלעכט די קאָמוניקאַטן פֿון די אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריעס, אַז היינט נאָכמיטיק, וועט פֿאָרקומען אַ טיילווייזע קליינע לקוי־חמה, וואָס וועט דויערן, אַזעלכע 15 מינוט מיט סעקונדן; איצט קומט טאַקע פֿאָר די לקוי־חמה און עס איז איצט טאַקע פֿאַרהאַן אַ שוואַרצער פֿלעק אויף דער זון.

עטלעכע פּאַסאַזשירן הייבן אָן צו זשמורען מיט די אויגן צו דער זון, און דער יינגלס פֿאָטער ענטפֿערט:

— איז ער דאָך טאַקע גערעכט געווען דער ראַצערל — שיינט אויף דער פֿאָטער אַ צעשמייכלטער און גיט זיין יינגעלע אַ צאַרטן גלעט איבערן קעפּל.

דאָס יינגעלע גיט זיך אַ שטעל־אויף אַ צעפֿריידיקטער, ווי אַ גרויס גליק וואָלט אים געטראָפֿן, און פֿרעגט מיט גרויס חידוש באַם אומבאַקאַנטן הער:

— און ווי אַזוי, קען מען, סעניאָר, פֿריער וויסן, אַז אין דער מינוט

וועט אזוי ווערן מיט דער זון — צעעפנט דאָס קינד ברייט פּאַנאַנדער זיינע קלוגע, אומשולדיקע אייגעלעך.

— ווייל, מיין קינד, די געלערנטע מענטשן רעכענען פּריער אויס און זיי ווייסן צו דער מינוט און צו דער סעקונדע, ווען דאָס וועט אזוי געשען... און אזוי געשעט, ווייל עס איז פאַרהאַן א האַנט, וואָס מאַכט עס זאָל ווערן טאָג און נאַכט, זומער און ווינטער; עס איז פאַרהאַן א האַנט, וואָס מאַכט דאָ זאָל ווערן פינצטער און ערגעץ אַנדערש זאָל ווערן ליכטיק! דאָ זאָל זיין היים און ערגעץ אַנדערש — קאַלט! יאָ, יאָ, יאָ. עס איז פאַרהאַן אזא האַנט וואָס פירט די זון, די שטערן און די לבנה!

דער מאַן האָט זיך צערעדט וואָס אמאָל העכער און העכער, זיך צע־זונגען מיט א טאָן פון א פּרעדיקער. ער האָט זשעסטיקולירט מיט זיין האַנט איבער אַלעמענס קעפּ, האָט ער מיטן ווייזפינגער געוויזן אין דער הויך, צום וואַגאָן־סופיט, און א צעצונדענער אין זיין אויפגעברויזטער באַגייסטערונג, האָט ער אויפגעהויבן העכער און זינגענדיקער זיין קול:

— עס איז פאַרהאַן א האַנט, א גרויסע האַנט! — א־יאָ! עס איז פאַרהאַן אזא האַנט? — פרעגט ער ביי אַלע און אַלעמען.

דער פּאָטער מיטן יינגל האָבן די ערשטע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ:

— יאָ, עס איז פאַרהאַן אזא האַנט! אוודאי איז פאַרהאַן אזא האַנט!...

דער הער מיטן געלבלעכן קרענקלעכן פּנים האָט זיך געווענדט צו די צוויי גבורדיקע יידן און גערעדט צו זיי פונדערווייטנס:

— א־יאָ, עס איז פאַרהאַן אזא האַנט? אזא גרויסע און מעכטיקע האַנט — זינגט ער אוים מיט פרומען נצחון אין קול.

— יאָ, יאָ, יאָ! — האָבן די צוויי יידן געקוקט אויף דעם הערס אויפגעהויבענער האַנט און פאַרכטיק געשאָקלט מיט די קעפּ: — עס איז טאַקע פאַרהאַן אזא האַנט!...

די אַלטע פרוי אין שווארצן, וואָס איז געזעסן נעבן זיידלען, האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: — יאָ, עס איז פאַרהאַן אזא האַנט, יאָ!

אַלע פּאַסאַזשירן האָבן געשאָקלט פרום־פאַרזיכטיק מיט די קעפּ און איבערצייִלטע: יאָ, יאָ, יאָ! עס איז דאָ אזא האַנט!

מיטאמאָל האָט דער הער מיט דער אויפגעהויבענער האַנט אין מיטן פון זיין הייליקן עקסטאַז, זיך אַנגעשלאָגן מיט די בליקן פון זיידל סטאָ־ליאַר און זיך אַנגעקלאַפּט ווי אין א שטיינערנער מויער; ער, דער הער,

האָט באַמערקט, אַז אָט דאָס אויסגעדאַרטע מענטשל מיטן שוואַרצן קאַפּעלוש און קורץ געשוירן בערדעלע, קוקט אויף אים אַ גלייכגילטיקער, מיט אומגלויבן אין זיינע בייזע אויסגעפּייניקטע אויגן — האָט ער אויפגעהויבן נאָכאַמאָל זיין האַנט מיטן ווייז־פינגער צום סופיט:

— נישט אמת, אַז עס איז דאָ אַזאַ האַנט, אַזאַ מעכטיקע האַנט, וואָס פירט אַלץ... אַ־יאָ עס איז פאַרהאַן אַזאַ האַנט?! — שרייט ער מיט פרומקייט צו זיידלען און וואַרט זיידל זאָל אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ און נעמט פון אים די בליקן נישט אַראָפּ.

זיידל סטאָליאַר קוקט אויף דעם הער מיט דער אויפגעהויבענער, וואַרטנדיקער האַנט און גיט נישט קיין פינטל מיטן אויג און גיט נישט קיין שאָקל מיטן קאָפּ; אין זיידלען, אין זיין האַרץ, קערן זיך איצט אי־בער גאַנצע וועלטן... זיידל סטאָליאַר, דער איד, דער געוועזענער מינסקער חסיד, וויל צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, צום ערשטן מאָל אין זיינע פינף און פופציק יאָר, נישט אַ שאָקל טאָן דעם קאָפּ צו דעם, וואָס דער אומבאַקאַנטער מענטש רופט: „די האַנט". אַלץ אין זיידלען בעט זיך: „זיידל, זיידל, גיב אַ שאָקל מיטן קאָפּ!" זיידל איז אָבער קאַלט און אומדערבאַרעמדיק, ברוגז און פאַרביסן. ער זיצט אַ קאַלטער און אַנטויש־טער און גיט נישט אפילו קיין פינטל מיט די אויגן.

דער הער, דער גוטער און גאָטספאַרכטיקער מענטש, שוין באַלד אַ מיד געוואָרענער פון האַלטן די האַנט אין דער הויך, מיט געענדערטע פאַרבן אין פּנים און מיט אַנטוישונג און שרעק אין די אויגן, האָט זיך צום לעצטן מאָל ווי געבעטן בײַ זיידלען דעם סטאָליאַר:

אַ־יאָ, עס איז פאַרהאַן אַ האַנט, אַ מעכטיקע האַנט, אַ גערעכטע האַנט. אַ־יאָ?

זיידל האָט מיט קיין נערוו נישט קיין פינטל געטאָן. אַלע פּאַסאַ־זשירן, צוזאַמען מיטן יינגעלע, האָבן מיט נייגער און שטום־שווייגנדיקע אויסגעדרייט די קעפּ צו זיידלען און אים דורכגעעגבערט מיט זייערע בליקן. מיטאַמאָל איז אין צוג געוואָרן פינצטער־חושך, — די באַן האָט זיך ראַפּטום אַראָפּגעלאָזט אין טונעל אַריין, אין דער טיפעניש פון דער ערד — האָט זיך דער צוג געריסן מיט די לעצטע כוחות צו דער אונטער־ערדישער באַן־סטאַציע פון „פּלאַסאַ אָנסע". דאָס עלעקטרישע ליכט, וואָס האָט זיך אויטאָמאַטיש אָנגעצונדן אין די וואַגאָנען, האָט מיט גאָרנישט

באַלויכטן די טיפע אונטערערדישע פינצטערניש. דער הער האָט מאַכטלאָז און פאַרשעמט, אַזאַ אַנטשווינענער אראָפּגעלאָזט זיין האַנט און מיט שטילן פאַריבל געקוקט צו זיידלען סטאָליאַר. נאָר זיידל סטאָליאַר האָט געקוקט ווייט, ווייט פאַר זיך, נישט געוואָלט און נישט געזען מער פאַר זיך יענע האַנט, די שוואַרצע און גרויליקע... אַלץ אַרום האָט געברומט און גערוישט. אינעם טונעל האָט זיך דער גערויש פונעם צוג געשטיקט ווי צעפּלעטשטע דונערן, ווי מיליאָנען מענטשלעכע קולות וואָלטן גע־ברומט; אָבער זיידל האָט איצט גאָרנישט געהערט; ער האָט בלויז איצט געזען פאַר זיך די מיליאָנען פאָר הענט, יענע אַנדערע הענט — זעקס מיליאָנען פאָר דערמאָרדעטע, פאַרברענטע און געשענדעטע יידישע הענט!...

Este libro se terminó de imprimir el día 5 de Mayo de 1948 en los Talleres Gráficos "Universo". — Jujuy 729, Buenos Aires.